STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03373

DROSHES, REDES UN LEKTSHURS

Hayim Malits

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דרשות, רעדעם
און לעקטשורס

— פון —

חיים מאליץ

פרייז $2.00

ניו יארק.

.1925

צו דיא לעזער.

דער בוך „דרשות, רעדעס און לעקטשורס“ וואס איהר האלט יעצט אין האנד, איז גאנץ פערשיעדען פון אלע אנדערע ביכער פון דעם סארט.

איך האב בטבע פיינד צו סטראשען מענשען מיט גיהנם, און צו ווארפען אויפ'ן עולם א פחד, אז נאכ'ן טויט וועט מען שטעלען זינדיגע מענשען אויף הייסע סקאווירדעס און מען וועט זיי דארט ברענען און בראטען פאר יעדען ווארט וואס זיי האבען איבערגע־היפערט אין "א'ז קוצ'ז".

איך בין אין אלגעמיין ניט קיין אנהענגער פון דעם סארט מוסר, וואס פרעטענדירט צו מאכען דעם מענשען פ ר ו מ ע ר. דער הויפט צוועק פון מיינע דרשות, רעדעס און לעקטשורס איז, צו מאכען דעם מענשען ב ע ס ע ר.

יעדער מענש האט גענוג צרות דורכצומאכען אין דער קורצער צייט פון זיין לעבען, און מען דארף זיין א מלאך אלעם אריבער צו־טראגען גערולדיג און קיינמאל ניט ווארטשען.

עס איז דאריבער א גרויסער אומרעכט פון דרשנים, מגידים און רעדנערס צו קומען און נאך שיטען דיא מענשען זאלין אויף די וואונדען, און זיי דערצעהלען, אז אלעס וואס זיי ליידען דא אויף דיעזער וועלט איז נאך גאר ניט. און אז דיא רעכטע צרות וועלען זיך ערשט אנפאנגען אויף יענער וועלט.

נאך מיין מיינונג דארף דאס גאנצע שטרעבען פון א רעדנער זיין צו לייטערען דעם מענשען׳ס נשמה, צו פאלירען דעם מענשען׳ס כאראקטער און איהם צו מאכען פיהלען, אז נאר ליעבע און גוטס־קייט פיהרען דיא וועלט צו אמת׳ן גליק און צופריעדענהייט.

דער רב, דער מגיד, דער רעדנער, דער לעקטשורער און יע־דער פארזיצענדער פון ארגאניזאציעס, דארפען האמערען אזוי שטארק און אזוי ווייט וויא עס לאזט זיך נאר, צו פערפלאנצען יעדען איינעם אין געדאנק דיא גרויסע מעלות פון זיין א גוטער מאן און א ליעבליכער פאטער אין דער היים, און א גוטער, פריינד־ליכער מענש אין גאס, אין געזעלשאפט און אין ביזנעס.

דאס וועט שוין במילא העלפען, אז דער מענש וועט ווערען א בעסערער מענש צו גאט און צו לייט.

כללים פאר רעדנערס.

א רעדנער מוז ניט נעהמען אלע מיינע רעדעס און זיי נאכ־זאגען אלעס וויא עס שטעהט און געהט.

ער דארף פערשטעהן וויא פערשיעדענע זאכען צוצופאסען צו דעם וואס ער דארף האבען פיר דעם פלאץ און פאר דיא מענשען צווישען וועלכע ער געפינט זיך.

מען קען אנדערע זאכען פערקורצען, אנדערע מאכען ברייטער, און אנדערע בלויז נעהמען אלס באזיס און דארויף בויען אליין א גאנץ נייע, אייגענע רעדע.

פרעזידענטען פון לאדזשען און סאסייעטיס קענען מאכען זייערע פערזאמלונגען מעהר אינטערעסאנט ווען זיי זאלען פאר־לעזען נאך יעדען מיטינג אירגענד וועלכען לעקטשור פון דיעזען בוך. וויל טרוקענע ביזנעס מיטינגס האבען קיין אינטערעסע ניט פאר דיא מעהרסטע מיטגליעדער, איבערהויפט פאר פרויען, און לעקטשורס וואלטען ארויסגערופען פערשיעדענע דיסקוסיאנען און דעבאטען און געבראכט מעהר לעבען אין דיא פערזאמלונגען.

דאס איז אלעס וואס איך האב געהאט צו זאגען אלס פאררעדע צו דיעזען בוך. איך האף, אז יעדער איינער, מאן אדער פרוי, יונג אדער אלט, גרינער אדער געלער, וועלען דא געפינען עטוואס וואס זיי וועלען גלייכען און וואס וועט ביי זיי ווערט זיין דעם פרייז וואס זיי בעצאהלען פאר'ן בוך.

ניו יארק, ערב סכות, שנת תרפ"ה.

חיים מאליין.

אינהאלטס פערצייכנים.

זייטע

דער חודש אלול — 9
זכרנו לחיים — 13
ראש השנה — 15
ראש השנה און ניי־יאהר — 18
צום גדליה — 20
יום כפור — 23
רבי אמנון און דער ונתנה תוקף — 27
די סוכה, דער אתרוג און די היים — 31
דיא סוכה און דער גלות — 31
סוכות אמאל און היינט — 37
זיצען אין סוכה — 41
דיא חשמונאים — 44
דאס חנוכה דרעהדעל — 49
דער סוד פון חנוכה — 53
דאס דרעהדעל — 57
פורים און שנאפס — 60
א ניכטערער פורים — 63
זמן חרותנו — 66
דער איד און דיא תורה — 72
שבועות — 76
חרבן בית המקדש — 80
דר. חיים ווייצמאן וועגען קרן היסוד — 83
דר. שמריהו לעווין וועגען די חלוצים — 86
דיא שבועה — 88
מיין ברודער ישראל — 92
לייבאר דעי — 92
לייבאר דעי און קול שופר — 99
דער טאג פון כבוד אם — 102
א מעשה פון גרויסע קינדער — 108
אפיקורסים — 112

אינהאלטס פערצייכנים.

	זייטע
דאס לעבען	117
וואו וואוינט ער ?	120
דיא קליינע רומקעלאך	124
צו וואס דיא גאנצע שפיעל ?	128
קוקט אויף דיא שטערען.	132
שלעכטע געדאנקען	136
אייביגע סודות	140
ווען איז בעססער ?	144
געדאנקען	148
דער גרויסער מענש.	151
א נעכטיגער טאג	155
מענשען וואס ווייסען אלעס	159
דאס קליינע מענשעלע	163
פריהלינג געדאנקען	167
דיא מעלה פון פערגעסען	174
דיא צוקונפט.	177
דער איד מיט'ן לאנטערן.	170
טראבעל	181
פאלשע תירוצים	184
דיא ביזנעס פון לעבען	189
א קניפ אין בעקעל.	192
דרך ארץ לויט דיא דינים פון שלחן ערוך	196
מענשליכקייט לויט תלמוד ומדרשים	211
דיא ארבייטער פראגע אין תלמוד און מדרשים	216
משה אין דער מדבר	220
דער איד אין געזעלשאפט	221
עולם הזה און עולם הבא	226

ימים נוראים דרשות און רעדעס.

דער חודש אלול.

עס ליעגט שוין אזוי אין דער נאטור פון יעדען איינעם פון אונז, אז מיר ווילען ניט ליידען עס זאל קומען א ווילד פרעמדער צו אונז און אונז זאגען אונזערע חסרונות, אפילו ווען מיר ווייסען און פיהלען, אז אלעס וואס ער זאגט איז אמת.

און נאך טויזענד מאל מעהר אין כעס זיינען מיר ווען אנטי־סעמיטען קומען און צייגען אונז אן אונזערע פעהלערען. מיר זיינען בייז, ווייל מיר ווייסען, אז זיי מיינען ניט אונזער טובה, זיי זיינען ניט אויסען אונז צו מאכען בעסער, נאר זייער גאנצער צוועק איז, אונז צו ערנידעריגען, אונז צו בעליידיגען, און אונז מאכען אזוי קליין און אזוי געפאלען, אז יעדער איינער זאל אונז קענען לייכט טרעטען מיט די פיס.

אנדערש איז עס אבער, ווען עס קומט א פאטער צו א זוהן, און צייגט איהם אן זיינע פעהלערען, אדער א ברודער צו א ברודער. מען וויל עס טאקע אויך ניט ליידען, אבער טיעף אין הארצען פיהלט מען, אז דער טאטע אדער דער ברודער האט רעכט, זייער כוונה איז א ריינע, און אויב מען וויל עס אפילו ניט באלד צוגעבען, טרייעט מען אבער נאכהער דאך די פעהלערען אויסצו־בעסערען, ווייל עס איז א כלל, אז דברים היוצאים מן הלב מוזען זיין נכנסים אל הלב. ווערטער וואס קומען פון הארצען מוזען אריינדרינגען דעם צוהערער טיעף אין הארצען.

איך וועל יעצט טרייען צו רעדען ווי א טאטע, אדער ווי א ברודער, מעגט איהר עס יא וועלען ליידען אדער ניט, אבער טיעף אין הארצען וועט איהר דאך צוגעבען, אז איך האב רעכט, דאס בין איך זיכער.

עס איז א מערקווירדיגע זאך, מיט וואס פאר א היץ, מיט וואס פאר א בעגייסטערונג, פיעלע אידען לויפען תשעה באב איז שול אריין זאגען קינות אבקלאגען זייער טהייל אויף׳ן חורבן בית המקדש. יעדער פרומער איד לאזט איבער ביזנעס און לויפט זא־גען קינות—ער זאל זיך קענען גלעטען דאס בייכעל און זאגען, אז ער האט זיינס אבגעטהאן און פערטיג!...

ער האט געראטעוועט די וועלט, ער האט געזאגט קינות, ער איז געזעסען אויף דער ערד און האט געקרעכצט.

זאגט דעם זעלבען אידען, אז מיט זיצען אויף דער ערד און מיט זאגען קינות אליין קען מען די חרוב געווארענע לאנד ניט אויפבויען צוריק, אז מען מוז נאך האבען דערצו עטוואס קעש אויך — דא ווערט שוין מיין איד קאלט ווי אייז און וויל גאר ניט הערען וואס מען רעדט צו איהם. ער האט שוין זיינס אבגעטהאן, ער איז געזעסען אויף דער ערד און האט געזאגט קינות. א היבשע ביסעל קען מען דארטען אויפבויען פון די קינות וואס ער האט דא געזאגט...

איהר האט שוין וואהרשיינליך געהערט די געשיכטע פונ׳ם גראף קוראפאטקין, וועלכער איז אין דער צייט פון דער רוסיש־יאפאנעזער מלחמה, אליין ארויסגעפאהרען אין די רוסישע דער־פער צו זאמלען נדבות פאר א רוסישע פלאטע.

אין ערשטען דארף וואס ער איז אריינגעקומען האט ער גע־מאכט א שטארקען אפיעל צו די גוים זיי זאלען ביישטייערען זייער טהייל, רוסלאנד זאל קענען אויסבויען א גוטע פלאטע. די פויערים זיינען פון קוראפאטקינ׳ס רעדע אזוי געריהרט געווארען, אז יעדער איינער איז צוגעגאנגען און האט זיך געלאזט פערשרייבען, איינער צעהן רובעל, איינער פינף און צוואנציג, אן אנדערער פופציג, און קוראפאטקין איז געשטאנען און האט געקוואלען פון נחת, וואס זיינע ווערטער האבען געווירקט. ווען אלע זיינען פערטיג געווארען מיט׳ן פערשרייבען זייערע נעמען און די סומען, וואס זיי גיבען צו־שטייער אויף דער נייער רוסישער פלאטע, האט ער צוגערופען דעם ערשטען :

— מיכאילא נאווראצקי! האט ער אויסגערופען, איהר האט זיך פערשריעבען צעהן רובעל, גיט אהער דאס געלד!

און דער פויער, מיכאילא נאווראצקי, איז צוגעגאנגען מיט אן אראבגעלאזענעם קאפ און האט געזאגט:

— קיין געלד האב איך נים, אייער עקסעלענץ, אבער איך וועל עס געהן אבזיצען.

אין רוסלאנד איז דאן געווען א געזעץ, אז ווען דער פויער איז שולדיג געוועזן שטייער צו דער רעגירונג און ער האט ניט געקענט בעצאהלען, האט ער עס געמוזט אבזיצען אין געפענגניס, און עס האט זיך איהם גערעכענט א רובעל פאר א טאג.

און מיכאילא נאווראצקי איז געווען בערייט זיינע צעהן רובעל אבזיצען.

דאס זעלבע האבען די מעהרסטע פויערים געוואלט אבזיצען זייערע נדבות וואס זיי האבען זיך פערשריבען פיר דער רוסישער פלאטע.

און מען קען זיך שוין פארשטעלען וואס פאר א בריליאנטענע פלאטע רוסלאנד האט געקענט האבען פון אזא פאטריאטיזמוס וואס בעשטעהט נאר אין אבזיצען.

פונקט אזוי קען מען בויען די חרוב געווארענע לאנד, בלויז פונ׳ם אבזיצען ביי קינות...

בעסער זיצט ווייניגער, זאגט ווייניגער, און גיט אביסעל מעהר מזומן...

די זעלבע מדה פון בלויז זאגען מיט׳ן מויל מערקט זיך זעהר שטארק ווען עס קומט דער חודש אלול, אין די שולען ווערט א גע־וואלטיגע ביזי, מען נעהמט זיך צום תהלים עפעס א קלייניגקייט, ראש חודש אלול ציטערט דאך אפילו א פיש אין וואסער, היתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו?

און דער גאנצער טומעל האלט בלויז אז ביז איבער די ימים הנוראים, די טעג אין וועלכע יעדער איינער פערשרייבט זיך זיין נדבה, זיין ביישטייערונג צום יודענטהום, און אזוי ווי דער טומעל קומט פלוצים, אזוי געהט ער נאכהער אוועק פלוצים. מיט די פאר

שטונדען אין שול איז ער אבגעזעסען זיין טהייל אלס איד און פטור!

דער צוועק פונ'ם חודש אלול און די ימים נוראים איז צו שאַפען די נויטיגע מאראלישע בעגייסטערונג פיר'ן גאַנצען יאהר. די דריי הייליגע טעג האבען בעצוועקט אריינצוגעבען נשמה און גייסט אין דעם אידישען פאלק, מיט א פייער וואס זאל טליען דאס גאַנצע יאהר, ביז נעקסטען חודש אלול.

לײדער ווערט דאס פייער פערלאַשען באלד נאָך יום כפור, און ביי פיעלע פאנגט עס גאָר ניט אָן צו ברענען. אנשטאַט דעם ברען פון אידישע נשמות, ברענט גאָר דער פרייז פון שול טיקעטס.

און עס קומט אויף די געדאנקען\
די טיעפע, גרויסע שאלות,\
געוואלד, וואוהין זיינען אוועק\
די גרויסע אידישע מעלות.

וואו זיינען יענע גרויסע אידען,\
וואס האבען געשאפען גייסטיג לעבען,\
וואו זיינען יענע גרויסע העלדען,\
וואס האבען "ונתנה תוקף" אונז געגעבען?

וועט עס שוין אימער אזוי בלייבען?\
אדער ס'איז נאָר א גלות רעזולטאַט,\
און דיא גאולה וועט צוריק אויפמישען\
יענעם אלטען, שעהנעם בלאַט?

זכרנו לחיים.

זכרנו לחיים, מלך חפץ בחיים, וכתבנו
בספר חיים, למענך אלקים חיים.

עס זיינען געווען צייטען אין דער היסטאריע פון דער מענש־הייט, ווען לעבען האט קיין שום ווערטה ניט געהאט. פערשיעדענע פילאזאפען, פערצווייפעלטע נשמות, וואס האבען געטרייעט אויסצוגעפינען אלע טיעפע געהיימניסע פון דער נאטור און האבען ניט געקענט; און אלע פערשיעדענע רעליגיאנס פערטרעטער, האבען אנגעווענדעט אלע זייערע קרעפטען אוועקצונעהמען פון דעם מענשען אלעס, וואס מאכט דאס לעבען זיס און אנגענעהם.

מען האט ניט געדארפט שטיפען, מען האט ניט געטארט לאכען, מען האט נאר געדארפט וויינען און קלאגען דערויף וואס מען איז געבארען געווארען אויף דער זינדיגער וועלט. אין יענע פינסטערע צייטען איז רעכט געווען, אז אייגענע עלטערען זאלען נעהמען זייערע אייגענע קינדער און מקריב זיין צו פערשיעדענע אבגעטער, מיינענדיג, אז זיי טהון דיא קינדער א גרויסע טובה, זיי האבען גערעכענט צו וואס זאלען זיך די קינדער דארפען מאטערען יאהרען און יאהרען לאנג אין אזא טרויעריגער, אומעטיגער וועלט. אז מען קען גלייך נעהמען און זיי טראנספארטירען צו דער בעסערער וועלט.

יענע צייטען זיינען געווען די ערגסטע און דיא שווערסטע אין דער היסטאריע פון דער מענשהייט. דאן איז דאס לעבען ניט ווערטה געווען צו לעבען. ס'איז געווען א לעבעדיגער טויט...

דיא ערשטע וואס האבען אנגעפאנגען פרעדיגען א לעבען פון לעבען און פרייד, א לעבען פון פריעדען און פערגעניגען, זיינען געווען דיא פערטרעטער פון דער אידישער רעליגיאן.

ניט בלויז ראש השנה און יום כפור בעטען מיר ביים רבונו

של עולם ער זאל אונז געבען א גוטען א גליקליכען לעבען, נאר אויך יעדעס מאל ווען מען בענשט ראש חודש, בעטען מיר ביי איהם ער זאל אונז געבען א לעבען פון גליק און פריעדען, פון געזונד און פרנסה, פון רייכטהום און כבוד, און פון אלעס "וואס אונזער הארץ בעגעהרט צו גוטען".

אויף אזוי פיעל האבען אונזערע אידישע פערטרעטער פון רעליגיאן געשעצט דאס לעבען, אז ראש השנה אין אונזערע ניי־יאהר תפלות בעטען מיר זעהר ווייניג פאר יענער וועלט. אונזערע הויפט תפלות ובקשות זיינען פאר א גליקליך לעבען אויף דיעזער וועלט.

זכרנו לחיים, דערמאהן אונז צום לעבען, בעטען מיר אין דער שמונה עשרה, מלך חפץ בחיים, דוא אליין וואס דוא גלייכסט לעבען, פערשרייב אונז אין בוך פון לעבען, צוליעב דיר, גאט פון לעבען.

וויא מיר זעהען אלזא איז דאס לעבען זעהר א טהייערע זאך, און אזוי וויא דאס ריכטיגע לעבען פון מענשען פאנגט ערשט אן ווען דיא קינדער יאהרען געהן פאריבער, און מען פאנגט אן פיהרען א פאמיליע־לעבען, דעריבער ליגט עס א הייליגע פליכט אויף יעדען מאן און אויף יעדער פרוי צו מאכען דאס פאמיליען לעבען אזוי זיס און אזוי פול מיט פערגעניגען, אז עס זאל זיך לוינען צו לעבען, און צו בעטען ביי גאט: זכרנו לחיים, מלך חפץ בחיים, וכתבנו בספר החיים, למענך אלקים חיים.

ראש השנה

היינט איז ראש השנה, אונזער ספעציעלער אידישער ניי־יאהר, ווען מיר געהן אבסעטלען אלע אונזערע חשבונות, וואס מיר האבען מיט'ן רבונו של עולם.

דער רבונו של עולם האנדעלט מיט אונז אויפ'ןווארט, וויא דער "רעסיווער און טעקסעס". ער שיקט אונז נים קיין בילס, אבער

מיר ווייסען שוין, אז דעם ערשטען טאג אין תשרי ווערט אונ־זער טעקס ביל פעליג און מיר מוזען אליין געהן דעם ביל בעצאהלען.

דער רבונו של עולם אליין איז זעהר א גוטער, זיין ביל איז מיט יושר און רחמנות. ער פערלאנגט ניט צופיעל. ווען איינער האט איהם צו בעצאלען דעם גאנצען ביל איז אודאי גוט, ווען ניט וויל ער בלויז מען זאל איהם זאגען, אז מען איז שולדיג. דאס אלעס...

אין העכסטען געריכט פון דער פמליא של מעלה ווערט פון אונז ניט געפאדערט מיר זאלען אנשטעלען גרויסע, טהייערע לאיערס. מיר קענען זיך אליין פערטהיידיגען. מיר דארפען ניט ספענדען אויף לאיערס מעהר ווי דער גאנצער ביל בעטרעפט. דער־פאר ווערט שוין גאט אויך ברוגז. אז דו קענסט דיינע בילס ניט צאהלען, איז דאך א סימן, אז דו ביזט ניט קיין רייכער איד, היינט וואו נעהמסטו געלד צו בעצאהלען טהייערע לאיערס?....

היינטיגעס יאהר איז א געפעהרליכער יקרות אויף די לאיערס וואס געהען פאר אונז אבשרייען די טעקסעס, אויף די שלוחי־צבור, מען וואלט געקענט בעצאהלען דעם גאנצען ביל מיט דעם געלד וואס מיר בעצאהלען די חזנים מיט זייערע משוררים, זיי זאלען געהן סעטלען מיט'ן רבונו של עולם פאר די חובות, וואס מיר זיי־נען איהם שולדיג.

עס זיינען דא מאדנע מענשען אויף דער וועלט. זיי וועלען ספענדען הונדערט דאלאר אויף א לאיער און פופציג דאלאר צו קריגען פאלשע עדות. אבי אויסצופיהרען זייער קאפריז און ניט בעצאהלען א גראסערי אדער א בוטשער ביל, וואס בעטרעפט אין גאנצען ניט קיין פינף און צוואנציג דאלאר.

אונזערע בילס זיינען גאר ניט אזוי גרויס, מיר האבען גאר אזוי פיעל ניט געזינדיגט, אז מיר זאלען מוזען צאהלען פופצעהן, צוואנציג און פינף און צוואנציג דאלאר פאר א שול־טיקעט!...

מיר איז שטענדיג געווען א וואונדער אויף דער געשיכטע וואס איך האב געזעהן אין דער גמרא, אז צוויי גרויסע אידישע

חכמים רב אמי און רב אשי, זיינען קיינמאל ניט געגאנגען דאווגען אין שול: סטייטש, האב איך מיר געקלעהרט, ווי קומט עס, אז אזאלכע גרויסע תלמידי חכמים, וואס זיינען געזעסען יומם ולילה על התורה ועל העבודה, זאלען ניט געהן דאווגען אין שול? היתכן?...

אבער יעצט פערשטעהע איך די געשיכטע: אין זייערע צייטען האט הפנים אויך געמוזט אויסברעכען א גרויסער יקרות אויף שול־טיקעטס, האבען זיי געטראכט, אז עס וועט זיך זיי בעסער לוינען צו בעצאהלען די חובות וואס פון זיי קומט, איידער צו ספענדען אזוי פיעל געלד אויף אדוואקאטען און עדות, אויף חזנים און משוררים.

אז אונזערע זינד זיינען ניט אזוי גרוים און ניט אזוי געפעהר־ליך, קען מען פערשטעהן פון דעם אליין, וואס דער רבונו של עולם נעהמט אונז נאר איין מאל אין יאהר צום משפט. ווען מיר וואל־טען זיין געפעהרליכע מענשען, גרויסע פערברעכער, וואלט ער אונז ניט געלאזט ארומגעהן פראנק און פריי דאס גאנצע יאהר, אהן בעיל, ער וואלט אונז געהאלטען ארעסטירט ביז׳ן טראיל. און ווען ער טהוט עס ניט, איז א סימן, אז עס האנדעלט זיך אום געוועהנ־ליכע מענשליכע קליינע שולדען, וועלכע מיר וואלטען גאנץ לייכט אליין געקענט סעטלען צווישען זיך, אהן לאיערס.

עס איז א מערקווירדיגע זאך, ווי ווייט מיר זיינען פון אלע אנדערע פעלקער! ביי זיי ניי־יאהר איז ניי־יאהר, און ניט מעהר, ווערענד ביי אונז איז ניי־יאר א דריי־פאכיגער יום־טוב. ערשטענס, איז עס ראש השנה. אין חודש תשרי איז די וועלט בעשאפען גע־ווארען און ראש השנה איז דער געבורטסטאג פון דער וועלט־בע־שאפונג. צווייטענס, איז ביי אונז ראש השנה א יום הדין, ווען מען פראצעסירט אלע מענשען פאר אלעס וואס זיי האבען אבגע־טהאן אין דעם פערגאנגענעם יאהר. דריטענס, ווערט דיעזער יום־טוב אנגערופען "יום תרועה" — דער טאג פון בלאזען שופר.

וואס וויל פון אונז דער שופר בלאזען. איז אונמעגליך צו פערשטעהן, מילא, זאל שוין זיין אז עס איז א יום הדין, מיר מו־

זען זיך שטעלען צום גריכט אבגעבען דין וחשבון פאר א יאהר ארבייט. אבער צו וואס דארף מען נאך בלאזען שופר?

מיר איז איינגעפאלען אן אידעע, אז די הויפט כונה פון ראש השנה איז צו פייערען דעם יובילעאום פון דער וועלט־בעשאפונג דאס וואס מיר געהען צו תשליך, איז דער מארטש, דער פאראד, וואס מיר מאכען לכבוד דעם יובילעאום, ווי עס פיהרט זיך אפילו ווען מען פייערט א יובילעאום פון א שטאדט. מען מאכט א פאראד און מען מארשט. מיר מארשען צום וואסער ניט אריינצוואר־פען אהין אונזערע עברות, נאר צו דערמאנען זיך, אז בעפאר דער וועלט בעשאפונג איז אלעס געווען וואסער, ווי די תורה זאגט אונז: "ורוח אלקים מרחפת על פני המים, און גאטעס גייסט האט ארומ־געשוועבט איבער'ן וואסער. דער שופר איז די מוזיק וואס פיהרט צום מארטש.

אן ארים פאלק, אן ארימער מארטש און ארימע מוזיק.

ווען עס וועט קומען די צייט ווען מיר וועלען ווערען א פאלק מיט לייטען גלייך; ווען מיר וועלען האבען א לאנד אן אייגען ווינקעלע, און וועלען מעהר ניט זיין אונטערוואורפען צו די פער־שיעדענע קאפריזען פון די פערשיעדענע פעלקער, צווישען וועלכע מיר זיינען צוזעעט און צושפרייט איבער דער גאנצער וועלט....

אדער ווען עס וועט קומען יענע גאלדענע צייט, וואס אונזערע נביאים האבען פראפעצייעט, ווען אלע וועלען לעבען בשלום, ווען עס וועלען אויפהערען מלחמות צווישען פעלקער, און אנשטאט די שווערדען און קאנאנען, מיט וועלכע מען ערמארדעט יעצט מיליא־נען מענשען, וועט מען בעסער מאכען ניצליכע אקער־אייזענס און שנייד־מאשינען, און דער וואלף וועט מעהר ניט אנגרייפען דיא שוואכע שאף, און די וועלט וועט פול ווערען מיט'ן וואהרען בע־גריעף פון דער ריינער גאטהייט, וואס איז די קוועלע פון פריעדען און גוטעס, אזוי אז נאר גוטעס וועט הערשען אויף דער וועלט, און דאס שלעכטע אין מענשען און פעלקער וועט אין גאנצען פער־שוואונדען ווערען, עס וועט ניט זיין מעהר קיין הענרי פארד, און עס וועט ניט זיין קיין פוילען מעהר — דאן וועלען מיר פייערען דעם

ראש השנה יובילעאום פון דער וועלט־בעשאפונג מיט אן אלוועלט־ליכען פאראד, און אנשטאט צו בלאזען מיט אן ארימען שופר, וועלען די גרעסטע בענדם מוזיק פיהרען דעם מארטש, און די טרובע, וואס וועט רופען צו יענעם מארטש, וועט בלאזען א תקיעה גדולה וואס וועט זיך הערען פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטען....

דערווייל, ביז יענע לאנג־פערשפראכענע צייט וועט קומען, מוזען מיר נעהמען אלעס ווי עס געהט און ניט ווארטשען, לאמיר זאגען גם זו לטובה. און לאמיר האפען

אז דאס נייע יאהר
וועט ברייננען פריערען
צו דער גאנצער וועלט
און אויך צו אידען.
לשנה טובה תכתבו !

ראש השנה און ניי־יאָהר.

דיא אומות העולם זיינען א גליקליך פאלק. זיי האבען צו טהון נאר מיט עולם הזה. זייערע שמחות זיינען ניט קיין צושטערטע, און קיין אונטערשיעד וויא גרוים זייערע זינד זאלען ניט זיין, דאר־פען זיי יום טוב קיין "ומפני חטאינו" ניט זאגען.

אונזער ראש השנה קומט נאך תשעה באב. נאכדעם וויא מיר טרויערען אב דריי וואכען נאכאנאנד, און שליסען דעם טרויער מיט א טאג פון פאסטען און פון קינות זאגען, קומט ערשט נאכהער אונזער ראש השנה, אונזער ניי־יאהר. און מיר וויינען ווידער און שרייען גאר אויף דאס ניי "ומפני חטאינו".

— רבונו של עולם, טראכט איך אפט ביי זיך אליין, צו דען זינדיגען מיר טאקע מעהר וויא דיא גאנצע וועלט, וואס מיר קענען זיך קיינמאל ניט ריינוואשען ? ! ?

ווען נאר מיר האבען א שטיקעל יום טוב, ווערט ער אונז פער־שטערט מיט'ן „ומפני חטאינו“, וויא מיר וואלטען זיין די ערגסטע פון די ערגסטע.

מיר האבען זיך געלאזט ברענען און בראטען פאר אונזער אמונה, ווער עס האט נאר געהאט חשק האט זיך אין אונזער בלוט געוואשען דערפאר וואס מיר זיינען טריי צו אונזער גלויבען, צום סוף נאך שרייען ומפני חטאינו — איז עס ניט א מאדנע זאך!

נאטירליך, מען קען דארויף געפינען הונדערטע תירוצים, און יעדער תירוץ זאל פאר זיך זיין גאנץ גלאט — אבער דיא קשיא וועט אימער בלייבען פעסט אם פלאץ. צו דען זיינען מיר טאקע אזעלכע געפעהרליכע ברואים, אז אונזערע זינד לאזען זיך גאר קיינמאל ניט מוחל זיין!...

ניי־יאהר און ראש השנה! וואס פאר א גרויסער אונטער־שיעד. ניי־יאהר מיינט ביזנעס, געשעפט, סיילס, נאוטס, שניי־דען קופאנס, נעהמען דיווידענס, צורעכענען פראצענט אויף געלד, וואס מען האט אין די ביינק, נעהמען סטאק אויף סחורה — צו וויסען וויפיעל מען איז יעצט ווערטה מעהר וויא פאר א יאהרען — מיט אייןווארט עס מיינט לעבען, פלעזשור, עולם הזה; ווערענד ראש השנה מיינט דורכאוים עולם הבא — חשבונות פון זינד געגען גאט, רעכנונגען מיט'ן יצר הרע. עס מיינט רק אזעלכע זאכען וואס האבען צו טהון מיט יענער וועלט, גלייך וויא דיעזע וועלט וואלט פאר'ן אידען גאר ניט עקזיסטירט, נאר מיר קומען בלויז אהער זאגען "ומפני חטאינו".

ניי־יאהר און ראש השנה!... דאס צייגט, אז דער איד איז גאנץ אנדערש וויא אלע אנדערע פעלקער, אז ער איז נאך ביז היינ־טיגען טאג אין דער זעלבער מיסיאן וויא אברהם אבינו איז געווען, צו ערקלעהרען דער וועלט, אז אהן א גאטהייט איז דאס גאנצע לעבען גאר ניט ווערטה, אז עס קען ניט זיין, אז דער מענש זאל בעשאפען ווערען צוליעב דעם ביסעל אירדישען פערגעניגען. און דערמיט זאל ער אבשטארבען און א סוף. דער איד איז דער נביא,

דער אידעאליסט, דיא נשמה פון דער מענשהייט. דיא ביזנעס וחשבונות זיינען ביי איהם גאר ניט. ביי איהם איז דער עיקר דער חשבון הנפש. ווען ניט דיא האפנונג פיר עטוואס בעסערעס אין דער צוקונפט — וואלט זיך דיא גאנצע געשיכטע ניט געלוינט....
לשנה טובה תכתבו ותחתמו.

צום גדליה.

דער פאסט־טאג פון דעם זיעבטען מאנאט, אזוי האט דער נביא גערופען דעם תענית, וואס איז באקאנט אלס צום גדליה.

געווים, אין אונזערע צייטען גלויבט מען ניט פיעל אין פאס־טען, און מען קוקט אויף תעניתים, ווי אויף אן איבערבלייבעכץ פון גרויען אלטערטום — פרעגט, אדרבא, וויפיעל זיינען איצט דא תעניתים־אידען אין אמעריקא ?

אבער מיט דעם צום גדליה, איז פערבונדען איינע פון דיא טראגישסטע געשעהענישען פון דער אידישער געשיכטע, וואס יע־דער איד דארף וויסען און וואס מוז איהם מאכען פיעל צו דענקען.

וואס איז די געשיכטע פון צום גדליה ?

דאס איז געווען נאך דעם גרויסען אידישען אומגליק, וואס איז באקאנט אלס דער ערשטער חרבן. דער קעניג איז געוועז גע־פאנגען, די אריסטאקראטיע אויסגע'הרג'עט אדער אוועקגעפיהרט אין שקלאפעריי געשמידט אין קייטען און די יתר הפליטה פון נבוכדנאצר'ס שווערד זיינען אנטלאפען אין מצרים, אין אשור, אין אלע ווינקעלאך פון דער דעמאלט באקאנטער וועלט.

אין דעם פריהער פרעהליכען און גליקליכען ארץ־ישראל איז פארבליבען נאר א קליין הייפעל פון די ארימסטע פון די ארימע־די שפל'ע און עלענדע, אויף וועמען קיינער האט זיך ניט אומ־געקוקט.

בבל האט געזיגט — דאס אידיש לאנד איז געווען חרוב ומוחרב.

און אט דער צייט פון העכסטען אומגליק האט נבכדנאצר באַשטימט פאר ארץ ישראל א גובערנאטאר, דעם אידישען פירשט גדליה בן אחיקם.

צו וואס האט ער דאס געטהון? האט דען דער דאזיגער תליון געוואלט צוריק אויפבויען דאס אידיש לאנד?

די געשיכטע דערצעהלט, אז נבוכדנאצר האט קיינמאל ניט געוואלט חרוב מאכען ארץ־ישראל, ווייל זי איז פאר איהם געווען נויטיג אלס א „באפער סטייט", ווי מען רופט עס, ארץ־ישראל האט געזאלט זיין די מחיצה, וואס זאל באשיצען בבל פון דעם אנפאל פון פיינדליכע פעלקער.

נבוכדנאצר האט ניט געקאנט דערלאזען, אז דאס חרוב'ע אידיש לאנד זאל בלייבען א פרייער מדבר, א רשות הרבים פאר פרעמדע פעלקער און ער האט דערפאר געשיקט אלס זיין בעאמטען דעם אידישען גובערנאטאר.

און קיין בעסערען בעאמטען האט דאס הייפעל ארימע אידען אין ארץ־ישראל ניט געקאנט זיך ווינשען.

א פייערדיגער אידישער פאטריאט, האט גדליה בן אחיקם געהערט צו דער פריעדענס־פארטיי פון דעם גרויסען נביא־מקונן ירמיה, אזוי ווי ירמיה האט ער שטילערהייט באוויינט דעם אומגליק פון זיין פאלק און אזוי ווי ער האט ער שטענדיג געפרעדיגט שלום מיט בבל.

דער צוטרויען פון דעם טיראן פון בבל און די מאכט, וואס ער האט געקראגען, האט איהם, דעם אידישען פירשט, געגעבען איצט די מעגליכקייט צו העלפען, וואס עס איז געווען צו העלפען.

מ'שטיינס געזאגט, ווי גרויס עס האט געקאנט זיין די הילף!

ווען אין דעם גאנצען חרוב'ען לאנד האבען זיך געפינען קוים 800 אידישע נפשות, אלע פון די „דלת העם", הפקר, אומארגאניזירט, צווישען וועמען די באנדיטערייי האט זיך שטארק ענטוויקעלט. אבער ווי גרויס עס איז געווען דער תהו־ובוהו האט דער גו־

בערנאטאר צווישען דעם הייפעל היימלאזע, געמאכט זיי פאר ערד ארבייטער, געבויעט פאר זיי הייזער און געזארגט פאר זייער מאראל ווי פאר זייער מאטעריעלער לאגע.

דאס חרוב אידיש לאנד האט ווידער אנגעהויבען אויפבליהען אויף אזוי פיעל, וויפיעל עס איז געווען מעגליך אונטער די אומשטענדען.

אין דער נייער אידישער הויף־שטאדט מצפה האט אנגעפאנגען א רוישענד לעבען ; די באפעלקערונג האט זיך פארגרעסערט, די אלטע רעוואלוציאנערען קעגען בבל, אונטער דער אנפיהרונג פון יוחנן בן קרח, זיינען געקומען צוריק און געשווארען טרייהייט צו גדליה'ן.

עס איז געווען די תחית המתים פון א לאנד.

אבער ווי גרויס עס איז געווען דער פארדינסט פון גדליה בן אחיקם פאר דעם לאנד גופא, איז זיין פארדינסט געווען נאך גרעסער פאר זיין פאלק אין גלות.

דאס אידיש פאלק, וואס איז געווען צעזייהט און צעשפרייט אין אלע דעמאלטיגע גלות־לענדער, האט ערוואכט מיט נייע האפנונגען.

זיי האבען געהערט, אז זייער לאנד לעבט ווידער אויף און האבען געזעהן פאר זיך א שנעלע גאולה.

אט די האפענונג, אז ארץ־ישראל ווערט צוריק געבויעט און אז זיי וועלען באלד צוריקקעהרען „איש תחת גפנו ותחת תאנתו", האט זיי געשטארקט אין זייער גלות און זיי געהאלטען צוגעבונדען צו זייער מוטער־לאנד.

די פאטריאטישע ארבייט, וואס גדליה בן אחיקם האט געטהאן פאר דער הייפעלע אידען אין ארץ־ישראל, האט מיט אומזיכטבארע פעדים צוזאמענגעבונדען די אידען פון אלע לענדער אין איין פאלק.

אבער אין דעם 3טען טאג תשרי, האט ישמעאל בן נתניה פון דער אידישער קעניגליכער משפחה מיט א באנדע פון צעהן פארשווערער ערמארדעט גדליה'ן מיט זיינע באאמטע.

עס איז קלאר, אז זיין בלוטיגע קאנספיראציע האט ישמעאל אויסגעפיהרט מיט דער האפענונג, אז דער קעניג פון עמון, מיט וועמען ער האט זיך פארבונדען, וועט איהם פארהעלפען צו דער אידישער מלוכה.

נאר וואס די אורזאך איז געווען — מיט דעם טויט פון גדליה בן אחיקם איז ביי די אידען אין די גלות־לענדער אויסגעלאשען געווארען דער לעצטער פונק פון האפענונג אויף דער ווידערגעבורט פון דעם אידיש־פאלק.

זיי האבען ביטער געוויינט אויף דעם קבר פון זייערע פארלארענע האפענונגען און האבען די עראינערונג אז דעם ערמארדעטען פאטריאט פאראייביגט מיט א „צום גדליה".

אבער דער טויט פון גדליה האט פאר זיי באדייט דער אונטערגאנג פון זייער פאלק און —

וואס איז זיי דען איבערגעבליבען אויב ניט די אסימילאציע ?

און ווי שנעל עס איז ביי אידען אנגעגאנגען דער פראצעס פון אסימילאציע אין דעם אזוי גערופענעם גלות־בבל, דאס דערצעהלען אונז די שפעטערדיגע פאטריאטען, ווי נחמיה און אנדערע.

ווייל כדי צו בלייבען א איד מוז מען זיין צוגעבונדען צו דעם אידישען לאנד, מען מוז האפען אויף א אידישער גאולה, אויף א אידישער צוקונפט.

קוים רייסט א איד אפ דעם פאדים, וואס פארבינדט איהם צו זיין לאנד, קוים הערט ער אויף צו גלויבען אין א אידיש־לאנד, אין א אידישער צוקונפט, מוז ער סוף־כל־סוף ארייןפאלען אין אסימילאציע.

דאס לערנט אונז דער צום גדליה.

יום כפור.

ניט קיין רייכטום, ניט קיין ערדישע גיטער קומט דער איד

אין זיין שוהל אויסוויינען אין יום כפור. ער קומט ניט אין דעם טאג בעטען פון זיין גאט וועלטליכע גליקען און מאכט.

בלעטערט, אדרבא, דורך דעם דיקען יום כפור'דיגען מחזור, נישטערט אין די אלע תפלות ותחנונים, אויב איהר וועט געפינען איין תפלה, אז דער איד זאל בעטען פאר זיך א גוטען מזל; אז ער זאל וויינען נאך די משמני הארץ, וואס זיינען איהם פארשפראכען געווארען שוין פון די אלטע צייטען.

די משמני הארץ, דאס מיינט עשירות און מאכט — ווער נאך, אזוי ווי דער איד, ווייסט, אז זיי האבען איהם אין דער וועלט בכלל בכלל קיין גליק ניט געבראכט?

געטריבען אזוי ווי א שטרוי פון שטורמווינט, ווערט ער שוין זייט לאנגע יאהר־הונדערטע ארומגעשליידערט פון איין פאלק צום אנדערען, פון איין לאנד אין דעם צווייטען, קומט ערגעץ באזעצט זיך, ווערט רייך און מיינט, אז דא האט ער שוין געפונען זיין היים

פלוצלינג א שחיטה, א פאגראם, א קרייצצוג, א גזירה, און פון אלע זיינע עשירות ווערט א בארג אש, און ער מוז ווידער וואנדערען.

און וואס האבען רייכטום און מאכט געבראכט דער וועלט, אויב ניט מעהר קנאה־שנאה, ערביטערונג און מלחמות? וואס האבען דען די ערדישע גיטער געגעבען דיא מענשען, אויב ניט צרות ?

און ווען דער איד קומט אין זיין הייליגסטען טאג אין שוהל, וויינט ער ניט פאר וואס ער איז ניט רייך, נאר ער בעט, וואס די נביאים האבען געבעטען.

ער בעט פאר ברידערליכקייט צווישען די מענשען: ער אפע־לירט פאר טאלעראנץ, מענשען זאלען איינע די אנדערע בעסער פארשטעהען, זיי זאלען קאנען מוחל זיין א באגאנגענעם פעהלער, פארצייהען איינער דעם צווייטען זיינע זינד.

ער בעט פאר פריינדשאפט, פאר שלום—פאר דעם גליק פון אלע מענשען.

ויעשו כלם אגדה אחת — מיט א צובראכענעם הארצען און מיט פייכטע אויגען פון טרערען בעט ער, אז די מענשען זאלען זיך פארברידערן, זיך פארבינדען, אלע צוזאמען, אלע אזוי ווי איינער.

און ניט די אידען, נאר אלע מענשען, אלע פעלקער, אלע אין איין אגודה, אין איין פארבאנד, אין איין ליגע, אין א וועלט ברידערשאפט.

דאס האבען די אידישע נביאים שוין געבעטען מיט טויזענטער יאהרען צוריק, דאס בעטען די אידען אלע זייערע יאהרען, אין זייערע היילינסטע טעג אין די ימים נוראים.

ברידער דארפען זיין צווישען זיך פריינד; ברידער דארפען איינער דעם אנדערן דן זיין לכף זכות און פארקוקען א באגאנגענע עולה. ברידער קאנען איינער דעם אנדערן ניט ווינשען קיין בייז.

און באטראכטענדיג די גאנצע מענשהייט, פאר ברידער פון איין אגודה, בעט דער איד אין זיין היילינסטען טאג:

והרשעה כלה כעשן תכלה.

געדענקט, עס איז ניטא קיין לאנד אין דער וועלט, אז אידיש בלוט, האט זיך ניט געגאסען; ניטא קיין אומה ולשון, וואס האט ניט איהר אייגענע אידישע "עשרה הרוגי מלכות" איהר אידישען מארטיראלאג.

פון בבל ביז אוקראינע און פון פערזיען ביז אונגארן — וואו זיינען אידען ניט געווארען געיאגט, געפייניגט און געשאכטען? דאך זוכט ניט דער איד קיין נקמה, ער ווארט ניט אויף דער מפלה פון זיינע שונאים, און אין זיין היילינסטען טאג בעט ער ניט:

והרשעים כלם כעשן יכלו — ער וויל ניט, אז די רשעים, די שלעכטע מענשען וואס האבען איהם געפייניגט, זאלען פארשווינ־דען פון דער וועלט, ווי א רויך; זיי זענען דאך מענשען, אויך באשאפען בצלם אלקים, מען טאר ניט ווינשען א מענשען דעם טויט.

ניין, ניט די שלעכטע מענשען זאלען פארשווינדען, נאר זייער שלעכטקייט, זייער "רשעה", די בייזע געדאנקען, די שלעכטע גע־פיהלען, עס זאל אויסגעראטעט ווערען די חיה אין מענשען — דער מענש זאל בלייבען.

אזוי האבען שוין געלערנט די אלטע אידישע חכמים, ווען זיי האבען גע'דרשנ'ט דעם פסוק: „יתמו חטאים מן הארץ״; אזוי האבען נאך פריהער געפרעדיגט די נביאים.

און אזוי בעט דער איד אין זיין יום כפור.

עס איז ניטא ביי דעם אידען קיין געפיהל פון נקמה צו א מענשען, אפילו ניט צו א שונא. ווארים דער איד איז ניט קיין נוקם ונוטר. ער וויל שלום מיט די מענשען און מיט דער וועלט און איז אלעמאל זעהר גערן צו פארגעסען די גרויסע פארברעכען, וואס ווערען באגאנגען קעגען איהם.

און אין זיין הייליגסטען טאג, יום כפור, רופט ער אויס מיט'ן גאנצען הארצען:

ונסלח לכל עדת בני ישראל ולגר הגר בתוכם כי לכל העם בשגגה!

ער פארצייהט אלעמען זייערע באגאנגענע עולות. ער פארצייהט ניט נאר דעם אייגענעם, דעם אידען, נאר אויך דעם פרעמדען, דעם גוי, מיט וועמען ער איז א שכן און וועלכער האט איהם שלעכטס געטהאן. ער געפינט אויף זיי אלעמען א זכות:

„בשגגה״ — זיי זיינען פארפיהרטע, פארנארטע, זיי האבען שלעכטע מדות, אבער זיי זענען מענשען; מען מוז זיי נעבען א געלעגענהייט זיך צו בעסערען.

אט דאס איז דער איד.

מיט אן עהרליכען, רוהיגען געוויסען, פריי פון אלע נידעריגע ליידענשאפטען פון חומר, און אין שלום מיט די מענשען און מיט דער וועלט געהט ער יום כפור אין שוהל בעטען —

בעטען ניט פאר זיך, ניט פאר רייכקייט, ניט פאר ערדישע גיטער, נאר פאר א בעסערער מענשהייט, פאר א מענשהייט אהן נקמה, אהן שנאה נור מיט ברידערליכער פריינדשאפט.

קענט איהר נאך א פאלק מיט אזא שעהנעם אידעאל, ווי דאס אידישע?

האט איהר געזעהן נאך אן אומה, וואס זאל האבען אזא ערהאבענעם יום טוב, ווי יום כפור?

רבי אמנון און דער "ונתנה תוקף"

עס האט אמאל אין דער שטאט מאגנצא, אין דייטשלאנד, א איד א גרויסער צדיק געלעבט, מיט דעם נאמען רבי אמנון.

און רבי אמנון איז דער אנגעזעהענסטער איד געווען אין שטאט ווארום ניט נאר איז רבי אמנון א גרויסער צדיק געווען נאר אויך א גרויסער נגיד און האט אויך פון גרויסען יחוס געשטאמט. און ניט נאר זענען דיא ידיעות זיינע אין דער תורה גרוים געווען, נאר ער האט אויך גרויסע ידיעות פערמאגט אין אלע פערשיעדענע וויסנעשאפטען און חכמות. און ער איז אויך א גרויסער עסקן בצרכי צבור געווען. ער האט זיך אין די אלע וויכטיגע אידישע ענינים פון זיין שטאדט בעטייליגט.

און אין דער שטאדט מאגנצא האט אויך א שר א גרויסער, א קעניגליכער פירשט, געלעבט.

און דער פירשט האט פיעל שפראכען געקענט. ער איז תמיד איבער פערשיעדענע ספרים געזעסען. ער האט רק געשטודירט כסדר.

און דער פירשט פלעג ליעב האבען צו פערברענגען אפט מיט רבי אמנון אין וויסענשאפטליכע שמועסען און אין רעליגיעזע וכוחים.

און כאטש רבי אמנון פלעגט זיך שטענדיג היטען זעהר, ווען ער האט זיינע רעליגיעזע וכוחים געפיהרט מיט דעם פירשט, פלעגט ער אבער דאך שטענדיג דער זיעגער ארויס פון די וכוחים.

איינמאל אבער איז מעשה שטן געווען, און דער פירשט האט איבער איהם די אויבערהאנד געהאט. דער פירשט האט איהם מיט פערשיעדענע פראגען פערווארפען און רבי אמנון האט זיך צוגע־שפארט צום וואנד געפיהלט.

און דער פירשט האט זיך אנגערופען צו רבי אמנון'ען:

— דו זעהסט דאך, אז דו האסט מיר ניט וואס צו ענטפערן— פערלאנג איך פון דיר, אז דו זאלסט מיר מודה זיין, אז מיין אמונה שטעהט העכער פון דיינער.

און רבי אמנון האט זיך פערלארען געפיהלט און האט דעם מוטה אנגעווארען און געזאגט צום פירשט:

— גיעב מיר צייט דריי טעג, וועל איך זיך איבערלעגען. איך וועל נאך אמאל איבערטראכטען דעם וכוח. און אויב איך וועל קומען צו דער איבערצייגונג, אז מיט דיר איז דער אמת, וועל איך מיר מודה זיין, ווי דו פערלאנגסט פון מיר.

און ווען רבי אמנון איז אהיים געקומען איז איהם א שווער געמיט בעפאלען און א טיעפער טרויער האט איהם דורכגענומען דערפאר וואס ער האט ניט געקענט אויסהאלטען דעם נסיון, צו ווערלבען גאט האט איהם געשטעלט, דערפאר וואס ער האט דער־לאזט, אז דער פירשט זאל אויף א ווײלע אפילו קענען דענקען, אז עס איז מעגליך, ער זאל אין אמת פון אידישען גלויבען לייקענען.

און רבי אמנון האט די גאנצע דריי טעג אין פאסטען און אין וויינען פערבראכט און געבעטען גאט, ער זאל איהם די מעגליכקייט געבען מקדש השם צו זיין בפרהסיא, אז ער זאל אזוי דיא סבות מסבב זיין, ער זאל קענען מיט זיין לעבען בעצאהלען פאר דעם חטא, וואס ער איז בעגאנגען.

און אויף דעם פיערטען טאג האט איהם געשיקט דער פירשט רופען. ער האט פערלאנגט פון איהם ער זאל קומען צו איהם אין דער בעשטימטער צייט.

אט רבי אמנון געזאגט, אז ער וויל ניט קומען.

האט דער פירשט געשיקט א צווייטען שליח.

אויך דאס מאל אבער האט רבי אמנון ניט אויסגעפאלגט דיא שליחות פון דעם פירשט.

האט דער פירשט געגעבען באלד א פעראררדנונג, מען זאל איהם בינדען אין קעטען און ברענגען איהם צו איהם מיט געוואלד.

האבען די קנעכט פון פירשט געטהון אזוי.

און דער פירשט איז צוגעקומען צו איהם און געצארענט און געשריען אויף איהם דערפאר, וואס ער האט איהם ווידערגעשפע־ניגט און חרטה געהאט אויף די רייד זיינע.

און רבי אמנון האט זיך אנגערופען און געזאגט צו איהם:

"איך גיעב צו, אז דו ביזט גערעכט, אז איך האב זיך זעהר פער־שולדיגט אנטקעגען דיר. איך וויס, אז איך בין די שווערסטע שטראף ווערט. און איך וועל אליין איבער מיר דער שופט זיין — דער צונג, וואס האט צו דיר ליגען גערעדט, זאל פון מויל אויסגע־שניטען ווערען.

האט איהם דער פירשט געענטפערט :

— ניין, מיר געפעלט ניט דער משפט דיינער. איך וועל פאר דיר די שטראף דיינע בעשטימען —

"די פיס, וואס האבען ניט געוואלט געהן צו מיר, וועל איך אבהאקען".

איך וועל אויך אבהאקען די הענד דיינע, וואס דו האסט מיר ניט געוואלט דערלאנגען.

און אויך דעם גאנצען גוף דיינעם, וועל איך מיט די גרעסטע ענויים קשים פייניגען".

און מען האט אראבגעצויגען פון איהם די מלבושים זיינע און מען האט איהם געשלאגען מיט ריטער.

נאכדעם האבען זיי אנגעהויבען אבהאקען שטיקלעך פון דיא אברים זיינע און ביי יעדען מאל, וואס זיי האבען א טייל פון זיינעם אז אבר אבגעשניטען, האבען זיי איהם געפרעגט : אויב דו וועסט חרטה האבען, וועלען מיר דיך אבלאזען.

און ער האט אלע מאל געענטפערט :

— שניידט ווייטער, טהוט מיט מיר, ווי עס איז וואוילגעפע־לען אין אייערע אויגען.

און אט אזוי האט מען איהם די אלע גליעדער פון די הענט און פיס זיינע אבגעהאקט.

און נאכדעם האט מען גענומען דעם פערוואונדעטען גוף, וועל־כען מען האט מיט די ארומגעהאקטע אברים ארומגעלעגט, און מען האט איהם אין א בעטעל אהיים אוועקגעטראגען.

און אז די שטוב מענשען האבען איהם אין אזא מצב דערזעהן, האבען זיי אין א גרויס געוויין אויסגעבראכען און געזאגט :

— וועה איז אונז, וואס מיר זעהן, וואס פאר א שרעקליכע

שטראף עס איז אויף דיר געקומען.

און ער האט געענטפערט:

— אז וואויל איז מיר, וואס איך בין אזוי געשטראפט געווארען.

און דאס אלעס איז אים ראש השנה פארגעקומען.

האט געבעטען דער חולה מסוכן מען זאל איהם אין זיין בעטעל אין שול אוועקטראגען.

און אין שול איז גאנץ קהל געשטאנען דאן איינגעהילט אין זייערע טליתים און זייערע תפלות צו זייער בעשעפער געשיקט.

און רבי אמנון האט מיט די מתפללים מיטגעדאווענט.

און א גרויסע פרייד האט איהם דאן דורכגענומען, וואס עס איז זיין חטא אויסגעקויפט געווארען, וואס ער האט מקדש השם געווען.

און וואס ווייטער איז אלץ מעהר די פרייד זיינע געשטיגען.

ער איז אין גרויסער התלהבות און גרויסען בעגייסטערונג אריינגעפאלען.

און אז מען איז צוגעקומען צו קדושה, האט ער א צייכען גע־געבען צום חזן, ער זאל אן הפסקה מאכען.

איז דער חזן שטעהן געבליבען, און רבי אמנון האט אנגעהויבען זאגען "ובכן לך תעלה קדושה, כי אתה הוא ה' אלהינו מלך".

און באלד נאכדעם האט ער דעם "ונתנה תוקף" אנגעהויבען אימפראוויזירען.

און די ווערטער האבען טיעף פון זיין נשמה געשטראמט. אהן אן אבשטעל און אהן אן אבהאלט האבען זיי איינע די צווייטע גע־יאגט. ער האט דאס גאנצע הארץ זיינס און די גאנצע נשמה זיינע אין זיין תפלה אריינגעלעגט.

איז דאן אן אימה א גרויסע די גאנצע שול בעפאלען. שרעק און ציטער האבען יעדען איינעם, וואס האט זיך אין שול געפונען, דורכגענומען.

און ווען רבי אמנון האט די תפלה זיינע פערענדיגט, האבען זיך דערהערט פלוצלינג פון דרויסען דונערען שטארקע און בליצען האבען זיך בעוויזען.

און באלד נאכדעם איז א וואלקען געקומען און האט דאס חולה׳ם בעטעל איינגעהילט.

און אז דער וואלקען איז פערשוואונדען האט מען געזעהן, אז רבי אמנון איז שוין מעהר אין שוהל נימא.

עס האט איהם גאט צו זיך אין הימעל גענומען.

און אין דריי טעג ארום איז געקומען ביי נאכט דער הייליגער צדיק צום רב פון שטאדט, צו רבי קלונימוס ברבינו משולם און האט פאר איהם זיין תפלה איבערגעזאגט, און געזאגט צו איהם, אז זיין ווילען איז, אז מען זאל אין אלע אידישע קהלות יעדען ראש השנה זיין תפלה זאגען.

און אין דערפריה, ווען רבי קלונימוס איז אויפגעשטאנען, האט ער באלד אויפגעשריעבען די תפלה, וואס רבי אמנון האט פאר איהם אין חלום איבערגעזאגט, און נאכדעם האט ער זי איבערגע־שריעבען אין פיעלע קאפיעס און צעשיקט זיי אין די פערשיעדענע אידישע קהלות.

די סוכה, דער אתרוג און די הדס.

די סוכה איז בעשטימט צו זיין בלויז א צייטווייליגע וואוינונג, א געצעלט אין איילעניש צוזאמענגעשלאגען פון אלטע ברעטער און שטעקענס, וואס האבען כמעט קיין שום ווערטה נים. דער דאך בעדעקט מיט שטרוי, גאנץ שיטער, אזוי אז דער הימעל זעהט זיך דורך.

עס איז א וואוינונג בלויז פיר איין וואך, און זעהר א שוואכע געביידע, איין גוטער רעגען, איין שטארקער ווינד, אדער א

שטורם וואס זאל אנהאלטען אפילו איין מינוט בלויז, איז געגוג די גאנצע סוכה אומצושליידערען און מאכען פון איהר א חורבה.

אבער אונטער גוטע אומשטענדען, ווען דער וועטער איז שעהן, ווען די ליכטיגע שטראהלען פון דער זון דרינגען דורך דעם שיטע־רען סכך מיט וועלכען די סוכה איז בעדעקט, ווען א מחיה'דיג קיהל ווינדטעלע בלאזט אריין דורך די שפאלטען פון די אלטע ברעטער, און דער ערהאבענער אראמאט פונ'ם דופטענדען אתרוג לאזט זיך הערען רונד ארום — ווערט דאן דיעזע, שוואכע, ביליגע, איינפאכע בײדעל, פערוואנדעלט אין א פאעטישען טעמפעל, וואס שאפט א ליעבע בעגייסטערונג פאר יעדען איינעם וואס קומט אהין אריין.

דאס איז דאס לעבען, מיינע ליעבע שוועסטער און ברידער!
די סוכה איז אונזער היים!

עס איז ניטא קיין איינציגער מענש, ווי רייך ער זאל ניט זיין, ער זאל קענען זיין זיכער, אז זיין היים איז אינשורט געגען שטורם, אפילו די שטארקסטע מענשליכע היים איז ניט מעהר ווי א שוואכע סוכה, מיר קענען קיינער ניט וויסען היינט, וואס פאר א בייזער עלעמענט עס וועט געשיקט ווערען פון נאטור מארגען, אונזער סוכה, אונזער היים, צו פערניכטען.

ווען ס'האט זיך פערוואלט דער נאטור א שטיף טהון אין יאפאן איז געקומען אן ערד־ציטערניש און האט אין א פאר שטונדען צייט עטליכע שטעדט און שטעדטלעך פערניכטעט, און טויזענדע און טויזענדע היימען זיינען פון דער ערד אבגעמעקט געווארען, גלייך ווי גאר אויף דער וועלט ניט געווען.

ליידער איז דער מענש צו שוואך אזעלכע גרויזאמע עלעמענ־טען צו בעקעמפפען. און די שטארקסטע היימען ווערען דאן ווי די שוואכסטע סוכות פון שטורם פערניכטעט צוזאמען מיט די וואס האבען די סוכות געבויט.

מיר קענען אבער אונזערע סוכות האלטען אין ארדנונג אונ־טער געוועהנליכע אומשטענדען, ווען דער וועטער אזי שעהן און נארמאל. מיר קענען לאזען די ליכטיגע זונענשטראהלען דורך־דרינגען דורכ'ן סכך, און מיט דער הילף פונ'ם אתרוג מאכען, אז

אין יעדען ווינקעלע פון אונזער סוכה, זאל שמעקען מיט לעבען און פלעזשור.

דער אתרוג פון אונזערע סוכות, דער אראמאט פון אונזער היים, איז די פרוי.

די ארימסטע סוכה, פון ברעטלעך און שטעקלעך ווערט א פאעטישער פאלאסט, ווען זי איז בעציערט מיט א פיינעם אתרוג, וואס האט ניט אויף זיך קיין פגימה. דער אראמאט לאזט זיך פיהלען רונד ארום, און זא לאנג די ציטוויילינע וואוינונג אונזערע האלט אן, פילט זי אן אונזערע נשמות מיט פלעזשור און מאכט אונז פיהלען יום טוב'דיג און דאס איז אלעס וואס מיר זוכען דאס קורצע שטיקעל צייט, וואס מיר געפינען זיך אין סוכה...

ופרוס עלינו סוכת שלומך, בעטען מיר אלע ביי'ם גרויסען בורא — דאס איז די גרויסע ברכה פון שלום בית. ווייל א סוכה איז דעם מענשען'ס היים, ניט מעהר ווי א ציטווייליגער געצעלט, אויף דער קורצער צייט פון אונזער לעבען.

דיא סוכה און דער גלות

די אידישע סוכה איז א וואונדערבאר סימבאליש בילד פון אונזער לעבען אין גלות, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר אונזער סוכה? זי מוז זיין געבויט אויף א ווילע און מוז האבען א שטארקען שאטען. דער קלענסטער סימן פון שטענדיגקייט — פסל'ט איהר און "צלתה מרובה מחמתה" — איהר שאטען דארף זיין מעהר פון איהר זון־ליכט.

די דערווייליגקייט פון דער סוכה — סימבאליזירט אונזער אייביגען אומוואנדערען צווישען פעלקער און לענדער, און איהר

בעשאַטענטקייט — די שרעקליכע ליידען וועלכע די דאָזיגע פעל־קער פערשאַפען אונז, און וועלכע פערכמאַרען אונזערע הימלען און פערטונקלען די שיין פון אונזערע אויגען.

אַזוי ווי די סוכה זעלבסט סימבאַליזירט אונזער טרויעריגען לעבען אין גלות, אַזוי סימבאַליזירט דער זיצען אין סוכה — אונ־זער פערהעלטנים צו די אַלע אומגליקען וואָס דער שלעכטער גלות ברענגט אויף אונז.

אָרום אַ פיין געגרייטען טיש, אין אַ ליכטיגער און פערפוצ־טער סוכה, זיצט זיך יעדער איד בריימליך מיט זיין פרוי און קינ־דער מיט אַ פרייליכע הארץ און רוהיגער געמיטה. מיט דעם בע־ווייזען מיר אידען גאַנץ אָפען פאַר אַלעמען, אַז אונזער שווערער גלות לעבען, אַ לעבען פון פערוואַגעלטע וואַנדערער, אַ לעבען פול מיט ספקות און דאגות און וועגען מאָרגענדיגען טאָג, אַ לעבען פול מיט שטענדיגע שרעק פאַר אַ פּלוצלונדיגען גרוש פון אַן איינגעזעסענעם ווינקעל — האָט ניט געווירקט אויף אונז אידען אונז אין גאַנצען אונטערצודריקען, צו פערטרייבען אונזערע אַלע ליכטיגע האָפנונגען.

ניין! אויך אין אַזאַ שרעקליכער לאַגע פערגעסט קיינמאָל ניט דער איד זיין הויכען ווערטה, און דורכ'ן געדיכטען און שטע־בענדיגען סכך, וועלכער פערדעקט די סוכה שיקט ער זיין בליק צו די הויכע און פרייע הימלען מיט זייערע פינקלענדע שטערען און ער דערמאָהנט זיך אַן דער געטליכער הבטחה:

"הבט נאַ השמימה", גיב אַ קוק אויפ'ן הימעל און צעהל די שטערען, קענסטו דען זיי אויסצעהלען? "כה יהיה זרעך", אַזוי וועלען דיינע קינדער זיין — און דאַן ווען די דאָזיגע זיסע זכרונות קומען איהם אַרויף אויפ'ן זינען — דאַן הויבען זיך אויף זיינע בעפליגעלטע האָפנונגען, ס'לעבט אויף זיין גייסט און עס בענייען זיך זיינע קרעפטען, אום ער זאָל קענען אַריבער טראָגען ביז אַ צייט זיינע שרעקליכע גלות־ליידען.

דאָס מיינען די חכמים וועלכע זאָגען: למה אנו עושין סוכה אחר יום הכפורים? פאַרוואָס מאַכען מיר אַ סוכה נאָך יום כפור? — ווייל ראש השנה זיצט הקדוש ברוך הוא און משפט אַלע מענ־

שען פון דער וועלט און יום כפור חתמ'ט ער דעם דין. און מ'אמער ווערען אידען פערמשפט אויף גלות — מאכען אידען א סוכה און וואנדערען פון די הייזער אין סוכה והקב"ה מעלה עליהן קאלו גלו לבבל, און דער אויבערשטער, ווען ער דערזעהט דעם סימבאל פון דער סוכה, און די סימבאלישע רוהיגקייט און צופריעדענהייט פון אידען וועלכע זיצען אין איהר — דאן רעכענט ער עס זיי פאר אן אמת'ן גלות.

ענני—כבוד, וואלקענס פון עהרע האבען אונז פארצייטיגע יאהרען בעדעקט אין דער מדבר. די דאזיגע וואלקענס זיינען נאך פערבליבען ביז היינט. אויך היינט איז פערוואלקענט דאס לעבען פון פאלק ישראל... אונזערע שונאים, וועלכע גיבען א קוק אויף אונזער פינסטערען, פערוואלקענטען לעבען, לאכען און שפאטען פון אונז. זיי זאגען צו אונז: —

— אייער לעבען איז דורכאויס פינסטער. די וואלקעננס בעדעקען אייך מיט שאנד. זיי האבען אבער א גרויסען טעות. "כי בסוכות הושבתי את בני ישראל — ענני כבוד הן". (סוכה י"א) אפילו אונזערע יעצטיגע סוכה, אונזער פינסטערער גלות לעבען, איז בעוואלקענט מיט ענני כבוד, מיט עהרע־וואלקענס. די גרויסע גבורה און בעגייסטערונג, מיט וועלכער דער אידישער פאלק טראגט אריבער זיינע שרעקליכע נאציאנאלע ליידען, בעקרוינען זיין קאפ מיט'ן גרעסטען כבוד, ווייל דער גרעסטער כבוד קומט דעם, וועלכער איז זיך מוסר נפש פאר אן אידעאל.

דער תנחומא ברייננט ביי עקדת־יצחק: "וירא את המקום מרחוק. אמר לו ליצחק: — רואה אתה מה שאני רואה? אמר לו: אני רואה הר נאה ומשובח וענן קשור עליו. אמר לנערים: — רואים אתם כלום? אמרו לו: — אין אנו רואים אלא מדבריות. אמר להם! — שבו לכם פה עם החמור, הואיל והחמור אינו רואה ואינכם רואים כמותו; עם הדומה לחמור. שבו לכם פה עם החמור, שאתם כמותו, ואני והנער נלכה עד כה. מה עד "כה"? נלכה ונראה מה יהיה בסוף "כה" יהיה זרעך" — —

וואס זעהסטו מיין זוהן? — האט אברהם געפרעגט יצחק'ן

געהענדיג צו דער עקדה — זעהסטו די זעלבע זאך וואס איך? — יא פאטער, איך זעה א פרעכטיג־שעהנעם בארג, אבער א שוואר־צער וואלקען הייננט איבער'ן בארג. — און וואס זעהט איהר? — האט אברהם זיך געווענדעט צו זיינע בעדיענטע, דיא בעגלייטער: — מיר זעהען נאר א מדבר, האבען זיי געענטפערט. — אויב אזוי, האט אברהם ערוויעדערט, טא בלייבט איהר דא זיטצען מיט'ן אייזעל, ווייל איהר זעהט ניט ווייטער פאר'ן אייזעל, וועהרענד איך מיט מיין זוהן וועלען געהן ווייטער און נאכדענקען פון דיא געטליכע פערזיכערונג, אז מיין יצחק וועט נאך זיין א פאטער פון צוקינפטיגע דורות.

די עקדה פון יצחק'ן סימבאליזירט, ווי בעוואוסט, די מסירת נפש פון אידישען פאלק פאר זיינע הייליגקייטען אויף זיין לאנגען גלות־וועג. אברהם פרעגט ביי יצחק'ן:

"זעהסטו דאס וואס איך זעה?" פארשטעהסטו גוט דעם גע־דאנק פון אידישען מסירת נפש? ווייסטו מיט וואס פאר א כח און ביז ווי לאנג אידען וועלען אזוי דארפען ליידען?

ענטפערט איהם יצחק: —

"איך זעה א שעהנעם בארג, און איבער איהם איז צוגעבונדען א וואלקען". דאס אמת'ע אינערליכע אידישע לעבען, דער ריינער אידישער גייסט, איז שטענדיג שעהן, אימער וואויל. נאר וואלקענס פון גלות לייגען איבער איהם שאטענס. אזוי ווי די שווערע וואל־קענס, וועלכע בעדעקען די הימלען, קענען ניט פארלעשען דאס ליכט פון דער זון, נאר זיי פערשטעלען דעם ליכט אויף א ווייל, אזוי זיינען די אידישע צרות נאר ביז א צייט, אבער סוף כל סוף וועלען זיך צוזייען און צושפרייטען די פינסטערע כמארעס, און די זון פון פאלק ישראל וועט ווידער אויפשיינען מיט איהר גאנצען גלאנץ, אויף די לויטערע הימלען.

די פרעמדע פעלקער פערשטעהען אבער ניט דעם געדאנק און דעם תכלית פון אונזער לאנגיעהריגע ליידען, און זיי זאגען צו אונז:

"אין אנו רואים אלא מדבריות", אייער לעבען איז דורכאויס וויסט און טוידט, אזוי ווי די זאמדיגע מדבריות. ניטא אין אייערע

לײדען קײן אײן קערענדעל פון האפנונג װעלכער זאל אויסשפּראַ־
צען אײער גליקליכע גאולה. איהר זײט פערפאלען אויף אײביג — —

מיר אידען אין פערזאן פון אברהמ׳ען ענטפערען זײ פשוט:

— איהר האט ניט דעם קלענסטען בעגריף פון אונזערע כחות
און אין אונזערע אידעאלען.

"ואני והנער נלכה עד כה". מיר מיט אונזערע קינדער װעלען
געהן װײטער אין אונזער היסטאָרישען װעג... מיט שטאלץ און זי־
כערהײט, אז אלץ איז ביז א צײט, און אז ס׳װעט קומען דער טאג
װען עס װעט מקוים װערען די הבטחה פון "כה יהיה זרעך" — —

דער תכלית פון דער סוכה איז אלזא צו פערגרעסערען און
פערשטארקען אין הארצען פון יעדען אידען דאס גלויבען אין דער
צוקונפטיגער גאולה, אום ער זאל קענען אריבערטראגען אלע צרות
און שװיריגקײטען און ער זאל דערבײ ניט פערלירען זײן זעלבסט־
װערטה און ניט אײנבויגען זײן נאציאנאלען שטאלץ.

זאל יעדער איד װיסען, אז דער אײנפאכער זיצען אין סוכה
איז ניט די גאנצע כונה פון דער מצוה, נאר מען דארף פערשטעהן
און פיהלען דעם געדאנק װאס די מצוה סימבאליזירט.

װי שעהן און װי הויך עס איז אלזא דער געדאנק פון ציוניזם,
פון די קאנגרעסען. עס קלײבען זיך צוזאמען אין אײן אָרט פאר־
שטעהער פון אלע אידען, װעלכע זײנען צוזעהט און צושפּרײט
איבער דער גאנצער װעלט, און הויבען אויף דעם גרויסען פראטעסט
געגען אלע בלוטיגע און גרויזאמע אומרעכטען װאס מען טהוט
געגען אונזער פאלק ישראל. אום די גאנצע װעלט זאל װיסען, אז
אידען שפּרײזען נאך מיט שטאלץ און מיט װירדע איבער זײער
דערנערפולען גלות־װעג צו דער גאולה. —

סוכות אמאל און היינט.

װען איך הער אדער איך זעה דאס װאָרט "סוכות", שטעלט
זיך מיר, גאנץ נאטירליך, גלײך פאר א סוכה, טראכט איך נאך א

ווײלע, דאן שווימט ארויף אין מײן זכרון דאס בילד פון דער הײ־מישער סוכה אויף יענער זייט ים, צוזאמענגעקלאפט פון שטאנגען, פאמעלעס, לאקשען־ברעטער און אנדערע הילצערנע אנטיקען, וועל־כע ליגען אויף די פאקעלע פון בוידעם פון יום טוב ביז יום טוב. איך דערמאהן זיך אויך אז די גרינע סכך און אז די "בערעלעך" וועלכע פלעגען אראבפאלען פון דער גרינער סטעליע גלייך אין די פארפעל ארײן. א לעבעדיגער שטעהט אויף פאר מיר אפילו דער ליטווישער גוי סלאפקויצקי, ווי ער שטעהט אויפ'ן מיטען מארק מיט א וואגען סכך און דינגט זיך מיט'ן עולם אזוי לאנג, ביז וואַ־נען ר' מרדכי שמש רופט אין שוהל און די קונים צולויפען זיך אין איילעניש א היים אנטהון די יום־טוב'דיגע זופעצעס און לוי־פען אין בית־המדרש.

אין 'דער אמת'ן, אבער, איז די סוכה א בײ־זאך אין יום טוב סוכות. פריהער פאר אלץ איז עס דער יום טוב פון "צוזאמענקלײ־בען" די תבואה, אזוי וויא מיר לעזען אין שמות, כ"ג, 16 "און דער ח ג ה א ס י ף ווען דער יאהר געהט אוועק, ווען 'דו קלייבסט צונויף דיין ארבייט פון פעלד". אלע ימים טובים פון דער אלטערטום זיינען, קודם כל, געווען די פייערונג פון נאטיר־ליכע ערשיינונגען. שבועות איז געווען דער "חג הקציר", דער יום טוב פון "שניט", און פסח איז געווען דער יום טוב פון חודש האביב און אביב מיינט אין אלטען העברעאיש ניט פריהלינג, נאר קארן־זאנגען. די אלע 3 ימים טובים: פסח שבועות און סוכות, זיינען געווען די וויכטיגסטע ביים אידישען פאלק, און נאר דאן זיינען אלע אידישע מענער געווען פארפליכטעט צו קומען צו "גאטס געזיכט". עס הייסט אין רעליגיעזען צענטער. פריהער איז עס געווען גלגל, נאכדעם בית אל און נאכדעם שילה, ביז וואנען ירושלים איז ענדליך געווארען דאס הארץ פון ארץ ישראל. נאר די דאזיגע ימים טובים האבען געהייסען חגים, ניט ראש השנה און ניט יום כפור. פאר וואס? ווייל "חג" מיינט אין העב־רעאישען, (אזוי ווי האדוש אין אראבישען) געהן צו א יום־טוב, עולה רגל זיין, און נאר פסח, שבועות און סוכות פלעגט מען עולה

לרגל זיין, אזוי ווי אין יענע צייטען זיינען אין פאלעסטינע נאך קיין אייזענבאהנען ניט געווען און אפילו ניט קיין דעלעזשאנסען, פלעגט מען קומען צום רעליגיעזען צענטער טאקע מיט די אייגענע פיס, און דארום רופען זיי זיך אויך שלש רגלים.

וועגען סוכות לעזען מיר אויך, אז מען דארף נעהמען די פרוכט פון עץ הדר (אתרוג), פאלם־בלעטער (לולב), א צווייג פון עץ אבות (הדסים), און וויטשעס פון טייך ("הושענות"). מיט דארפען זיך "פרעהען פאר גאט 7 טעג".

ווי אזוי זאל מען זיך מיט די דאזיגע 4 מינים געוויקסע באנוצען? דיא צדוקים און די קראים האבען געהאלטען, אז מען דארף פון זיי אויסבויען די סוכה, אזוי ווי מיר לעזען אין נחמיה (ח׳ 15) "געהט ארויס צום בארג און ברענגט בלעטער פון אייל־בערט בוימער, אויל־בוימער, הדס־בוימער, טויטעל־בוימער און עץ עבות צו מאכען סוכות, וויא עס שטעהט געשריעבען", אין ארץ ישראל, וואו לולבים זיינען מעהר בנמצא פון "סכך", דעקט מען נאך עד היום צו מיט זיי די סוכות.

ווי אזוי האט מען געפייערט דעם יום־טוב סוכות ביז עזרא הסופר, עס הייסט ביז שיבת ציון פון גלות בבל? פון נחמיה ווייזט אויס, אז וואס, אין סוכות האבען זיך אונזערע אורעלטערען געפוילט צו זיצען. ווייל עס שטעהט דארט בפירוש געשריעבען (קאפ. ח׳ פסוק 12) "און דער גאנצער קהל, וועלכער האט זיך אומגעקעהרט פון געפענגנים (פון גלות בבל) האט געמאכט סוכות און געזעסען אין סוכות, ווייל "דיא אידען האבען אזוינס ניט געטהאן פון די טעג פון ישוע בן נון ביז'ן היינטיגען טאג". און די שמחה איז געווען זעהר גרויס. עס הייסט אלזא, אז קיינער פון די מלכים און די נביאים האבען ניט געזעהען ווי אידען זיצען אין סוכות.! דערפאר אבער איז דער יום טוב געווארען פון גרויסער חשיבות נאך גלות בבל. ווען דער נביא זכריה האט געוואלט שילדערן ווי אזוי אלע אידען פון דער וועלט וועלען צוריקקעהרען זיך אין ירושלים, האט ער עס געזעהן אין דער פארם פון א סוכות פייערונג: "ועלו מדי שנה בשנה להשתחוות למלך ה׳ צבאות ולחג את חג הסוכות".

און דער יום טוב סכות איז ביי אונז אידען געווארען אלץ וויכטיגער און גרעסער. אויסער דעם וואס מיר האבען איהם פאר־בונדען מיט געבורטס־טאג פון אונזער פאלק, מיט יציאת מצרים, מיט דער וואנדערונג אין מדבר, וואו מיר זיינען "געזעסען אין סוכות", איז ער אויך געווארען דער יום טוב פון פרייד, הויפט־זעכליך די פרייד פון דער תורה, (שמחת תורה), הגם מתן תורה איז גאר געוועז שבועות. די צווייטע נאכט פון יום טוב איז פרא־קלאמירט געווארען אלס שמחת־בית־השואבה, די "פרייד פון וואסער־שעפען", וועלכע איז געפייערט געווארען אין בית שני מיט גרויס פאראד. דער 7־טער טאג איז געווארען הושענא רבה, ווען דער אויבערשטער פאר'חתמ'עט די קאנווערטען מיט דיא גזרי־דין און שיקט זיי פאנאנדער מיט מלאכים, גוטע און שלעכטע.

די נענועים מיט'ן לולב זיינען אלט, און מיר געפינען זיי שוין ביי די בעלי המשנה. יעדען טאג פלעגט מען ברענגען פרישע "הושענות" פון מוצא און מיט זיי מאכען הקפות ארום מזבח. די ערשטע 6 טעג — בלויז איין מאל, און דעם זיעבעטען טאג — 7 מאל, אונטער תקועת שופר, אום צו דערמאנען די הקפות פון יהושע ארום יריחו.

די "שמחת בית השואבה", ווען מען פלעגט שעפען און גי־סען וואסער אין בית המקדש, ווערט אסאציאירט מיט דער ברכה פון רעגען. אזוי ווי עס ווערט געשריעבען אין ראש השנה (ט"ז): "גיס אויס וואסער פאר מיר אום דיינע רעגענס דורכ'ן יאהר זאלען זיין געבענטשט".

דער כהן פלעגט אנפילען א גאלדענעם קרוג מיט וואסער פון השלוח, און ברענגען עס דורכ'ן וואסער־טויער, ווען די מתפללים פלעגען זאגען דעם פסוק פון ישעיהו: ושאבתי מים בששון ממעין הישועה". די טרומפעטען פלעגען פלוצלינג נעמען בלאזען אלס א סיגנאל צום כהן גדול, וועלכער פלעגט דאן אויסגיסען דאס וואסער און די ווין אויפ'ן מזבח. די רויטע פליסיגקייט אוועק־שטראמען אין קדרון טאל, און דאס פאלק אין און ארום בית־המקדש פלעגט פארהילכען דעם ציון־בארג מיט תהלים געזאנגען.

זיצען אין סוכה.

איך האב צו פרעגען ביי דער וועלט א גרויסע, א שווערע, א הארבע קשיא:

ווי קומט עס, איהר זאלט מיר לעבען און געזונד זיין, וואס פסח בעזארגט מען דעם ארעמאן, און סוכות ניט?

פסח גערויערט א וואך, און סוכות גערויערט א וואך, און סוכות האט נאך בעפאר א ראש השנה, א יום כפור, כפרות און שוהל־טיקעטס — אלץ אזעלכע זאכען וואס דארפען קאסטען געלד — צום סוף מאכט מען פון פסח א גאנצען חודש מעות חטים ביי דער וועלט, צו פערזארגען די ארימע לייט מיט מצות, מיט בארשט, מיט ארבע כוסות, מיט פאטייטאס און אפילו מיט פלייש און טהעע און צוקער, — וועהרענד סוכות האט מען דעם ארימאן אין דער ארמה, ער זאל אפילו אויסגעהן פון הונגער אארט עס קיינעם ניט.

ווי קומט עס? מיט וואס האט זיך עס דער ארימאן אזוי פערזינדיגט פאר'ן סוכות, וואס ער זאל מוזען דעם גאנצען יום־טוב ליידען הונגער?

און וואס איז עפעס די מעשה מיט אונזערע בעלי צדקה? פאר וואס זיינען זיי פאר פסח אזוי ווייך און גוט, כאטש נעהמט און לייגט זיי צו א וואונד, און פאר סוכות זיינען זיי הארט ווי שטיין, און עס הויבט זיי ניט אן אארען, אויב דער ארימאן, האט יא וואס צו עסען, אדער ניט?

אין דעם ליעגט א גאנצע פילאזאפיע, דערפון איז געדרונגען אז אין אמת גערעדט וויל דער מענש קיינמאל ניט געבען קיין צדקה. און ער וואלט טאקע קיינמאל א פעני ניט געגעבען, ווען ער זאל קיין מורא ניט האבען פאר די שמיץ וואס ער וועט קריגען אויף יענער וועלט. ער גיט צדקה, ריכטיג ווי דער אקס גיט חלב, האט איהר שוין אמאל געזעהן דער אקס זאל צו אייך צוקומען און זאל אייך זאגען: מיסטער לעבען, דא האט איהר פון מיר צוויי פונד

חלב? חלילה, דאס האט נאך קיינמאל ניט פאסירט, און עס וועט קיינמאל ניט פאסירען. איי דער אקס גיט דאך טאקע יא חלב? ווענדט זיך עס אבער ווי אזוי ער גיט דעם חלב. איהר מוזט איהם אויפשניידען פריהער דעם בויך און ווען ער ליגט שוין א פריליי־שעטערט און קען זיך פון ארט ניט ריהרען, קענט איהר דאן נעה־מען וויפיעל חלב איהר ווילט.

נאכהער זאגט מען, אז דער אקס האט געגעבען אזוי פיעל און אזוי פיעל חלב...

אלץ הייסט געגעבען.

אבער ניט דאס בין איך אויסען.

מיר רעדען וועגען פסח און וועגען סוכות. דער איד אז ער גיט צדקה, וויל ער וויסען וואס ער וועט דערפאר קריגען צוריק. ביזנעס בעפאר פלעזשור. ער ווייסט, אז אין דער תורה שטעהט "שבעת ימים תאכל מצות", זיבען טעג זאלסטו עסען מצות, דאס עסען מצה איז אלזא א גרויסע מצוה, דעריבער גיט ער מעות חטים, דער ארימאן זאל האבען מצות אויף פסח צו קענען מקיים זיין די מצוה פון אכילת מצה, איהם הויבט ניט אן אארען דעם ארימאנ'ס קערפער, ער זארגט בלויז פאר'ן ארימאנ'ס נשמה.

דאס איז אויך די אורזאכע, פארוואס די צדקה געבערס פאר־דערען אימער, אז דער ארימאן זאל זיין גוט און פרום און עהרליך.

מיט סוכות איז שוין אבער א גאנץ אנדערע מעשה. ביי דעם יום טוב פון סוכות איז די הויפט מצוה צו "זיצען" אין סוכה — בסוכות תשבו שבעת ימים — און אזוי ווי אין דער תורה איז ניט דערמאהנט דאסווארט "עסען" נאר "זיצען" אין סוכה, טראכט זיך דער אידישער בעל צדקה: זאל דער ארימאן זיצען אין סוכה, וויפיעל ער וויל, וועמען אארט עס? איהם דארף עס א פעני ניט קאסטען. און דער ארימאן וועט האבען דיזעלבע מצוה ווי פון אכילת מצה!...

און אז מיר רעדען שוין יא פון "זיצען" וועל איך אייך דער־צעהלען א פיינע געשיכטע פון א אידען א גנב, ניט אויסגערעדט

זאל זיין, וועלכער האט געהאלטען אין איין "זיצען", פון איין פריזאן ארויס, אין צווייטען אריין. זעלטען ווען ער איז אבגעזעסען ביי זיך אין דער היים רוהיג א פאר חדשים. זיין נאמען איז געווען אזוי בעריהמט אלס גנב, אז ער האט שוין גאר אליין ניט געדארפט גנב'ענען. עס האט ניט אויסגעמאכט ווער עס האט גע'גנב'עט, אויף איהם האט מען געזאגט — קוים נאר איז געווען א גנבה אין שטעדטעל, איז ער געווען דאס כפרה־הינדעל. איהם האט מען דעם ערשטען געכאפט, ארעסטירט און פעראורטהיילט, אויף דער חזקה, אז מסתמא איז עס זיין ארבייט. און ער פלעגט אזוי "זיצען" ימים ושנים אין פריזאן, ביז עס איז ביי אים געווארען אזא געוואהנהייט צו געהן "זיצען", אז ווען מען פלעגט איהם ארעסטירען פאר א גנב'לע, האט ער שוין גאר ניט געטרייעט זיך צו פערענטפערען אפילו, און פלעגט גאנץ רוהיג און געלאסען זאגען דעם ווייב: איך געה שוין ווידער מקיים זיין די מצוה "לישב בסוכה"....

ויהי היום איז ער אמאל אבגעזעסען אין דזשייל גאנצע צוויי יאהר, און קומענדיג אהיים צוריק, האט ער געפינען ווי זיין פרוי איז געלעגען אין קינדבעט. זי האט איהם געבוירען א פיין אינגעלע, אין א גוטער און א מזל'דיגער שעה.

וואס זאל ער טהאן, ער איז דאך א טאטע, האט ער געפראוועט א גרויסארטיגען ברית, זיינע קאלעגען האבען זיך משמח געווען אויף וואס די וועלט שטעהט. און האבען איהם געוואונשען, ער זאל שוין וואס וועניגער „זיצען".

אבער אז עס איז באשערט צו „זיצען" העלפען ניט קיין חכמות. עס זיינען פאריבער א פאר חדשים און דאס אינגעלע האט זיך פערקיהלט, האט געקראגען ניומאניע, און איז געשטארבען.

ער איז דאך א טאטע — האט ער געמוזט „זיצען" שבעה. א ברירה האט ער געהאט?

ווען די ברידער פון זיין חברה זיינען איהם געקומען מנחם אבל זיין, האט ער זיי נאטירליך מכבד געווען מיט א שנאפס, זיי האבען צו איהם געטרונקען לחיים, און ער צו זיי. אבער זיין לחיים איז געווען זעהר א ריהרענדער.

— לחיים ברידער! —האט ער אויסגערופען מיט א שווערען זיפץ. — איהר ווייסט דעם אמת, איך דארף עס אייך ניט דער־צעהלען, וויפיעל מאל איך בין שוין „געזעסען" אויף מיין לעבען אומזיסט, אבער אזוי אומזיסט ווי איך זיץ יעצט, בין איך נאך קיינמאל ניט געזעסען....

איך זעה איהר שמייכעלט,
איהר קוקט מיך אן —
איך ווייס איהר גלייכט,
א לאך צו טהאן.

די חשמונאים.

די הערואישע פאמיליע פון כהן און פעלדמארשאל מתתיהו ווערט געוועהנליך גערופען די פאמיליע פון די **מכבים** אדער פון די **חשמונאים**. פאקטיש, אבער, האט בלויז איינער פון דער גאנצער פאמיליע געטראגען דעם טיטול "מכבי" און דאס איז דער אונשטערבליכער העלד יהודה בן מתתיהו. די שפעטערע אידישע קעניגע פון דיעזער משפחה זיינען ניט געווען די קינדער פון יהודה, נאר פון זיין ברודער שמעון. דאך האט דער רוהם פון יהודה פארדעקט די העלדענטהאטען פון אלע איבריגע בני מתתיהו און זיין נאמען וועט אייביג זיין פארבונדען מיט דער טראגישסטער גישער עפאכע פון דער אידישער געשיכטע.

וואס דער נאמען מכבי מיינט קען נאך קיינער ניט זאגען אויף זיכער ביז'ן היינטיגען טאג. לויט ווי זיין נאמען איז פאר־בליבען אין גריכיש ("מאקקאבאיאס"), איז ער געשריעבען געווא־רען אין העברעאיש מיט א קוף: "מקבי". און דאן וואלט עס הייסען, אז יהודה'ן האט מען גערופען "דער האמערער", צוליעב די גרויסע קלעפ וועלכע ער האט געגעבען די סירישע ארמעען.

קארל דער גרויסער איז אויך א נאמען געגעבען געווארען "מארטעל" (האמער אויף לאטין), צוליעב זיין זיעג איבער די סאראצינען ביי טורס אין יאהר 732. איז אבער שווער צו פערשטעהן דעם "יוד" אין ווארט מקבי, ווייל אין אלטען העברעאיש וואלט מען א "שם תואר" ניט פארמירט אויף אזא אופן. אויסער דעם, איז "מקבת" בלויז א קליינער האמער, א געצייג פון א בעל מלאכה און פאר יהודה'ס טיטעל פאסט זיך בעסער דאס ווארט "פאטיש", וואס בעצייכענט די האמענטע האמערס אין די שטיין־גריבער. ירמיהו האט גערופען "פטיש כל הארץ" דעם זיעגרייכען קעניג נבוכדנצר, לויט ווי די גמרא דערצעהלט אין ברכות (כ"ח ע"ב). האבען די תלמידים פון ר' יוחנן בן זכאי גערופען זייער רבי'ן אויף זיין קראנקען־בעט: "נר ישראל, עמוד הימיני, פטיש החזק".

זאגען, אז "מכבי" שרייבט זיך מיט א "כף" און עס איז א ראשי תיבות פאר'ן פסוק "מי כמוך באלים י'", לעגט זיך עס אויך שווער אויפ'ן שכל, ווייל מיר טרעפען זעלטען, אז מענשען זאלען אין יענער צייט גערופען ווערען אויף אזא אופן. פראפעסאר קורטיס האט אנגעשריעבען א גאנצען בוך איבער'ן נאמען מכבי און ער איז געקומען צום באשלוס, אז מכבי מיינט "דער אויסלעשער" פון זיינע שונאים, און ער שטיצט זיך אויף א פסוק אין ישעיה מ"ג, 17, וואו עס ווערט דערמאנט אז די שונאים פון גאט ווערען אויסגעלאשען (דעכו כפשתה, כבו).

די אידען זיינען געוואוינט צו רופען דיא פאמיליע פון מתתיהו מיט'ן נאמען חשמונאים. אזוי ווערען זיי דערמאנט אין דער משנה (מדות א', 6) אין תרגום יונתן (שמואל א' 2, 4) און אין פערשיעדענע פלעצער פון דער גמרא. לויט יוסיפוס, פלאוויוס אין זיין "עתיקות היהודים" (12, 6), האט מתתיהו'ס עלטער־זיידע געהייסען חשמונאי. ווי אזוי, אבער, אזא נאמען איז געברויכט געווארען ביי אידען איז ווידער אונבעקאנט. אין דער ליסטע פון די אידען וועלכע זיינען געקומען מיט זרובבל אין ירושלים געפינען מיר די בני חשם, (עזרא ב', 19), אין יהושע (ט"ו, 27) ווערט דערמאנט א שטאדט (אדער הויף) חשמון. אין דער תורה

(במדבר ל״ג, 30) געפינען מיר אַ שטאָדט **חשמונה**. עס איז אַלזאָ זעהר מעגליך, אַז בעפאַר מתתיהו האָט זיך בעזעצט אין מודעין, האָט זיין משפחה געוואָהנט אין אַ פּלאַץ חשמון אָדער חשמונה.

ווען ארץ ישראל האָט זיך געפונען אונטער דער עגיפּטישער אויבערהערשאַפט, זיינען דיא אידען ניט געשטערט געווען אָפּצוּהיטען זייערע טראַדיציעס און רעליגיאָן. די גריכישע קולטור האָט אָבער אויף אַ פריעדליכען אופן זיך בעפעסטיגט אין פערשיעדענע פלעצער פון דער אידישער היים. אין דער צייט פון אַנטיכוס דעם דריטען, איז דער גריכישער איינפלוס אויף די אידען שוין אָבער געווען אַזוי שטאַרק, אַז די געפאַהר איז געקומען מעהר פון די גריכישע אַרמעען. ״אין יענער צייט״ — אַזוי לעזען מיר אין ספר החשמונאים — ״זיינען אַרויסגעגאַנגען פאַרדאָרבענע מענשען פון די אידען און האָבען זיך געווענדעט צו די מאַסען מיט דער פאָלגענדער לאָזונג: ״לאָמיר שליסען אַן אָפּמאַך מיט די פעלקער, וועלכע וואָהנען אַרום אונז, ווייל זינט מיר זיינען פון זיי אַוועק האָבען אונז געטראָפען פיעלע אונגליקען״, און זייערע רייד זיינען געפעלען געוואָרען דעם פאָלק און זיי האָבען געשיקט אַ דעלעגאַציע צום קעניג און דער קעניג האָט זיי געהייסען גיהן אין די וועגען פון די פעלקער און לויט זייערע געזעצען. און זיי האָבען אויפגעבויט אַ סטאַדיום פאַר גימנאַסטיק אין ירושלים און זיי האָבען אויפגעהערט צו מל׳ען זייערע קינדער און זיי האָבען זיך איבערגעגעבען צו טהאָן דאָס וואָס עס איז שלעכט אין די אויגען פון גאָט״.

אַלס רעאַקציע געגען די דאָזיגע נייע מנהגים, איז שטאַרק געוואָרען די פּאַרטיי פון די ח ס י ד י ם, פאַנאַטישע פערטיידיגער פון דער אידישער טראַדיציע. דער צוזאַמענשטויס פון ביידע וועלטאַנשויאונגען איז אָבער פאָרגעקומען אין דער הערשאַפט פון אַנטיוכוס עפּיפאַנוס (דער פּיערטער) און ניט אין ירושלים, נאָר אין אַ קליינעם דערפעל מודעין, 15 מייל פון דער אידישער הויפּטשטאָדט. ווען די גריכישע קאָמיסאַרען זיינען דאָרט אַראָפּגעקומען,

און באפוילען צו ברענגען א קרבן צו א גריכישען אפגאט, זיי־נען א סך אידען ניט בייגעשטאנען דעם נסיון און געטהאן וואס מען האט זיי באפוילען. בלויז איין מתתיהו מיט זיינע 5 קינדער זיינען געבליבען טריי דעם אידישען גאט. און ווען מתתיהו האט דערזעהן מיט זיינע אויגען ווי אזוי א איד וואגט טאקע צו שעכ־טען א קרבן אויף א געצענדינערישען מזבח, האט ער אויפגעהערט צו דיסקוטירען מיט דעם קאמיסאר, נאר דערשטאכען דעם אידי־שען פעררעטער צוזאמען מיט איהם און צושטויסען דעם מזבח.

ווי עס שיינט, איז עס געווען דער ערשטער געוואגטער שריט וואס די פרומע אידען פון יענער צייט האבען געמאכט אין זייער קאמפף געגען דער גריכישער קולטור. מתתיהו האט געוואוסט, אז פאר אזא זאך וועט מען איהם ניט מוחל זיין און, אז די מלחמה האט זיך שוין אנגעפאנגען. קיין פשרה קען מען שוין ניט מאכען. מען קען אדער זיעגען אדער בעזיעגט ווערען. פאסירט האט עס 167 יאהר פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג.

מתתיהו האט ניט דערלעבט צו זעהן די גבורות פון זיינע קינ־דער און איז געשטארבען א יאהר נאכדעם ווי ער האט אנגעצונ־דען דעם פלאם פון רעוואלט אין ארץ ישראל.

דער עלטסטער זוהן פון מתתיהו, י ו ח נ ן, איז גע׳הרג׳עט געווארען פון א בעדואינישען שבט בני יאמברי, ווען ער האט גע־פרובט אריבערפיהרען זיין פאמיליעס פערמעגען אין נבו. דער פערטער זוהן פון מתתיהו, א ל ע ז ר, איז געווען דער העלד פון דער בעריהמטער שלאכט וועלכע די אידען האבען פערלארען אין בית־זכריה, קעמפפענדיג געגען דער גרויסער ארמעע פון ליזיאס. ער האט געזעהן אין דער פיינדליכער ארמעע אן עלעפאנט וועלכער איז געווען מעהר פארפוצט פון אלע אנדערע עלפאנטען און ער האט געמיינט, אז אויף איהם רייט דער קעניג אליין. באשליסענ־דיג צו פערליערען זיין לעבען אין א זיכערען טוידט, האט ער זיך אריינגעריסען אין דער פיינדליכער ארמעע, געהאקט רעכטס און לינקס מיט זיין שווערד, דערלאפען ביז דעם עלעפאנט און איהם אריינגעשטאכען דעם שווערד אין בויך. דער עלעפאנט איז אבער גלייך געפאלען און צוקוועטשט אונטער זיך דעם העלדישען אלעזר.

ווען מתתיהו האט געהאלטען ביים שטארבען האט ער באַ־פוילען די קינדער צו פאָלגען שמעון'ען ווייל ער איז 'דער עלט־סטער ברודער. יהודה'ן האט ער באשטימט אלס זייער פיהרער אין שלאכט. דער אנפאנג פון יהודה'ס קאריער איז געווען פול מיט נצחונות. אין איין יאהר איז איהם געלונגען צו פערטרייבען די פרעמדע הערשער פון ירושלים און צו פראוועז די **חנוכת הבית**, וועלכע מיר היטען ביז'ן היינטיגען טאג. די ארמעע פון יהודה איז שוין מעהר ניט בעשטאנען פון לויטער חסידים, און זיין קאמפף איז שוין ניט געווען בלויז א רעליגיעזער. ער האט גע־האט א רעגולערע ארמעע, פון אלע קלאסען פון 'דער בעפעלקערונג און האט געקעמפפט ניט נאר געגען די גריכישע ארמעען פון סיריען, נאר אויך געגען די אדומים און עמונים. ער האט אויך גע־טריבען דעם שונא פון גליל, גלעד און פלשתישער טעריטאריע. אין 3 יאהר האט יהודה בעוויעזען צו קריגען פאר ארץ ישראל פולע רעליגיעזע אויטאנאמיע, פאר זייער אנערקענען די פאליטישע אויבערמאכט פון אנטיכוס אייפאטור, דאס אידישע פאלק האט געהאט די פולע געלעגענהייט צו לעבען אין שלום און אויסקעמפ־פען זייער פרייהייט ביי א שפעטערער, בעסערער געלעגענהייט.

די מתיונים, ד. ה. 'די אידען וועלכע זיינען געווען אנגעשטעקט מיט די באצילען פון גריכישע מנהגים האבען אבער ניט פארגונען וואס אזא נאציאנאליסט ווי יהודה זאל שטעהן אן דער שפיץ פון אידישען פאלק, און האבען פערפלאכטען א גאנצע נעץ פון אינ־טריגעם מיט'ן סירישען קעניג. ענדליך האבען די דאזיגע אסימי־לאנטען גערופען די סירישע ארמעע נאך הילף און ביי די גרויסע 'שלאכט נעבען בית־חורן האט יהודה געהאט זיין גרעסטען און לעצ־טען זיעג. עס האט אויסגעזעהן, אז איצט וועט קיינער דעם שלום ניט שטערען. יהודה האט געשיקט א דעלעגאציע אין רוים און געשלאסען מיט זיי אן אפמאך צו קריגען זייער שטיצע ביי יעדער געלעגענהייט. דיא תשובה פון רוים איז געקומען צו שפעט יהודה המכבי איז שוין געווען געפאלען אין שלאכט און אין זיין טוידט האט ישראל פערלארען אן עהרענהאפטען פאטריאט און א געבוי־רענעם פיהרער.

י ה ו נ ת ן זיין ברודער, וועלכער האָט פערנומען זיין פּלאַץ, האָט אַ סך פּערדיענט פון דעם וואָס צוויי קעניגע, דעמעטריוס און אלכסנדר באלאס, האָבען געוואָלט אַריבערשטייגען איינער דעם צווייטען מיט זייער ליעבע צום אידישען פּרינץ, אום איהם צו געווינען אויף זייער זייט. ענדליך אָבער האָט איהם אַ סירישער גענעראַל פּאַרנאַרט צו זיך אין שטאָדט פּטאָלאָמעים און איהם ערמאָרדעט. דעם זעלבען סוף האָט אויך געהאַט זיין ברודער ש מ ע ו ן, וועלכער איז גע׳הרג׳עט געוואָרען פון זיין אייגענעם איידים נעבען יריחו.

יוחנן הירקאַנוס, דער זוהן פון שמעון, האָט געצויגען די דינאַסטיע פון מתתיהו ביז שפּעטערדיגע דורות. ער און אַלע זיינע קינדער האָבען אָבער קיין כבוד ניט צוגעגעבען דעם אידישען פּאָלק. זיי האָבען געשאָכטען און געמאָרדעט די אַלע וועלכע זיינען געשטאַנען אין זייער וועג און האָבען געהאַסט און גע׳רודף׳ט דיא אידישע חכמים ניט ווייניגער וויא אנטיוכוס. ווען זיי האָבען געוואָלט פאַרזיכערען זייער ממשלה, פלעגען זיי מאָרדען זייערע אייגענע עלטערען אָדער קינדער און פרויען מיט דער גרעסטער אַכזריות. זיי האָבען פאַרפליצט דאָס גאַנצע לאַנד מיט בלוט און טרעהרען.

דאָך וועט דער נאָמען מאַקאַבעער און חשמונאים בלייבען אויביג טהייער ביי אידען, ווייל מתתיהו, דער גרינדער פון דער משפחה און זיינע פינף זיהן האָבען אָנגעשריבען די מערקווירדיגסטע קאַפּיטלעך אין דער אידישער געשיכטע.

דאָס חנוכה דרעהדעל

איך געה פאַר אייך יעצט האַלטען אַ דרשה וועגען חנוכה.

מיין טהעמא איז — "דאָס דריידעל מאַי קאַ משמע לן?"

וואָס לאָזט מיך דאָס דריידעל הערען?

מיינע ליעבע אידען, ווען איהר וועט זיך צוקוקען גוט צום דריידעל ווי עס דרעהט זיך, ווי עס וואַרפט זיך, ווי עס בויגט זיך אויף אַלע זייטען און ווי עס מוז אַם ענדע פאַלען. עס קען זיך גאַר ניט העלפען, וועט איהר דערפון קענען אַראָבנעהמען אַ מוסר השכל, אַז יעדע זאַך וואָס שאַקעלט זיך יעדע זאַך וואָס שטעהט ניט פעסט, מוז פאַלען.

מען קען זיך דרעהען אַהין און אַהער, מען קען זיך וואַרפען אויף אַלע זייטען בלויז אַ קורצע שטיקעל צייט. מען מוז פאַלען !...

דער מענש איז פונקט ווי דאָס דריידעל, להבדיל, ווען ער הויבט זיך אַן שאַקלען, מוז ער פאַלען.

דאָס דריידעל פאַלט אויף איינע פון די פיער בוכשטאַבען, אויף נ. ג. ה. אָדער ש. מען דערצעהלט אונז, אַז דיעזע בוכשטאַבען זיינען די אָנפאַנגס־ווערטער נס גדול היה שם. אָבער איך דענק, אַז דאָס זיינען גאַר די ראשי תיבות פון די ווערטער: נאַר גבירים האָבען שנאַפּס.

זאָלען זיי האָבען, וועמען אַארט עס ? איך זאָג, אַז שנאַפּס איז גאַר ניט אַזאַ טייערע זאַך, נאָך וועלכער מען דאַרף זיך אַזוי יאָגען צו די דאָקטוירים זיי זאָלען געבען פּרעסקריפּשאָנס, און דער דראַגיסט זאָל רעכענען אַ רענדעל אַ טראָפּען.

איך האָב אַ בעקאַנטען אידען, אַ גרויסער חסיד, האָט ער מיר אַמאָל געגעבען צו פערשטעהן דעם גאַנצען ענין פון שנאַפּס און האָט מיר געצייגט בעשיינפערליך, אַז שנאַפּס איז גאַר ניט מיט גאַר ניט.

— עס זיינען דאָ אַנדערע אידען, זאָגט ער צו מיר, וואָס ביי זיי איז דער שנאַפּס אַ מוז. זיי קענען אָהן אַ שנאַפּס ניט לעבען. דאָס איז אַ גרויסע נאַרישקייט. ביי מיר, זאָגט ער, איז דער שנאַפּס בלויז אַ מהיכי תיתי זאַך, האָב איך שנאַפּס, טרינק איך מיר ווי־פיעל איך וויל, און גאַר ניט. האָב איך ווייעדער ניט קיין שנאַפּס, עס קען דאָך אַמאָל פּאַסירען, אַז עס געהט אויס ביי אַ מענשען שנאַפּס, אַארט עס מיך ווי דער פאַר־איאָהריגער שנעע, איך געה אַריין צו אַ גוטען ברודער און בעט ביי איהם אַ שנאַפּס, און מאַך־

מיר מיין שנעפסעל ווי געוועהנליך. אבער איך זאל זיין ווי די אנדערע וואס דער שנאפס איז ביי זיי אי־אי־אי, אז זיי קענען גאר אהן דעם ניט לעבען, ניט ביי מאטיען! אזא זולל וסובא בין איך ניט! זאל עס אפילו פאסירען, אז איך קען ביי א גוטען ברודער קיין שנאפס ניט בעקומען, און אליין האב איך אויך קיין שנאפס ניט, געה איך אריין אין א סאלון און קויף מיר א שנאפס, מילא קאסט עס טהייערער, ווענען ארט עס? אבער צו זיין ווי אנדערע וואס ביי זיי איז דער שנאפס דאס גאנצע לעבען — ניט ביי מאטיע! אזא פיאניצע בין איך ניט!

"עס קען דאך אפילו אמאל פאסירען, האט מיין חסידישער פריינד פארטגעזעצט זיין ערקלעהרונג ווי אזוי ער קעהרט ניט פאר שנאפס, עס קען דאך אמאל טרעפען אז איך וויל געהן אין סאלון מאכען א שנאפס און האב גראדע דאמאלסט קיין געלד ניט. נעפין איך מיר שוין אן עצה. מען וואוינט דאך ניט אין א מדבר, ענטוועדער איך בארג מיר ערגעץ א פאר סענט, אדער איך בעט דעם סאלון־קיפער ער זאל מיר בארגען א שנאפס, און אין ערגסטען פאל געה איך און פערזעץ א משכון און מאך מיר מיין געוועהנליכען שנאפס יעדען טאג נאכ'ן דאוונען — אבער איך זאל זיין ווי די אנדערע, וואס ביי זיי איז דער שנאפס אי־אי־אי, און זיי קענען גאר אהן שנאפס ניט לעבען — ניט ביי מאטיען! אזא געשמד'טע קישקע האב איך ניט. ביי מיר איז דער שנאפס א מהיכי תיתי זאך.

בלויז איין מאל האט זיך מיר געמאכט, ווען עס איז אויסגעקומען ווי מען זאגט כלו כל הקצים, ניטא קיין שנאפס כאטש נעהם און טהו זיך אן א מיתה, האב איך מיר דאמאלסט ערלויבט אוועקצו־גנב'ענען א גמרא אין ביהמ"ד און זי פערקויפט פאר א פאר סענט, אבי צו האבען מיין געוועהנליכען שנעפסעל. אבער צו זיין חלילה ווי אנדערע, ביי וועלכע דער שנאפס איז אי־אי־אי און וואס וואלטען פארקויפט זייער אייגענעם טאטען פאר א שנאפס, דאס וואלט איך אין לעבען ניט געטהאן, ווייל ביי מיר איז דער שנאפס לא דוקא, האב איך — טרינק איך, ווען ניט — האט איהר דאך שוין געהערט וואס איך טהו...

אָבער ניט דאָס בין איך אויסען, איך בין אייך דאָ בלויז גע־קומען ערקלעהרען דעם גרויסען סוד פונ׳ם דריידעל.

דער מענש איז אַקוראַט ווי דאָס דריידעל, ווען ער שאָקעלט זיך מוז ער פאַלען, און פאַלט אויף דיעזעלבע בוכשטאַבען ווי דאָס דריידעל, אויף אַ נון, אויף אַ גימל, אויף אַ היא אָדער אויף אַ שין.

דיעזע פיער בוכשטאַבען, זיינען דער שליסעל צום גרויסען סוד פאַר וואָס פיעלע מענשען פאַלען.

די "נון" מיינט נקבות, זעהר פיעל גרויסע מענשען זיינען שוין דורך דער דאָזיגער נון געשטרויכעלט געוואָרען און זיינען גע־פאַלען עד שאול תחתיה.

די "גימל" מיינט געמבלען. גרויס, שרעקליך גרויס איז די צאָהל פון געפאַלענע מענשען דורך געמבלען. ווייל געמבלען פיהרט שוין אויך צו גניבה און צו גזילה, אַלץ דיעזעלבע גימל. אז ווען צום דריידעל וואָס פאַלט אויף דער גימל.

די "היא" מיינט פשוט די וואָס האָבען קיין שכל ניט, פערד וואָס דאַרפען עסען היי און האָבער. זעהר פיעל מענשען פאַלען דורך זייער אייגענע נאַרישקייט. מען דאַרף זיי נאָר אַ דרעה טהאָן, שאָקלען זיי זיך און דרעהען זיך אַהין און אַהער ביז זיי פאַלען.

די "שין" מיינט צוויי זאַכען — שכרות און שקרנות. סאַי דער שיכור, סאַי דער שקרן קענען זיךביידע לאַנג אויף די פיס ניט האַלטען. זיי מוזען פאַלען. אַנדערע שאָקלען זיך מעהר, אַנדערע ווייניגער, אָבער פאַלען מוזען זיי.

דאָס איז דער סוד פון דריידעל,
 יעדער פאַרשטעהט עס גאַנץ פליין.
ווער נאָר עס וויל, דער דרעהט עס,
 און פאַלען מוז עס אַליין...

דאָס איז דער סוד פון דריידעל,
וואָס קען ניט זיין איבער זיך באָס.
ביז עס פאַלט אויף אַן אות.

דאן לאזט מען דאס דריידעל אויף הפקר.
געפאלען ! ווער קערט דען דערפאר ?
און יעדער שפעט נאך סאטיריש :
געפאלען ? געוועזען מסתמא א נאר !....

דער סוד פון חנוכה

קיין יום טוב איז ניט ארומגעוויקעלט מיט אזוי פיעל סודות און געהיימניסע, ווי דער יום טוב פון חנוכה.

אפיציעל הייסט עס א מלחמה יום טוב. דאס אידישע פאלק האט אמאל געהאט א מלחמה מיט די גריכען, און אזוי ווי מיר האבען געהאט זעהר א פעהיגען פעלד־מארשאל מיט'ן נאמען מתתיהו כהן גדול, און אזוי ווי זיינע פינף אייגענע זיהן זיינען געווען העלדישע גענעראלען, האבען מיר די מלחמה געוואונען, און ווי דער מנהג איז, מאכט דער זיעגער נאכהער אימער א יום טוב.

עס איז ווייעדער דא א צווייטע אורזאכע צום יום טוב פון חנוכה, די צווייטע אורזאכע איז א קליין קריגעל בוימעל, וואס האט על פי נס געגעבען ליכט אויף א וואך, ווערהענד אויף א נאטירליכען וועג האט עס נאר געקענט זיין גענוג אויף איין נאכט.

מיר וועלען צוגעבען אז ביידע אורזאכען זיינען ריכטיג — זעהר שעהן ! פרעגט זיך אבער א פראגע, וואס האט דאס אלעס צו טהאן מיט עסען רעטשענע לאטקעס מיט גענזענע שמאלץ ? וואס פאר א שייכות האט עס מיט שפיעלען אין קארטען און אין דרעהדעל און מיט טהיילען חנוכה־געלד ?

און מיט וואס פאר א רעכט קומען עס די חברה קדישא'ס און כאפען אריין זייערע חנוכה סעודות נאך מיט צעהן טעג פריהער ? ווארום זאלען זיי ניט ווארטען אויף חנוכה און עסען די געבראטענע גענז בצבור, גלייך מיט'ן גאנצען עולם ?

און אויב חנוכה איז ווידער אזא גרויסער יום טוב, פאר וואס מעג מען חנוכה ארבייטען און געהן אין דער וואכעדיגער קאפאטע? וואסער א פנים האט גאנץ הלל מיט א וואכעדיגער קאפאטע, אהן א פרישען קוילעטש און אהן א ספעשעל קידוש?

וואס פאר א פנים וועלען מיר האבען, ווען מיר וועלען קומען צו די פראהיבישאן בעאמטע, זיי זאלען אונז געבען א פערמיט צו קויפען וויין אויף חנוכה, וואס איז נאר ערלויבט פאר קידוש און הבדלה, און זיי וועלען נאכהער אויסגעפינען, אז אין דעם גרויסען יום טוב פון חנוכה איז ניטא ניט קיין קידוש, ניט קיין הבדלה, נאר קארטען, דרעהדעל און חנוכה־געלד?

די אלע פראגען זיינען געווען, זיינען יעצט און וועלען פאר אימער בלייבען אלס גרויסער סוד פון חנוכה, וואס מיר קליינע מענשעלאך מיט קליינע מוחות קענען ניט בעגרייפען.

מעגליך, אז דער גאנצער נס חנוכה, צוליעב וועלכען מען צינדט אן ליכטליך מיט א לאנגען שמש, איז געשעהן צוליעב דעם כדי די חזנים זאלען קענען געבען חנוכה־קאנצערטען. די ליכטעלאך זיינען די משוררים, און דער שמש איז ביי וועמען מען קריגט די טיקעטס.

אי וואו איז דער חזן אליין? מעגליך ער שפיעלט דערוויילע אין קארטען, אדער אין דרעהדעל, ביז מען לאזט איהם וויסען, אז די טיקעטס זיינען שוין אלע אויספערקויפט, און אז ער איז שוין זי־כער מיט זיין חנוכה געלד...

וואס אנבעלאנגט צו די געהיימע בוכשטאבען וואס געפינען זיך אויף'ן דרעהדעל — נ. ג. ה. ש. — מאכט עס גאר ניט "נס גדול היה שם", נאר עס איז אזא געהיימע שפראך, אין וועלכער דער חזן רעדט זיך דורך מיט'ן שמש און זאגט איהם: נ"יט ג"נבע ה"יינט, ש"מש! ווער קען וויסען וואס ראשי תיבות מאכען?

פאר די מענשען וואס גלויבען ניט אין סודות און רמזים קען זיך זיין דער חנוכה א גאנץ פליינער געוועהנליכער ווינטער וואר־קיישאן.

אין דרויסען איז קאלט און נאס. די טעג זיינען כמארנע

און קורץ, די נעכט זיינען לאנג. אלע גרינע גראזען, אלע בלומען, אלע בוימער בעדעקט מיט שנעע. אלעס שמעקט מיט מלאך המות, מיט טויט און תכריכים. עס ווילט זיך עפעס א יום טוב צו קענען פערגעסען אן טויט, צו פערטרינקען די צרות. צו דערווארעמען די פערפרוירענע נשמה. פון סוכות אן זיינען שוין פאריבער היבשע עטליכע וואכען אהן א פאלוסטאנאק, אהן א סטיישאן, און ביז פורים איז נאך ווייט, פאר וואס ניט געפניען עפעס א תירוץ א לעב צו טהאן אביסעל ?

און האט איז געקומען חנוכה. אידען האבען געזיעגט — גריכען פאדליעצעס האבען געהאט א מפלה — קומט, רבותי, לאָמיר מאכען א שנאפס ! אין עטליכע וואכען ארום וועלען מיר האָבען א המן, ווידער א שנאפס — ווען אַרט עס ?

דאס דערמאהנט מיר אן א געוויסען חסיד וואס האט געזוכט יעדען טאג אן אורזאכע פאר וואס צו מאכען א שנעפסעל. ווייל אהן אן אורזאכע, זאגט א חסיד, טרינקט נאר א גוי, א איד מוז האבען אן אורזאכע פאר וואס צו מאכען א שנאפס.

און יגעתי מצאתי, אז מען זוכט געפינט מען. איין טאג איז געווען דעם אלטען'ס יאהר־צייט, קומט א שנאפס ; א צווייטען טאג איז געווען דעם בעל שם'ס יאהר־צייט, קומט דאך געווים א שנאפס, א דריטען טאג איז געווען דעם ווילנער גאון'ס יאהר־צייט, קען מען אויך מאכען א שנאפס, און אזוי זיינען פאראיבער די יאהרצייטען פון אלע גרויסע צדיקים, ביז עס זיינען געקומען פליינע טעג, וואס כאטש ליג זיך און שטארב אוועק, ניטא קיין אורזאכע פאר וואס א שנאפס צו מאכען.

דאס האט איהם שרעקליך פערקלעהמט ביים הארצען. ווי קען עס נעהמען א איד גלאט אזוי אין דער וועלט אריין און טרינקען שנאפס ווי א גוי, אהן א פאר־וואס ? און ער האט גענומען דאס חומש'על און האט אנגעפאנגען זוכען אין דער תורה, אולי ירחם, טאמער וועט זיך גאט אויף איהם דערבארעמען און ער וועט אין דער תורה געפינען כאטש א רמז, אז ער דארף היינט מאכען א שנאפס. ער האט אנגעפאנגען גלייך פון בראשית, און מיט אמאל

האָט זיין פּנים אָנגעהויבען שיינען פון שמחה. ער האָט געפונען וואָס ער האָט געזוכט.

ער האָט דערזעהן, אַז ווען גאָט האָט בעשאַפען זיין גרויסע וואונדערבאַרע וועלט, האָט ער בעשאַפען ניט בלויז מענשען אַליין, נאָר ער האָט אויך בעשאַפען פערד, וועלף, הינט, לעמפּערטען און אַלע אַנדערע פערשיעדענע חיות.

און דער חסיד האָט דאַן מיט גרויס התלהבות צו זיך אַליין גערעדט :

— אַלע חיות וואָס זיינען דאָ אויף דער וועלט, זיינען דאָך גאָט'ס בעשעפענישען, פּונקט ווי איך, היינט וואָס וואָלט איך דען געקענט טהאָן דעם רבונו של עולם, ער זאָל מיך געוועזן בעשאַפען אַ הונד, אַדער אַ פערד, אַדער אַן אָקס, אַדער גאָר אַ בהמה ? און אַז דער גרויסער בעשעפער פון דער וועלט איז צו מיר געווען אַזוי גוט, און ער האָט מיך בעשאַפען ניט קיין הונד, ניט קיין פערד, ניט קיין אָקס און ניט קיין בהמה, נאָר אַ מענש, — דאַרף איך מאַכען אַ שנאַפּס.

און ער איז אַוועק מלא שמחה מאַכען אַ לחיים מיט אַן אורזאַכע. אויף מאָרגען האָט ער שוין געפונען מעהרערע אורזאַכען, אַלץ מיט דער זעלבער סיסטעמע. גאָט האָט דאָך בעשאַפען "איוואַנעס" אויך, און אַ שעהנעם פּנים וואָלט עס געהאַט, אַז ער זאָל הייסען איוואַן, אַזוי אַז ער הייסט אָבער ניט איוואַן, נאָר ר' אברהם יצחק, קומט אַ שנאַפּס !

אַ דריטע אורזאַכע איז געווען, אַז דער גוטער גאָט האָט דאָך בעשאַפען מתנגדים אויך, ניט בלויז חסידים, און אַ שעהנעם פּנים וואָלט ער געהאַט ער זאָל געוועזן בעשאַפען ווערען אַ קאַלטער, פערפרוירענער מתנגד ! אָבער אַז דער אויבערשטער האָט איהם בעשאַפען אַ חסיד, איז דאָך קיין שום ספק ניט, אַז דעפאַר קומט אַ שנאַפּס.

און אַזוי האָט ער יעדען טאָג
געפונען אַ פאַר־וואָס.
צו מאַכען טעגליך זיין לחיים,
מיט אַ פולער מאָס...

דאָס דרעהדעל.

איהר ווייסט, רבותי, וואָס מיר איז אַריינגעפאלען אין מח אַ געדאַנק, אַז איהר וועט הערען וועט איהר לאַכען, עס וועט זיך אייך אויסוויזען, אַז ס'איז גאָר ניט, אָבער איך בין זיכער, אַז דער גע־דאַנק איז זעהר אַ הויכער.

מיר איז איינגעפאלען, אַז ווען ניט דאָס דרעהדעל וואָלט גע־ווען זעהר שווער צו זיין אַ איד. דאָס דרעהדעל העלפט אַרויס פון אַלע צרות. אַ דרעה אַהין, אַ דרעה אַהער, און מען איז דאָך, וויא זאָגט מען, אויב ניט קיין גאַנצער איז כאָטש אַ שטיקעל איד, משטיינס געזאָגט.

איהר האָט דאָך מסתמא געהערט ערגעץ אויף אַ מיטינג, אַז אויף דער וועלט איז דאָ אַזא זאַך וואָס הייסט היסטאָריע. דיא דאָ־זיגע היסטאָריע איז אַ זעהר קאַפּריזנע בעשעפעניש. טהוט אימער וואָס זי וויל, און פרעגט ביי קיינעם קיין דעה ניט, אויב זיא זאָל עס טהון אָדער ניט.

און זי האָט זיך מיישב געווען די דאָזיגע מיסעם היסטאָריע און איז געגאַנגען און האָט געמאַכט אַז קריסטמעס זאָל אויסקומען כמעט אין איין צייט ווי חנוכה. און געה טהו איהר עפּעס.

וואָלטען די ביידע ימים טובים ניט געווען פערבונדען מיט ביזנעס, און עס וואָלט זיך נאָר געהאַנדעלט אום צו זאָגען הלל און על הניסים, וואָלט מען נאָך ווי עס איז געקענט דורכקומען, אָהן אַ דרעהדעל. איז אָבער, מעשה שטן, אַריין אין מיטען ביזנעס, און עס איז אונמעגליך געוואָרען זיך אויסצודרעהען אָהן אַ דרעהדעל.

קומט אַ גרויסע פירמע אַדווערטייזען אין אַ גרויסע אידישע אָרטאָדאָקסישע צייטונג, אַז זיא האָט טהייערע קריסטמעס פּרע־זענטען צו פערקויפען.

נאַטירליך פּאַסט עס ניט, אַז מען זאָל פאַר אידען מאַכען אַ גאַנצען אויפריהר, און אַ גאַנצען טאַראַראַם מיט קריסטמעס, וואָס

דערמאנט דעם אידען אין דער געוואלטיגער ליעבע וואס דער קריסטמעס האט געבראכט אויף דער וועלט, איבערהויפט די ליעבע צו אידען.

און דער אדווערטייזינג אגענט טהוט זיך א דרעה מיט'ן הרעהדעל, און הייסט שרייבען אנשטאט "קריסטמעס פרעזענטען" — חנוכה מתנות.

און דער אדווערטייזמענט לעזט זיך דאן אט אזוי:

אויב איהר זייט א גוטער זוהן צו אייער אלטען טאטען, קויפט איהם א גוטען סייפטי רייזאר, ער זאל זיך אליין קענען אבשייווען אלע שבת איידער ער געהט אין שוהל אריין.

איהר פערשטעהט דאס הרעהדעל? אין ענגלישען אדווערטייזמענט איז געטשאנען ער זאל זיך אליין קענען שייווען אלע זונטאג איידער ער געהט אין טשוירטש אריין.

אט אזוי, פערשטעהט איהר מיך, טהוט מען א דרעה דאס דרעהדעל, און מען בלייבט א איד.

ווייטער אביסעל אין זעלבען אדווערטייזמענט אין אריגינאל: קויפט אייער אלטער מאמע א גאלדענעם צייליאמעל, זאל זיא עס שטענדיג אויפ'ן האלדז טראגען און זיך דערמאנען אז איהר קינד, ווען נאר זיא טהוט א קוק אין שפיגעל.

דא טהוט זיך דער אדווערטייזינג אגענט ווייטער אן עצה, ער נעמהט דאס דרעהדעל, טוהט עס א דרעה, און עס איז דא א פלאן. אנשטאט "צייליאמעל" הייסט ער שטעלען מגן דוד מעדאלאן, און עס קומט אוים ריכטיג. ישראליק'על דרעהט זיך אוים, און בלייבט א איד.

בלויז איין זאך האט געמוזט בלייבען וויא אין אריגינאל און קיין דרעה האט דערצו ניט געקענט העלפען. דיא גרויסע שורה פון אויבען.

נאר ש ב ת איז דער גרויסער טאג פון מציאות ! ! !

צו מאכען פון דעם ווארט "שבת" זונטאג, דאס האט מען שוין ניט געקענט, וויל וויא איהר ווייסט אדווערטייזען ברוך השם אלע אידישע ביזנעס לייט אויך זייערע מציאות אויף שבת. זיי

האבען מורא, אז מאנטאג וועלען די מציאות קיין מציאות ניט זיין מעהר.

ניט לאנג צוריק, ימים נוראים צייט, האב איך געלעזען אן אד־ווערטייזמענט אין א צייטונג לאמר, אזוי צו זאגען:

"צו אלע מעמבערס פון מיין קאנגרעגיישאן: אזוי ווי איך גיב אוועק מיין גאנצע צייט פאר אונזער קאנגרעגיישאן אנשי צמח, און נאר מיר צו פערדאנקען, האבען מיר יעצט צוגענומען א גרויסען רב אין אונזער קאנגרעגיישאן און געמאכט א גרויסע תלמוד תורה, על כן בעט איך אלע מעמבערס, זיי זאלען מיך פאטראניי־זען און קומען צום גרויסען קלאדינג סייל, וואס פאנגט זיך אן אין מיין סטאר דיעזען שבת תשובה צעהן א זייגער אין דער פריה, און וועט אנהאלטען בלויז איין טאג.

דאס איז געווען גאר אהן א הרעה־רעל, נאר א פליינער ארדער פון פרעזידענט צו דער גאנצער געמיינדע, א מעסעדזש הייסט עס, איך גיב אייך טאקע א רב, א תלמוד תורה און אלע גוטע זאכען, אבער צו געלד קומט עס ניט.

דאס דערמאנט מיר, אין א פיינע מעשה, וואס איך האב אמאל געהערט פון מאסקאווער רב, עליו השלום.

דער מאסקאווער רב האט זיך אמאל צוקריגט מיט א פרעזידענט פון דעמזעלבען סארט פרעזידענטען וואס איך האב פריהער דער־מאנט. און דער פרעזידענט האט אויפגעווארפען דעם רב, אז דאס וואס ער לערענט, און דאס וואס ער דאווענט, און זיין גאנצע פרומ־קייט איז נאר צוליעב געלד.

— אמת, האט איהם דער מאסקווער רב געענטפערט פראמפט מיט זיין שארפען וויץ. מיר ביידע מיינען דיעזעלבע זאך — געלד! אבער זעהט וואס איך טהו פאר געלד און וואס איהר טהוט. איך דאווען, און לערען און בין פרום, ווי איהר אליין זאגט, און איהר גנב'עט, און גזל'עט, און געמבעלט צוליעב געלד. היינט ווער איז פיינער, איך צו איהר?

אזוי איז עס, דאס אידישע לעבען איז א טראגי קאמעדיע. שווער, זעהר שווער צו זיין א איד צווישען גוים. עס איז זאגאר

שוועד צו זיין א דייטש צווישען פראנצויזען, און א פראנצויז צווי־שען רוסען; אבער נאך טויזענד מאל שווערער איז צו זיין א איד אין א קריסטליכע לאנד, און ווען נים דאס 'דרעהדעל, וועז ניט א דרעה אהין, א דרעה אהער, אום עס זאל באטש האבען א זכר. אז אהנונג פון אידיש, ווער ווייסט וואס פון אידען וואלט ישוין געוועז געווארען אין אונזער לאנגען און שווערען גלות.

עס איז דאס דרעהדעל, וואס טראגט אויף זיך דעם צייכען "נס גדול היה שם".

פורים און שנאפס.

אזוי ווי מיר האבען זיך פערזינדיגט פאר'ן רבונו של עולם, און ער האט פון אונז אוועקגענומען דעם תענוג פון טרינקען שנאפס, איז מעהר ניט וויא רעכט, אז לכבוד פורים זאלען מיר אם ווייניג־סטען "רעדען" פון שנאפס טאמער וועט מען זיך דערפון אליין קע־נען אנשיכורען.

על כן וועל איך דא געבען א וויסענשאפטליכען לעקטשור ווע־גען אלעם וואס האט צו טהאן מיט שנאפס. נאר הערט מיט קאפ — שלאפט ניט, כראפעט ניט, ווי עס איז געוועהנליך דער מנהג ביי וויסענשאפטליכע לעקטשורס.

קודם מוז מען וויסען ווער איז געווען דער געניאלער ערפינ־דער פון שנאפס. דיא היסטאריקער זיינען ניט איניג אין דיעזער פראגע. אייניגע זאגען אז נח און אייניגע זאגען אז לוט. און ביידע האבען שטארקע ארגומענטען פאר זייערע טעאריען.

מיר וועלען פרובירען ביידע טעאריען ריכטיג צו אנאליזירען.

די נח אנהענגער זאגען אזוי : מיר געפינען דייטליך אין דער תורה א פסוק "אלה תולדות נח", און ווען איהר קוקט זיך גוט צו, זעהט איהר אז דא איז דער "נח" חסר, אהן א ויו, יעצט מאבען

זיי א שפּאַציער צו דער מגילה, און ציינען אונז דאָרט אַז דער זעל־בער נח קומט שווי מיט א ויו, "ונוח מאויביהם" — פרעגען זיי א קשיא: היתכן? ווי קומט עס עפּעס, וואָס אין דער תורה שטעהט נח אָהן א ויו, און אין 'חער מגילה מיט א ויו? און דערפון זיינען זיי געקומען צום בעשלוס, אַז פּורים איז נח מלא...

אוודאי קען מען ניט אַפּלייקענען אַז דער בעוויז איז אייזען־שטאַרק׳ קומען אָבער די אַנדערע מחקרים און זאָגען "לא!" דער קרעדיט קומט צו מר. לוט. זיי צייגען, און טאַקע אויך פון דער תורה, אַז ניט בלויז איז לוט געווען דער ערפינדער פון שנאַפּס, נאָר ער איז אויך געווען דער מאַרטירער פאַר דער אידעע, א מין גאלילע, ניט קוקענדיג אויף אַלע געפאהרען צו וועלכע מען איז געווען אונטערוואַרפען וואָהנענדיג אין סדום׳ האָט לוט זיין לעבען ריזיקירט, און איז דאָרט געבליבען וואָהנען, וואָרום? וואָס האָט איהם געהאַלטען צוגעבונדען צו סדום? דאָס פערענטפערט אונז גלייך דער פסוק: — כי הארץ כולו משקה....

היינט נאָך א זאַך, מיר האָבען א כלל אין אַלס אַז קול המון כקול שדי — און מען האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט מענשען זאָ־לען זאָגען שיכור ווי נח — אַלע זאָגען שיכור ווי לוט, און דאָס אַליין איז גענוג בעוויז אַז דער אמת׳ער קאָלומבוס פון שנאַפּס אזי געווען לוט; זאָל זיך דיעזער גרויסער צדיק 'דאָרט מיהען דיא שווערע פּראָהיבישאָן גזירה פון אונז אָבצושאַפען.

עס איז ווידער דאָ גאָר א גאַנץ אַנדער מיינונג פון גוטע אי־דען׳ מאַנכע זאָגען, אַז די מיינונג שטאַמט נאָך פון׳ם בעל שם טוב, זצ"ל, און עס לאָזט זיך גלויבען, ווייל די אידעע איז כפתור ופרח.

נור הערט מיט שכל. ניט נח און ניט לוט זיינען געווען דיא ערפינדערס פון שנאַפּס. זיי האָבען טאַקע געטרונקען שנאַפּס, זיי האָבען ליעב געהאַט שנאַפּס, ווייל ווער קען דען פיינד האָבען שנאַפּס, אָבער זיי זיינען שוין געקומען אויפ׳ן גרייטען. דער ער־פינדער און דער בעשאַפער פון שנאַפּס׳ איז געווען השם יתברך אַליין. ער האָט בעשאַפען דעם שנאַפּס אין דער זעלבער צייט וואָס ער האָט בעשאַפען 'די פיש.

ווען דער אויבערשטער האט בעשאפען די פיש, האט ער צו זיי געזאגט: "פרו ורבו ומלאו את הארץ!" און גלייך אין דעם ווארט "פרו" ווערען פאר אייך אלע סודות אויפגעדעקט, און איהר זעהט די כוונה פון דעם בורא עולם. די ראשי תיבות פון "פרו" ערקלעהרען מעהר ווי גאנצע ביכער וואלטען געקענט ערקלעהרען. פ ר ו, מאכט "פערעד ריבי וואדקא," "פאסרעדי ריבי וואדקא", "פאסליע ריבי וואדקא". דאס זעלבע איז אויך מיט די ראשי תיבות פון ד ג י ם. ווי אזוי איהר זאלט דעם ווארט ניט דרעהען וועט אלץ ארויסקומען דאס זעלבע: "דאי גארעלקו יעזשעלי מאיש" — און צוריק: "מאיש גארעלקו :יעשצע דאי!", און דאס צייגט וואס פאר א גרויסער רחום וחנון דער אויבערשטער איז, אזוי שנעל ווי ער האט נאר בעשאפען די וועלט, האט ער גלייך פערזארגט דעם מענשען מיט אביסעל שנאפס.

דער מענש טאר אבער דערפאר ניט זיין קיין כפוי טובה, מען טאר ניט נעהמען גאטס שנאפס און טרינקען גלאט אזוי אין דער וועלט אריין. מען מוז פריהער מאכען קידוש, און דא האט איהר דעם ריכטיגען פורים'דיגען קידוש, וואס שטאמט נאך פון די אנשי כנסת הגדולה וואהרשיינליך :

יום הששי ויכילו השמים, שמים לד' והארץ נתן לבני אדם, יושבי חושך וצלמות וחלקלקות, ומה לך אסתר המלכה עד האשמורה, דברי רבי אליעזר, וחכמים אומרים עד שיעלה עמוד השחר. משעה שבאו בניו מבית המשתה ואמרו עוד לא קראנו את שמע, אמר להם אם לא עלה עמוד השחר חייבים אתם להודות, להלל, לפאר, לרומם, להדר, לברך, לעלה ולקלס על כל דברי שירות ותשבחות דוד מלך ישראל חיי וקיים, נורא ומרום וקדוש, קדוש קדוש ד' צבאות מלא כל הארץ כבודו מלא עולם משרתיו שואלים זה לזה איה שרה אשתך, ויאמר הנה אל ישועתי אבטח ולא אפחד כי עזי וזמרת יה ויהי בימי אחשורות, הוא אחשורוש המולך מהודו ועד כוש, שבע ועשרים ומאה מדינה בימים ההם כשבת המלך אל תשת עלינו חטאת אשר נואלנו ואשר יצר את האדם בצלמו ובצלם דמות תבניתו. והתקין לו ממנו בנין עדי עד לא תרצח, לא תנאף, לא

תענה ברעך עד שקר, על כן יעזוב איש את אביו ואת אמו ודבק באשתו, באשתו אמרו קל וחומר באשת חברו׳ מכאן אמרו חכמים כל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה חלפתי, זה תמורתי, זה כפרתי, זה התרנגול ילך למיתה ואני אכנס לחיים טובים א רוח איהם אין טאטען, ברוך אתה אדו׳שם שהכל בעז סוד ובעז פראווא...

יעצט מוזט איהר מאכען א שנאפס׳ צו מאכען אשנאפס איז די גרינגסטע זאך אין דער וועלט. מען קויפט פלוימען, ניס, באַנאנאס, עפעל, א מאשינקע אזעלכע מיט געדרעהטע פייפלעך, דאן נעהמט מען די פלוימען און מען קאכט פון זיי אפּ א צימעס, פון די עפּעל מאכט מען עפעל סאס, די באנאנאס עסט מען אזוי אויף, און די מאשינקע שטעלט מען אוועק אין סעלער, און מען לויפט אויף שנעל ארוים אין סטריט, און וועמען איהר זאלט ניט בעגעגענען, וועט עס אלץ זיין אזעלכער וואס וועט אייך געבען די בעסטע אינפארמיישאן וואו צו בעקומען אביסעל שנאפס אויף להכעים פראהיבישאן׳ און ניין און ניינציג טשענסעס געגען הונדערט זיינען, אז דער וועמען איהר וועט בעגעגענען טרייבט אליין א קליינע גוראלניע.

אבער מען מוז יעצט זיין זעהר פארזיכטיג מיט שנאפס, לויט די מעדיצינער בעהויפטען, מעג מען בלויז טרינקען שנאפס פאר ברעקפעסט, פאר דינער און פאר סאפער. צוםביישפיעל, ווען איהר טרינקט פון נאך סאפער ביז אין דער פריה הייסט עס פאר ברעקפעסט׳ פון אין דער פריה ביז מיטאג, וועט עס הייסען פאר דינער, פון נאך מיטאג ביז סאפער וועט עס הייסען פאר סאפער.

א ניכטערער פורים.

מארגען איז פורים, און שוין דרעהט זיך מיר דער קאפ, ניט

פון טרינקען משקה, נאָר פון דער פראַגע: "וואו וועט מען נעהמען משקה צום טרינקען"?

אין מיטען דרינען זיינען נאָך אריינגעקומען די רעפאָרמער רבנים און האָבען גע'פסק'ענט אויף זייער קאָנווענשאַן, אַז אידען דאַרפען גאָר לחלוטין ניט האָבען קיין שאַרפע משקאות און אויב חלילה, אַל תפתח פה לשטן, דער דין זאָל בלייבען ווי זיי זאָגען, קען דאָך נאָך אַזוי דער גאַנצער יום טוב פורים בטל ווערען.

די גאַנצע שמחה מיט פורים איז דאָך נאָר וואָס מען דאַרף זיך אַזוי אָנ'שיכור'ען, אַז מען זאָל ניט וויסען "בין ארור המן לברוך מרדכי", היינט אַז די משקאות וועלען ניט זיין שאַרף", פון וואָס וועט מען שיכור ווערען?

פון דער מגילה אליין קען מען שיכור ניט ווערען, פון דיא פלאָדען און פון די מאַנדעל-בייגעלאַך אויך ניט, היינט צו וואָס וועט מען דאַרפען דעם גאַנצען פורים? ווען המן וועט חלילה דערזעהן, אַז מיר געהען ארום ניכטערע, וועט ער מיינען, אַז מיר האָבען שוין אַז דייר גאַנצער מעשה פערגעסען, און וועט אויפוועקען זיינע צעהן בנים, און זיי זאָגען: קומט, חברה לאָמיר זיי דערמאַנען אַז מיר לעבען נאָך!...

איך דענק, אַז היינט איז נאָך דאַ צייט, מען זאָל אַפּאינטען אַ קאָמיטע פון רבנים און חשוב'ע בעלי בתים, וועלכע זאָלען אַוועקגעהן צום רב הכולל איבער אַלע משקאות, און מען זאָל אויף איהם ווירקען ער זאָל אין נאָמען פון ציבור אַרונטערנעהמען דעם איסור אויף שאַרפע משקאות אַם ווענינגסטען איבער די צוויי טעג פון פורים און שושן פורים.

איי איין וועג זאָל ער אויך אַכטונג געבען, אַז די וואָס פערקויפען די שטאַרקע משקאות זאָלען ניט יוזען צופיעל וואַסער, אַז מיר ווילען די משקה מאַכען שוואַכער, האָבען מיר, ברוך השם, אייגענע סינקס, מיט אייגענע וואַסער, פאַר וועלכער מיר צאָהלען וואַסער טעקס צו דער סיטי.

עס איז אויך ניט קיין יושר צו יוזען און מיסברויכען אַזוי פיעל די וואַסער. דערמאָנט זיך וויפיעל וואַסער עס ווערט פער־

ברויכט אומזיסט און אומנישט! די בראָקערס אין וואָל סטריט געברויכען גאַנצע ימים וואַסער אין זייערע סטאַקס; די בוטלעגערס גיסען אריין גאַנצע טייכען וואַסער אין זייער משקה; די מילך הענד־לערס גיבען האַלב וואַסער און האַלב מילך — היינט וואו איז דאַ יושר? מען קען דאָך אַזוי מיט דער צייט אַלע ימים און טייכען אויסשעפּען, און וואו וועלען זיך די מיידלעך נעבעך באַדען? און וואָס וועט ווערען פון זייערע ביידינג סוטס? כאָטש נעהם און נעה אויף פון יעדען סוט אַ לייבסערדאַק, אָדער ווי מען רופט עס אויף לשון הקודש אַ "ארבע כנפות"!

און ניט בלויז פאַר דער וואַסער אַליין איז עס ניט יושר'דיג געהאַנדעלט, נור עס שמעקט אויך מיט אַ גרויס געפאַהר פאַר דער גאַנצער מענשהייט.

איהר מוזט ניט פערגעסען, אַז ווען מיר וועלען אַלץ האַלטען אין איין זשליאָקען וואַסער, קען זיך נאָך חלילה פערפּלאָדען ביי אונז זשאַבעס אין בויך. אַ שעהנעם פּנים וועט עס האָבען, צום ביישפּיעל ווען אַ חזן וועט זיך אַוועקשטעלען זינגען "דאָס באַלע־גאַלטשיקעל", און די זשאַבעס פון בויך וועלען איהם העלפען קראַ־קען...

עס איז אַזוי אויך אַ געװנוגע שטראָף, וואָס מען מוז דאָס גאַנ־צע יאָהר מאַכען אַ ברכה אויף וואַסער, וואָס ברענגט אַזוי פיעל אומגליק אויף דער וועלט.

איך ווייס ניט ווי איהר, נור איך קען דעם מבול ניט פערגעס־סען! בעטראַכט נאָר גוט וואָס דאָס מיינט פאַר אַ רציחה, נעה־מען און דערטרינקען אַ גאַנצע וועלט! און דאָס האָט נאָר געטהאָן וואַסער. שנאַפּס, אָדער אפילו ווין וואָלטען עס אסור געטהאָן.

איך האָב שוין אָהן עין הרע אָבגעלעבט היבשע עטליכע יאָהר, און האָב נאָך קיינמאָל ניט געהערט, אַז אפילו איין מענש זאָל דערטרונקען ווערען אין שנאַפּס, אָדער אין ווין, און מיט וואַסער פּאַסירט עס אַלע מאָל. עס איז ניטאָ אַ יאָהר, אַז דאָס וואַסער זאָל ניט מזיק זיין עטליכע הונדערט נפשות, היינט ווי קען מען נאָך האָבען אַ האַרץ צו טרינקען און צו קוויקען זיך מיט וואַסער, און נאָך דאַרויף מאַכען אַ ברכה "שהכל נהיה בדברו!"?

ניין, ביי אַן עהרליכען אידען דאַרף וואַסער זיין טריף ווי חזיר.
און די "מסכת פורים" זאָגט טאַקע אויסדריקליך, אַז פורים טאָר זיך אין קיין אידיש הויז ניט געפינען קיין וואַסער — ווי אין פסוק שטעהט: "ובערת הרע מקרבך, און "רע" מיינט נאָר וואַסער, ווי עס שטעהט אין דער תורה דייטליך: "והמים הרעים".

אבער לאָמיר האָפען, עס וועט אַ נס געשעהן,
אַ נס מן השמים. —
מען וועט אויך דעם פורים ווי ס'איז אימער געווען —
מאַכען אַ פיינעם לחיים.

קוים נור לעבט איהר מיט אמונה,
וועט שוין אַלעס רעכט זיין —
און די אמונה וועט אייך ברענגען
פלענטי שאַרפען וויין.

זמן חרותנו

ניט אומזיסט מאַכען מיר אַזעלכע גרויסע הכנות מקבל צו זיין אונזער יעהרליכען גאַסט פסח, ווייל ער איז ווירקליך דער שעהנ־סטער און ליעבסטער יום טוב.

ניט נאָר דיא הערליכע סדר־צערעמאָניעס איבען אויף אונז אוים אַ מאַגנעטישען צויבער זאַנדערען אויך, אַדער הויפטזעכליך דיא זיסע, הייליגע עראינערונגען וואָס זיינען פערבונדען מיט איהם.

פסח דערמאַנט אייך קודם כל, אַז איהר בעלאַנגט צו אַן אַלטע אומה וואָס האָט דורכגעמאַכט מעהר ערפאַהרונג ווי אַלע אַנדערע אומות אויף דער ערד —

וואָס האָט דורכגעוואַנדערט אונגעהויער פיעלע פעריאָדען, עפּאָכען און דורות —

וואס האט בייגעוואוינט דעם טויט פון ריעזיגע, מעכטיגע פעלקער —

וואס האט געזעהן וויא וועלטען בויען זיך און וויא וועלטען ווערען חרב. —

וואס איז אריבערגעפאהרען געווארען פון דיא שווערסטע רע־דער פון דער צייט און איז טראץ אלעם דעם געבליבען אומבעשע־דיגט, גאנץ אין גוף, גאנץ אין דער נשמה.

פסח מאכט אייך פיהלען שטאלץ מיט אייער גזע, מיט אייער אלטען יחוס.

וויא א פרינץ פון אן אלטער דינאסטיע בעטראכט איהר זיך, און גרוים דרך ארץ קריעגט איהר פאר זיך אליין.

פסח איז דער יום טוב פון ימים טובים, דער קעניג פון אלע פייערטעג. און ער טהיילט זיך מיט אייך זיין קעניגליכע גדולה, ער טהוט אייך אן בגדי מלכות און הויבט אייך אויף זיין טהראן ארויף און זעצט אויף אייער קאפ ארויף א קרוין פון אן אמת'ן בן חורין.

איהר פערגעסט דיא אלע ערנידערונגען פון גלות, דיא גאנצע טראגעדיע פון אייער עקזיסטענץ. עס פאלען ארונטער די קייטען פון עבדות, עס עפענען זיך די טהויערען פון דער שקלאפען־תפיסה און דער געפענגנים פרינץ געהט ארוים אויף דער פרייהייט.

יא, פסח איז אונזער ליעבלינג יום טוב.

ער האט אונז געגעבען מוטה צו שטעהן הארט ווי א פעלז און זיך ניט בויגען פאר די פרעה'ס פון די דורות וועלכע האבען גע־פלאנט געגען אונז "הבה נתחכמה"־פלענער און האבען אונזער זכר פון דער ערד געוואלט אבווישען.

ער האט מיט זיינע מעשה'לאך פון אמאל אונזער אויפמערק־זאמקייט אבגעצויגען פון דער גרויזאמער ווירקליכקייט און האט געוועקט אין אונז זיסע צוקונפטס־טרוימען.

ער האט פאר אונזערע פאנטאסטישע אויגען די גרויסע וואונ־דערליכע יציאת מצרים־פאנאראמע פארבייגעפיהרט און מיר הא־בען דארט געזעהן זאכען וואס האבען ווי באלזאם פון גלעד היילענד

אויף אונזער קראנקער נשמה געווירקט און האבען אונזער פערטרי־קענטען, פערוועלקטען גייסט מיט אן ערפרישענדען, ערהאלענדען "טל של תחיה" בעטהויט.

מיר האבען דארט געזעהן משה'ס שטעקען, וועלכער האט דעם מעכטיגען בלוטיגען שונא דערשלאגען און מיר האבען גע־גלויבט אז דער זעלבער שטעקען וועט נאך אמאל ווידער וואונדער בעווייזען און אונזערע אלע שונאים פערניכטען.

מיר האבען געזעהן יענעם סימבאלישען "סנה" וואס האט דעם געטליכען מחוקק אונזער גאולה־סוד אין זיין פייער שפראך פערטרויט.

מיר האבען געזעהן וויא ער ברענט און ברענט דער דארען און ווערט ניט פערברענט, און מיר האבען געהערט דעם בת־קול וואס איז ארוים פון צווישען זיינע פלאמען און האט אונז א הימלישען טרייסט "מעסעדזש" געבראכט און אונז פערזיכערט, אז פונקט וויא אויף דיעזען דארען האט דאס פייער קיין שליטה ניט אזוי האט ניט און וועט קיין מאל קיין שליטה ניט האבען איבער אידען דאס פייער פון שונא. ער דער שונא וועט פערצעהרט ווערען אבער ישראל וועט בלייבען עקזיסטירען עביג.

און מיר האבען געגלויבט און גלויבען דיעזע שטימע, ווייל זיא האט פראבע אויסגעהאלטען דורך די פיעלע דורות פון אונזער קיום. מען האט אונזער פאלק געווארפען אין אלערליי פייערען, אבער מיר זיינען אימער ארוים אונבעשעדיגט פון זיי.

דיא פלאמען פון דעם גרויזאמען מזבח פון יודענהאס האבען בלויז געברענט אונזער קערפער אבער האבען איהם ניט פערברענט.

זיי פיהלען אונזער מאכט און שרעקען זיך פאר אונז.

ישראל חי וקים, נאך נייטצעהן יאהר־הונדערטע פון א מורא־דיגען, אונאונטערבראכענעם גלות לעבט און עקזיסטירט דיא אי־דישע אומה.

איהרע אלע אלטע שונאים זיינען פערצעהרט געווארען פון דיא פייערען וואס זיי האבען אנגעצונדען פאר איהר. פון זייער

אש איז שוין לאנג קיין זכר ניטא. אבער דיא אידישע נאציאן איז דא און איז איינפלוסרייך און מעכטיג און האלט יעצט ביים אויפ־טרעטען אויף דער פאליטישער ארענא און אנפאנגען צוריק לעבען אן אייגענעם זעלבסטשטענדיגען נאציאנאלען לעבען.

דער שטן פון אינעווייניג און פון דרויסען טאנצט אפילו גאנץ שטארק און מאכט הויכע קטרוג־רקידות געגען אונזער גרויסער אונטערנעהמונג און זוכט מיט אלע מיטלען אונזערע פלענער צו צושטערען. אבער לאמיר האפען, אז דאס זיינען טויטען־טענץ, אז באלד־באלד וועלען איהם דיא כחות פערלאזען און ער וועט אויס־געהן פונקט וויא דיא אלע אידישע משטינים פון די פערגאנגענע צייטען.

יא, מיר האבען נאך היינט געגוג שונאים וואס שטעהען מיט געשארפטע ציינער און וואס ווארפען זיך אלע ווילע ארויף אויף אונז און רייסען אונז ביסען אונז און גיסען אונזער בלוט טייכען־וויז און ווילען פון אונז א כליה מאכען.

זיי גלויבען, אז מיר וועלען זיי סוף כל סוף אלעמען פערשלינ־גען און זיי ווילען אונז דערפאר אבראמען פון וועג; זייערע שטע־רענזעהער זאגען זיי, אז א קינד וועט געבארען ווערען ביי דער אי־דישער אומה וואס וועט א נייע עפאכע פון יושר און גערעכטיגקייט שאפען; וואס וועט אויסראטען דיא ממשלה פון מוטהוויליגקייט פון דער ערד; וואס וועט צורייסען אלע קייטען פון קנעכטשאפט און צוברעכען אלע געטער פון דעספאטי און טיראניי — זיי גלוי־בען דאס אלעס און פונקט וויא פרעה בשעתו ווילען זיי אלע אי־דישע קינדער טויטען אום צו פערהיטען דיעזע "מהפכה"...

אבער פונקט וויא פרעה וועלען זיי מיט זייערע אלע גרויזאמע תחבולות גאר ניט אויספיהרען געגען אונז. זיי קענען ניט און ווע־לען ניט פערניכטען.

דער גרויסער גייסט פון יודענטהום וואס רוהט אין דעם אי־דישען פאלק איז זיין בעשיצער און לאזט איהם ניט פערצעהרט ווערען פון דיא גרעסטע אנטיסעמיטישע פלאמען.

ער מאכט דעם אידען "פייער פרוף", ער שניידט דורך פאר

איהם דעם וועג וואס פיהרט צו עביגקייט, דורך דיא שווערסטע הינדערניסע און שטרויכלונגען.

און וואס שטארקער דיעזער גייסט וועט זיין אלץ שטארקער וועט דער קערפער פון אונזער אומה זיין, און אלץ מעהר שאנסען וועלען מיר האבען צו טריאומפירען איבער אונזערע שונאים.

ווען מיר זעצען זיך אלזא צום סדר פראווען אונזער פרייהייטס יום־טוב און פייערען דעם גרויסען היסטארישען נצחון וואס איז פערבונדען מיט יציאת מצרים דארפען מיר געדענקען, אז ניט מיט עסען פעטע קניידלאך אליין און ניט מיט ארונטערשלינגען א כזית מרור קענען מיר יוצא זיין אונזער חוב צו דיעזען ערהאבענעם יום טוב.

ניט קניידלאך, ניט ביטערע אדער זיסע געריכטען האבען אונז געבראכט אונזערע היסטארישע נצחונות.

אונזער קאמפף איז אימער געפיהרט געווארען הויפטזעכליך מיט גייסטיגע אינסטרומענטע, לא בחיל ולא בכח כי אם ברוח, דער עיקר אין דיא סדרים איז דאריבער ניט דיא קניידלאך זאנדערען דיא הגדה.

דאריבער האבען אונזערע חכמים געזאגט, אז "כל המרבה לספר ביציאת מצריו הרי זה משובח", ווייל זיי האבען געוואלט אז מיר זאלען זיך פערטיעפען אין די פאסירונגען וואס זיינען פערבונדען מיט אונזער ערשטער גאולה און זאלען ארויסטראגען פון זיי דעם נויטיגען מוסר השכל.

און דעם ערשטען מוסר השכל דארפען מיר נעהמען פון אונזער גרויסען, הייליגען בעפרייער משה.

ער אליין איז א פרינץ געווען, אין קעניגליכען פאלאסט זיך געהארעוועט, ער האט ניט געוואונט אין גושן, אין דער גהעטא. זיין רעזידענטץ איז ניט געווען אין יענעם "עמק הבכא" וואו אידישע טרעהרען און אידישע בלוט האבען אזוי פיעל געפלאסען; ער האט ניט פערזוכט דעם טעם פון "וימררו", פריי איז ער געווען פון אלע גזרות און פערפאלגונגען וואס זיינע ברידער האבען גע־האט אויסצושטעהן אין דעם עבודת פרך־לאנד — דאך טראץ

אלעם דעם האט ער דורכגעלעבט אלע אידישע צרות, האט ער גע־פיהלט דיא גאנצע ביטערקייט פון דער ביטערער אידישער דאליע, און דאריבער איז ער זיי צו הילפע געקומען, דאריבער איז זיין הילפע געווען א גרינדליכע, א פאלקאמע.

און אויב מיר ווילען יוצא זיין דיא מצוה פון מרור מיט אלע אמת׳ע דקדוקים, דארפען מיר נעהמען דיא נייע מגילת "איכה", וואס דער צוואנציגסטער יאהר־הונדערט האט פאר אונז פערפאסט מיט זיין ציוויליזירטע האנד, און זיא "אויפעסען" און זיא ארונ־טערשלינגען און דערפיהלען אין דער ווירקליכקייט דעם גאנצען טעם פון איהר ביטערען אינהאלט, דאן װעלען מיר טהאן אונזער פליכט צו אונזערע אונגליקליכע בשלמות. דאן וועלען מיר אויפ־הערען פערשווענדען אזעלכע גרויסע אוצרות אויף לוקסוסען און קאמפארטען וועלכע זיינען ממש אין דער בחינה פון "בל תשחת" און וועלען פערטוויזענד־פאכען אונזער הילפס־ארבייט. און דאן, ווידער, וועלען מיר אויך בעגרייפען דיא גרויסע נויטווענדיגקייט פון אן אייגענע היים און מיר וועלען אויפגעבען אונזער קמצנות און האגלען מיט גאלד פיר דעם גרויסען צוקונפט־בנין אין דעם לאנד פון אונזער עבר.

ווען מיר וועלען בעשליסען, זיצענדיג ביים סדר, אויסצור־איבען אונזערע אלע אויסערסטע מעגליכקייטען אויף צו בעקעמפ־פען דיא גרויסע, דיא מורא׳דיגע נויטה וואס איז בעפאלען אונזערע ברידער אויף יענער זייט ים און אויך צו מאכען אונזער נאציאנאלע בעפרייאונג פאר דעם העכסטען ציעל אין לעבען, וועלען מיר ערשט דאן יוצא זיין דעם ריכטיגען חוב צו אונזער ערהאבענעם פרייהייטס־יום טוב, פסח.

דער איד און די תורה

ניט אומזיסט פייערען מיר, אידען, אליין דעם יום טוב פון מתן תורה, ווייל די תורה בעלאנגט צו אונז אליין און די איבע־ריגע אומות פון דער ערד האבען אין איהר קיין חלק ניט.

די קריסטליכע רעליגיאן האט אפילו ענטנומען פיעלע זאכען פון יודענטהום און זי קליימט צו האבען די זעלבע פערוואנדשאפט מיט'ן בארג סיני ווי מיר, אבער די קריסטליכע נאציאנען זיינען פון אימער אן געווען און זיינען נאך עד היום הזה, געטצענ־דיענער אין זייערע אנשויאונגען ווי אין זייערע טהאטען.

זיי זיינען אפילו פון די סאמע "עשרת הדברות" כמעט אזוי וויט היינט ווי די גויים פון דעם אלטען אמאל. זיי האבען ניט קיין ריכטיגע אמונה אין גאט און זיי האלטען ניט הייליג מיט אן ערנסט דעם "אנכי ולא יהיה לך", ווייל זיי האבען דעם רבונו של עולם צוגעגעבען א פארטנער, א שותף אין דער וועלט פיהרער־שאפט. קריסטוס איז "גאט'ס זוהן" און ער העלפט דעם "טאטען" קעניגען איבער דעם אוניווערזום. און א מאיאריטעט פון דיא קריסטליכע קירכען פערגעטערען יעזוס'ען א סך מעהר ווי גאט אליין. אין זייערע געבעטען ווענדען זיי זיך מעהרסטענס צו איהם און זיין נאמען ליגט מעהר אויף זייערע ליפען ווי דער נאמען פון גאט.

זיי דיענען אויך צו דער עבודה זרה פון שווערד, זיי האבען א געוואלדיג שטארקע אמונה אין דעם קולאק, אין דער ברוטאלער, פיזישער מאכט.

זיי האלטען ניט פון דעם פינפטען געבאט פון "לא תרצח", וועלכער איז דער סאמע עלעמענטארער פונדאמענט פון יודענ־טהום. זיי האבען געציינט "וואונדער" אין דער מלאכה פון מאר־דען, פון שפיכת דם. פינף יאהר נאכאנאנד האבען זיי זיך גע־מארדעוועט איינע די אנדערע און זיי האבען געהאט דעם גרעס־טען "ערפאלג" אין חרוב מאכען די וועלט. אבער אז עס איז

געקומען צו מאכען שלום, זיינען זיי פערוואנדעלט געווארען אין שלים־מזל׳ס, אין וואהרע קאליקעס. עס האט זיך אבגעטהאן פון זיי די חכמה, אוועק פון זיי יעדע עצה. זיי האבען אבגעהאלטען קאנגרעסען, קאנפערענצען, צוזאמענפאהרען, עפענטליכע און געהיימע, אהן א שיעור, אבער זיי האבען צו קיין טאלק ניט געקענט קומען. און זיי שטעהען נאך עד היום מיט זייערע אנטי־"לא תרצח" לעגיאנען, שארפען די שווערדען, זוכען נייע מארד־ערפינדונגען און גרייטען זיך צו זיין גרייט פאר א ווידערהאלונג פון דעם זעלבען בלוטיגען שפיעל.

און די פאראורטהיילע, די שנאה, דער האס פון פאלק צו פאלק, פון נאציאן צו נאציאן, פון ראסע צו ראסע וואקסט און שטארקט זיך פון טאג. די גוי׳אישע מענשהייט רייסט זיך צוריק צו די זיטען און בארבארישע לעבענס־ארטען פון איהר אורשפרינגליכען גוי׳ענטהום.

יא, זי איז אונזער אייגענס, די תורה, די אוראלטע פעלקער האבען זי ניט געוואלט קענען און אויך די היינטיגע רעגיערענדע אומות ווילען ניט וויסען פון איהר און פון איהרע הויכע ערהאבענע הומאנע פרינציפען.

די תורה איז בעשאפען געווארען פאר אונז פון די ששת ימי בראשית אן.

זי האט אימער הארמאנירט מיט אונזער כאראקטער, מיט אונזער בלוט. און אויב מיר האבען אביסעלע אבגעווייכט פון איהר שעהנעם דרך, איז דאס מעהר געוועזן די שולד פון די שכנים צווישען וועלכע מיר האבען געוואוינט און פון די אומשטענדען אונטער וועלכע מיר האבען געלעבט.

מען האט אונז געצוואונגען צו זינדיגען געגען די הויכע פרינציפען פון יודענטהום פונקט ווי מען צווינגט היינט ביי יעדער געלעגענהייט פיעלע אונזערע ברידער צו זינדיגען געגען דעם "לא תרצח" און צו בעפלעקען זייערע הענט מיט אומשולדיג מענשליך בלוט.

מיר האבען די עשרת הדברות אין אמת׳ען שוין געהאט א

סך, פריהער איידער מיר האבען זיי געהערט פון גאט'ס מויל.

מתן תורה האט זיך ניט אנגעפאנגען אין דעם מדבר. דער פרינציפּ פון אחדות איז ביים בארג סיני ניט צום ערשטען מאל פראקלאמירט געווארען.

"שם ועבר" האבען שוין געהאט א ישיבה, אן אקאדעמיע, וואו אידישע קינדער האבען שטודירט מעטאפיזישע פראבלעמען און וואו זיי האבען נאכגעפארשט און געזוכט צו דערגעהן דיא אורזאכע פון אלע אורזאכען, די קראפט פון אלע קרעפטע, דיא קוועלע פון לעבען און דעם אורשפרונג פון דעם גאנצען געשאף.

אברהם, דער פאטער פון אונזער אומה, האט גע'ירשנ'ט די ניט דערענדיגטע לעהרע פון יענער ישיבה. ער האט זי מעהר ענט־וויקעלט און האט "אנערקענט זיין בורא".

מיט זיין ברייט הארץ האט ער אויך אויפגעפאסט די העכ־סטע פרינציפּען פון מאראל, פון הומאניטעט און האט זיי אי־בערגעלאזען בירושה צו זיינע קינדער, אייניקלאך און אור־אייניק־לאך.

ווען יעקב'ס קינדער האבען זיך בעזעצט אין מצרים, זיינען זיי שוין אלזא געווען א בעזונדער פאלק מיט א בעזונדער נאציא־נאלען כאראקטער, מיט אן אייגענע שפראך, אייגענע זיטען, מנהגים און אנשויאונגען.

דערפאר האבען טאקע די מצרים זיי ניט געקענט דולדען און האבען זיי אבגעשלאסען אין א גהעטא, אין גושן, און האבען זיי ארומגעצאמט מיט א ריעזיגע וואנד פון מורא'דיגע גזרות און בעשרענקונגען.

די רעכטלאזיגקייט, און איבערהויפּט די עבודת פרך האבען, אמת, מיט דער צייט זעהר שלעכט געווירקט אויף די אידען, דאס האט פערשקלאפט זייער גייסט, פערקריפּעלט זייערע מחות, פער־שטאפּט זייערע הערצער און אבגעשטומפט זייערע חושים — זיי זיינען פערזונקען אין די מ"ט שערי טומאה.

אבער בעפרייענדיג זיך פון מצרים, זיינען זיי שנעל געקומען צו זיך און נאך א קורצער וואנדערונג אין דעם פרייען מדבר זיי־

נען זיי שוין געווען פעהיג צו שטעהן ביים בארג סיני און צו עמפ־פאנגען די גייסטיגע הימלישע מתנה, וואס האט זיי אבגעשטעמ־פעלט מיט א זאנדערבאר געטליכען שטעמפעל און וואס האט זיי אבגעזונדערט פון אלע פעלקער.

זיי האבען אנגענומען די תורה, האבענדיג דאס פולע בע־וואוסטזיין, אז זיי וועלען צוליעב איהר ליידען פיעלע צרות.

זיי האבען געוואוסט אז זיי זיינען א קליין, פיזיש־שוואכע מחנה׳לע און זיי האבען אויך בעגריפען, אז ארויסגעהענדיג פון דעם מדבר און ערשיינענדיג אין דער גרויסער בעזעצטער וועלט מיט זייער בעזונדער קולטור, וועלען זיי ארויסרופען געגען זיך דעם ווילדען צארן פון די אלע דאמאלסדיגע פעלקער.

זיי האבען בעגריפען, אז די פאהן פון איין גאט, וועלכע זיי האבען זיך פערפליכטעט צו טראגען הויך, איז די פאהן פון א גע־וואלדיגע רעוואלוציאן געגען אלע אנגענומענע ווערטהען, געגען אלע היילינגטהימער און געגען אלע בעגריפען פון די היידנישע אומות.

זיי האבען קלאר געוואוסט אין פאראויס, אז זייער נייער דרך וועלכער איז ווייט פון אלע אנדערע אמונה־דרכים ווי מזרח פון מערב, וועט פון אלעמען מיט שטיינער פערווארפען ווערען און מיט דערנער בעזעעט ווערען.

זיי האבען געוואוסט, אז אננעהמענדיג אפיציעל די הער־שאפט פון א גאט וואס זיצט אויף א פאר אלעמען אומבעקאנטען הימעל, פאראורטהיילען זיי זיך צו זיין א ציעל־ברעט פאר אלערליי גיפטיגע פיילען — דאך טראץ דעם האט דער שידוך מיט׳ן כביכול אויסגעאיבט אויף זיי א מאגנעטישען צויבער, ווייל אין זייערע אדערען האט געפלאסען דאס בלוט פון די אבות, און ווייל זיי האבען געהאט א געוויסע טראדיציאנעלע פארבערייטונג אויף צו בעגרייפען די ערהאבענקייט פון דער תורה.

זיי האבען בעשלאסען, אז עס איז בעסער ארויפצוקלעטערען אויף א העכערער קולטורעלער מדרגה און צו ליידען אלערליי אונ־אנגענעהמליכקייטען, איידער צו האבען אלערליי תענוגים און צו

בלייבען, ווי ווילדע חיות, אהן בילדונג, אהן אידעאלע פרינציפען.

פון דאן אן זיינען שוין פערלאפען מעהר ווי דריי טויזענד יאהר. זיי האבען אונטער דער צייט ווירקליך אויסגעליטען די גרויזאמסטע צרות, אבער זיי האבען קיין מאל קיין חרטה ניט גע־האט אויף דעם שידוך. און די תורה איז געווען און איז ביי זיי בעליעבט, זיי שטאלצירען מיט איהר און זיי פייערען דעם יום טוב פון איהר געבורט מיט גרויס פאראד.

און טראץ דעם וואס דאס אידישע פאלק שווימט יעצט אין א ים פון פעלקער־שנאה, פון אנטיסעמיטיזם און ליידעט גוואלדיגע גרויסע רדיפות, איז עס פונדעסטוועגען פול מיט בטחון און האפ־נונג אויף אן ענדליכע ערלייזונג פון זיינע צרות, אויף א צוקונפט, ווען דאס יודענטהום וועט טריאומפירען איבער אלע אמונות. די אידישע היים האט זיך אנגעפאנגען בויען און זי וועט, האפענט־ליך שנעל אויפגעבויט ווערען און איבער דער גאנצער מחנה ישראל וועט דאן פלאטערען די פאהן פון ציון, די פאהן פון פריי־דען, די פאהן פון אמת'ער ציוויליזאציאן און הומאניטעט.

מיר גלויבען אז פריהער־שפעטער וועט דער געוויסען פון די פעלקער ערוואכען און זיי וועלען אנערקענען די גרויסע אונרעכט וואס זיי האבען בעגאנגען געגען אונז און וועלען זיך בעמיהען אב־צו־וואשען זייערע אנטיסעמיטישע זינד מיט אן אמת־פריינדליכע האנדלונג, מיט מעשים פון יושר און גערעכטיגקייט.

דער משיח פון דער אידישער אומה געהט לאנגזאם, אבער ער קומט, ער וועט ענדליך, ענדליך קומען און דאן וועט דער יום טוב פון דער תורה זיין א לאנגער, עביגער טאג פון נחמה פאר דעם אזוי לאנג געפלאגטען און פערפאלגטען פאלק ישראל.

שבועות

אונזער רייזע צום עולם האמת איז נאך אלעמען גארניט אזוי שלעכט ווי מאנכע פערוויינטע נשמות ווילען אונז איינרעדען.

מיר האבען אויפ'ן וועג היבשע עטליכע סטאנציעס, וואו מען סטאפט אב אויף א ווײלע, מען רוהט זיך אב, מען איז זיך אביסעל משמח, און מען פאהרט ווייטער.

ערשט נעכטען האבען מיר פערלאזט די סטאנציע פסח, און עס זעהט זיך שוין פון ווייטען די סטאנציע שבועות. מיר זיינען שוין אריינגעפאהרען ניין מייל אין דער ספירה, מיר זיצען איןביידעל און עס פאהרט זיך אליין, א מחיה.

און איהר מוזט ניט פערגעסען, אז מיר פאהרען אין אזא פלאץ וואו מיר וועלען טרעפען אלע אונזערע אייגענע, — עלטערען, משפחה, בעקאנטע, שכנים, אלץ אזעלכע מיט וועלכע מיר האבען זיך שוין לאנג ניט געזעהן, און איהר קענט זיך פארשטעלען די שמחה וואס אויף זיי וועט דארט ווערען, ווען מען וועט זיי לויפען אנזאגען דיא בשורה, אז מיר זיינען דא !....

מיר באמבעלט זיך א געדאנק אין מח, אז די וואס האבען אויסגעטראכט דעם זייגער און דעם לוח זיינען געווען גרויסע נאַראנים. צו וואס האט מען עס געדארפט ? מיר טהוען דאך גאר ניט במילא, עס פאהרט זיך אליין, קיינער פרעגט ביי אונז קיין דעה ניט אויב מיר ווילען פאהרען, אדער ניט. היינט צו וואס דארפען מיר וויסען וואו דער זייגער האלט און וואס פאר א דעיט עס וועט זיין איבערמארגען ? וועמען אארט עס ? דאס ביידעל שלעפט זיך — זאל זיך עס שלעפען פון סטאנציע צו סטאנציע!...

מען דערצעהלט אז אין רוסלאנד איז אמאל געווען א קליינע שטעדטעל וואו עס זיינען ניט געווען קיין זייגערס, און קיינער האט קיין קאלענדער ניט געהאט. און זיי האבען אלע זעהר גליקליך געלעבט.

זיי האבען ניט געגעסען אויפ'ן זייגער — 6, 12, און 6 — נאר זיי האבען געגעסען ווען זיי זיינען געווען הונגעריג.

ווען זיי זיינען געווארען שלעפריג זיינען זיי געגאנגען שלאפען.

ארבייטער זיינען געגאנגען צו דער ארבייט ווען זיי האבען געוואלט, דאס זעלבע האבען זיי די בעלי בתים געצאהלט אויך

ווען זיי האבען געוואלט, אדער ווען זיי האבען געהאט דאס געלד.

קיינער האט ניט געדארפט ווארטען אזוי פיעל און אזוי פיעל יאהר ביז זיי זאלען זיך מעגען פערליעבען און הייראטען. א יונגער באי האט זיך געקענט פערליעבען און הייראטען מיט אן עלטערע פרוי, און עס האט קיינעם ניט געקימערט, ווייל עס איז גאר ניט געווען קיין יונג און אלט. עס איז קיין קאלענדער ניט געווען, און מען האט קיינעם די יאהרען ניט געצעהלט.

ווען א באי פלעגט קומען צו א מיידעל אבענד מיט א בעזוך, פלעגט דער טאטע ניט אריינקומען אין מיטען דרינען מיט א דעק־לאראציע, אז עס איז שוין צעהן אזייגער, און ס'איז שוין צייט צו געהן שלאפען. עס איז גאר דארט קיינמאל קיין צעהן אזייגער ניט געווען.

קינדער האבען ניט געדארפט לויפען פונקט 9 אזייגער אין סקול. זיי האבען געוואוסט אז מען דארף אבעסען ברעקפעסט, נאכ־הער זיך שפיעלען, און נאכדעם געהן אין סקול. די וואס זיינען געווען פינקטליך פלעגען קריגען שלעכטע מארקס.

ווער עס האט ניט געוואלט איז גאר ניט געגאנגען אין סקול, קיינער האט איהם קיין דעה ניט געזאגט וואס ער זאל מיט זיך טהאן.

קיינער איז ניט אלט געווארען, זיי האבען ניט געקענט אלט ווערען, זיי האבען קיין קאלענדארס ניט געהאט צו אפרייסען אלע טאג א בלעטעל פון זייער יוגענד. עס איז ניט געווען קיין זאך וואס זאל זיי זאגען אויב זיי זיינען אלט פופצעהן אדער פופציג יאהר.

עס האט דארט געמוזט זיין זעהר פיין אלעס.

עס זיינען ניט געווען קיין אלטע מיידלעך. נאר די זיינען באבעס וואס האבען עס געוואלט זיין מיט זייער גוטען ווילען. זיי האבען זיך אליין אויסגעקליבען וואס פאר אן עלטער זיי האבען געוואלט און האבען זיך דערביי געהאלטען.

קיינער האט ניט געוואוסט פון הארריאפ, פון איילען זיך, פון מורא האבען טאמער וועט ער קומען צו שפעט. עס איז קיינמאל

ניט געווען פריה און עס איז קיין מאָל ניט געווען שפּעט. ווייל עס איז קיין זייגער ניט געווען, און קיינער האָט זיך ניט געקימערט פאַר דער צייט.

מען האָט געוואוסט אַז מען זיצט איןביידעל און עס פאָהרט זיך אַליין. ווּעמען אַארט עס, ווען מען וועט קומען צום עולם האמת — תרפ"ה אָדער תרצ"ה — אויב עס וועט דאַן זיין צעהן אַזייגער, אָדער צוועלף? וואָס איז דער אונטערשיעד, און וועמען מאַכט עס דען אַן אונטערשיעד?...

און וואָס קומט דען אַרוים אַז מען איילט זיך שוין, און אַז מען צעהלט יעדע שטונדע? יעדער איינער מאַכט דורך די רייזע אין אַ בעשטימטער צייט, וואָס האָט מיט איהם גאַרניט צו טהאָן. ניט מען פרעגט ביי איהם ווען ער וויל אַרויספאָהרען, און ניט ער האָט עטוואָס צו זאָגען איבער דער ענדע פון זיין רייזע. היינט וואָס העלפט דער זייגער און וואָס פאַר נוצען ברענגט דער קאַ־לענדאַר?...

די הויפּט זאַך וואָס יעדער איינער וויל איז, אַז מען זאָל האָבען אַ גוטע נסיעה. דאָס ביידעל זאָל זיין בעקוועהם, עס זאָל ניט צופיעל טרייסלען, מען זאָל ניט דאַרפען זינגען דאָס בעקאַנטע פאָלקס־ליעדעל פון בעל עגלה:

פאָהר איך מיר אַרוים אין אַן ענגער בויד,
מיט פערדעלאַך פיער אין דער ברייט.
אַ חושך, אַ וויוגע, מען זעהט ניט די וועלט,
די וועגען פערשאָטען, פערוועהט.
וויאָ, וויאָ, פערדעלאַך,
וויאָ, וויאָ, אָדלערלאַך,
הויבט נאָר די קעפּעלאַך הויך!
פירט די פאַרשווינדעלאַך,
טרייסעלט די ביינדעלאַך,
וויאָ, אַז געהן זאָל אַ רויך!

חרבן בית המקדש.

דער בית המקדש אין פלאמען, די גאסען פון ירושלים אויס־געפלאסטערט מיט הונדערטער טויזענטער אידישע הרוגים, די בעסטע אידישע קינדער אויסגעשאכטען — אומעטום בלוט, אי־דיש בלוט.

עס איז דער אומגליקליכער טאג תשעה באב, דער תשעה באב פון אריבער פינף־און־צוואנציג־הונדערט יאהר, דער תשעה באב מיט קארגע נײַנצעהן הונדערט יאהר צוריק.

אבער אין תשעה באב — אזוי פארזיכערט אונז דער מדרש — איז משיח געבוירען געווארען: אין דעם אומגליקליכסטען טאג פון דער אידישער געשיכטע איז געקומען אויף דער וועלט דער גואל צדק.

זיין נאמען איז מנחם — דערצעהלט ווייטער דער מדרש — ער איז שוין, אלס קינד אוועקגענומען געווארען אין די הויכע הימ־לען און ער וועט אין דער באשטימטער צייט קומען אויסלייזען די אידען פון גלות.

אין דער פינסטערניש פון תשעה באב האט אויפגעשיינט דאס ליכט פון דער גאולה — זאגט דער מדרש.

איהר וועט זאגען, אז די דאזיגע מעשה'לע איז א לעגענדע, איינע פון די פיעלע לעגענדען, וואס די פאנטאזיע פון פאלק האט געשאפען אין תשעה באב.

אבער ווער קאן דען ניט זעהן, אז אין אט דער לעגענדע ליגט בעהאלטען דער טיעפער סוד פון דעם אידישען קיום ?

אז נאר א פאלק ווי די אידען, וואס האבען געקאנט אין דער מינוט פון זייער שרעקליכסטער פארצווייפלונג געפינען טרייסט אין א ווייטער צוקונפט, מוז בלייבען אייביג עקזיסטירען ?

דאס איז די אידישע האפענונג, דער אידישער בטחון, וואס פארלאזט ניט דעם אידען אפילו אין זיין תשעה באב.

עס זיינען געווען אויף דער וועלט א סך גרעסערע און שטאר־קערע פעלקער, ווי דאס אידישע, וואס זיינען, אמת, אויך באזיגט געווארען פון זייערע שונאים, אבער זיי האבען קיינמאל ניט גע־ליטען פון אזא שרעקליכען חורבן ווי די אידען.

שוין די אלטע געשיכטע־שרייבער דערצעהלען, אז די בא־זיגטע אידען זיינען פון דעם שונא, דעם זיעגער, באהאנדעלט גע־ווארען ווילדער, גרויזאמער און אוממענשליכער, ווי אירגענד אן אנדער באזיגט פאלק.

זיין נצחון האט דער אידישער שונא געפייערט מיט אזעלכע בלוטיגע ארגיעס, ווי עס איז ניט באקאנט אין דער גאנצער מענש־ליכער געשיכטע.

ווייל די שנאה קעגען אידען איז א טיפערע און ווייל דער וואונש פון דעם פיינט איהם צו פארניכטען, איז א שטארקערער.

דער אידישער חורבן פון תשעה באב איז געווען אום־ברחמנות־דיגער און אוממענשליכער, ווי די חרבנות פון אנדערע באזיגטע פעלקער.

פונדעסטוועגען זיינען יענע פעלקער אונטערגעגאנגען, בעת אידען לעבען און געדייהען און קלייבען נייע כוחות.

און ווי אזוי האבען אידען באוויזען דאס, וואס קיין אנדער פאלק האט ניט געקאנט באווייזען?

ווייל אין דעם אידישען תשעה באב איז געבוירען געווארען משיח.

דאס מיינט, ווייל אין די מינוטען פון זיין גרעסטען אומגליק, און די טעג פון די מורא'דיגסטע פארפאלגונגען ווערט דער איד דאך ניט פארצווייפעלט.

ער גלויבט, ער האפט, ער האט בטחון, ער פיהלט, אז דאס שלעכטע וועט אריבער און עס וועלען אנקומען בעסערע צייטען.

דאס איז דער אידישער אפטימיזם, וואס פארלאזט ניט דעם באוואוסטזיניגען אידען אפילו אין תשעה באב.

מען דארף דאך ניט קיין אומגליקליכערען מענשען, ווי עס איז געווען דער נביא־מקונן ירמיה, וואס האט מיט זיינע אויגען

צוגעזעהן דעם חורבן פון זיין פאלק און האט אליין געליטען אין דעם חורבן.

פונדעסטוועגען האט ער קלאגענדיג זיינע איכות, נאך אלץ געפונען א טרייסט פאר די אידען, און פון צווישען זיינע טרערען האט ער גערופען:

„ואתה אל תירא עבדי יעקב ואל תחת ישראל כי הנני מושיעך מרחוק ואת זרעך מארץ שבים ושב יעקב ושקט ושאנן ואין מחריד".

אזוי שטארק איז געווען דער בטחון פון דעם פארפאסער פון „איכה", וואס האט מיט זיינע אויגען געזעהן ווי אידישע מוטערס האבען געשאכטען זייערע אייגענע קינדער, דאס ער פארזיכערט, אז אידען וועלען אמאל ווידער גליקליך זיין אויף זייער לאנד.

און וואס איז געווען דער בארימטער געלעכטער פון ר' עקיבא'ן, ווען ער האט געזעהן דעם בית המקדש חרוב, דעם הייליגען פלאץ פארווילדערט און פוקסען דארטען ארומשפרינגען ?

וואס איז געווען זיין דאמאלדיגער געלעכטער, אויב ניט בטחון, אז עס וועט נאך קומען א בעסערע צייט, ווען דאס אידישע לאנד וועט ווידער ווערען פארבויט און פארפלאנצט און וועט ווי־דער געהערען צו אידען ?

דאס איז געווען דער בטחון, וואס אידען האבען געטראגען מיט זיך ווי א קמעי אין אלע צייטען, און דאס האט זיי דורכגע־פיהרט דורך אלע רדיפות פון מיטעלאלטער.

און ביז סוף היינטיגען טאג האבען אידען דעם בטחון, אז די גערעכטיגקייט וועט דאך זיגען און די פעלקער וועלען ענדליך פארשטעהן דעם אמת'ן זין פון טאלעראנץ.

מיט בטחון האבען אידען אלעמאל געלעבט און דער בטחון האט זיי קיינמאל ניט אפגענארט. דורך זייער בטחון זיינען זיי פון אלע זייערע צרות ארויסגעקומען געלייטערטע, שטארקערע און בעסערע אידען.

עס איז דער אידישער אפטימיזם, וואס פארלאזט ניט דעם אידען אין זיינע גרעסטע נויטען און וואס איז דער סוד פון זיין אייביגער עקזיסטענץ.

ניט אומזיסט האבען די חכמים אין מדרש געלערנט, אז תשעה באב איז משיח געבוירען געווארען.

דר. חיים ווייצמאַן וועגען קרן היסוד

ארץ ישראל מוז געבויט ווערען פון פאלק, אויב מען וויל, אז דער בנין זאל זיין שטארק און דויערהאפט.

פאראנען א שעהנע אידישע לעגענדע וועגען די פיער ווענט פון בית המקדש. אלע פיער ווענט זיינען געבויט געווארען פון פערשיעדענע שיכטען און איין וואנט פון די פיער, איז געבויט געווארען פון פאלק. די דאזיגע וואנט איז די כותל מערבי, די וואס שטעהט אין ירושלים נאך עד היום.

אן ארגאניזירטע אנשטרענגונג פון דער גאנצער אידישער וועלט איז איצט נויטיג צו ראטעווען די באלפור דעקלעראציע, וועלכע איז געגעבען געווארען ניט מיר, ניט די ענגלישע אידען, נאר צו דעם גאנצען כלל ישראל, און אין נאמען פון דעם פארפאלג־טען, קרעכצענדען, בעטענדען אידישען פאלק פארלאנג איך פון אייך, אז איהר זאלט ברייט עפענען די טויערען פון ארץ ישראל פאר זייערטוועגען.

אכציג דורות פון אידישע ליידען קוקען איצט אויף די אמע־ריקאנער אידען אויסצולייזען פאלעסטינא. און אין נאמען פון אונזער פארגאנגענהייט און אין נאמען פון אונזער צוקונפט בעט איך און פארלאנג פון אייך צו טהאן מעהר ווי איהר קענט. עס איז עקבתא דמשיחא. משיחווארט אויף אייך און די גאנצע וועלט ווארט אויף אייך.

אין מוקדם ומאוחר בתורה און אויך אין מוקדם ומאוחר בעבודה. עס איז געווען אמעריקא'ס גליק צו זיין אין דער לאגע צו קענען העלפען בויען ארץ ישראל. אבער זי דארף ניט זיין קיין

בת יחידה אין דער ארבייט. מיר מוזען אלע טאן די ארבייט, אלע מוזען בויען, און איך גלויב, אז איך רייד ניט נאר אין נאמען פון די ציוניסטען נאר אויך אין נאמען פון אלע אידען וואס האבען גאט אין הארצען.

אין נאמען פון טויזענדער אידען וואס געהען נאך ארץ ישראל, און אין נאמען פון די צעהנדליגע טויזענטע, וואס זיינען שוין אין ארץ ישראל, פארלאנג איך פון אייך, אז איהר זאלט געבען מעשר, דעם אלטען אידישען מעשר. יענע אידען גיבען מעהר. זיי גיבען זייער לעבען!

א שטארקע ארץ ישראל וועט באזייטיגען די אראבישע געפאהר. עס קומען אין ארץ ישראל פיעלע חלוצים. זיי ווילען ארבייט. מען מוז זיי געבען ארבייט און א מעגליכקייט צו פארדינען. מען זאגט, אז די אידישע ארבייט איז צו טייער, אבער מיר דארפען באווייזען, אז ביי אונז פיהרט מען ניט קיין חשבונות און פרוטות: מיר מוזען אליין ברענגען קרבנות, אויב מיר ווילען די הילף און דעם „גוטען ווילען" פון דער וועלט.

איך בין געקומען קיין אמעריקא בויען ארץ ישראל. אויב מיר וועלען קענען זאמלען די 100 מיליאן דאלאר אין פארלויף פון די קומענדע 4 יאהר וועלען מיר האבען אין פאלעסטינא אין פארלויף פון 5 יאהר א באפעלקערונג פון 600 טויזענדמאן. אין דריי יאהר צייט וועלען מיר האבען אין פאלעסטינא א באפעלקערונג פון 100 טויזענד פערזאן, וועלכע וועט לעבען פון אינדוסטריע אין פאלעסטינא, און דאס מיינט א גרויסע הילף אויך פאר דער קאלאניזאציע און ענטוויקלונג פון לאנד.

די צייט איז ערנסט. מען מוז ברענגען קרבנות. מען מוז שאפען געלט. מיר האבען א שווערע ארבייט. אויב דאס אידישע פאלק וועט ניט טאן אלעס, וואס ס'איז אין זיין כח, וועט ארץ ישראל חרוב ווערען!

מען דארף געלד, א סך געלד. כאטש די אפיציעלע פיהרער, די פרנסים, די שטאדט חכמים — ווען איהר וועט זיי פרעגען, צו קען מען שאפען 100 מיליאן דאלאר ביים אידישען פאלק, וועלען

זיי אייך ענטפערען, אז איהר זייט חסר דעה, אז איהר זייט ארונ־טער פון זינען. וואו האבען אידען געלט? דער אמת איז אבער, אז צו שאפען 100 מיליאן דאלאר וועט לייכטער אנקומען, איידער עס איז אנגעקומען די באלפור דעקלאראציע.

ארץ ישראל איז גרייט אויפצונעהמען די אידען, אבער די אידען זיינען ניט גרייט אויפצונעהמען ארץ ישראל. די וועלט האט אונז געפונען אומפארבערייטעט.

און אט דארט אויף די וועגען פון באר שבע קענט איהר היינט זעהען און הערען אידישע יונגע לייט זינגען אידישע ליעדער צום טאקט פון די האמערען, וועלכע ברעכען די שטיינער און בויען די אידישע וועגען.

דאס זיינען די חלוצים — דאס זיינען די עהרליכע, געביל־דעטע, מוטיגע, שעהנע, ריינע פערזענליכקייטען פון אונזער פאלק. שטארק זייערע הענד!

דער שליסעל צו די טויערען פון ארץ ישראל געפינט זיך ניט אין קעשענע פון סער הערבערט סעמועל, דער שליסעל געפינט זיך אויך ניט אין דער קעשענע פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע — די אמעריקאנער אידען האבען דעם שליסעל און זיי קענען מיט זייער געלד אויפבויען דאס הייליגע האנד.

דער טייל פון אידישען פאלק וועלכער האט געבויט ארץ־ישראל ביז דער מלחמה, איז איצט ווי איהר אלע ווייסט, חרוב געווארען. דער חלק ארבייט פון יענע אידען פאלט איצט אויף אייך. מיר קומען צו אייך, אז איהר זאלט איבערנעהמען די ארבייט און מיר דענקען, אז איהר וועט עס טהאן מיט שמחה.

די אידעע פון גאולת ישראל האט קיינמאל ניט אויפגעהערט אנצוצינדען דעם כח־הדמיון פון אידישען פאלק אין דער גאנצער וועלט זינט עס איז פארטריבען געווארען פון ארץ־ישראל מיט קארגע צוויי טויזענד יאהר צוריק. אבער לעצטענס, ווען דיעזע אידעע האט אנגענומען א ממשות'דיגע פארם און גרויס־בריטא־ניען האט אנגענומען א מאנדאט אויף ארץ ישראל מיט דער פאר־פליכטונג צו העלפען גרינדען דארטען א נאציאנאלע היים פאר'ן

אידישען פאָלק, האָט די אידעע אויפגעברויזט די געפיהלען פון
ביידען, פון אידען און ניט־אידען.

עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס מיר האָבען צוריקגעקראָגען
אונזער לאַנד, ס'איז ניט אַ נדבה פון די אומות העולם — מען האָט
אונז צוריק אָפּגעגעבען דאָס, וואָס מען האָט ביי אונז צוגענומען
מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק.

לאָמיר זיין ווירדיג פאַר דעם גרויסען מאָמענט!

דר. שמריהו לעווין וועגען די „חלוצים".

פון אַ טיפען, אינערען דראַנג געטריבען, געהייליגט דורך די
מסורה פון אונזער לאַנגער געשיכטע, וואַנדערען זיי, אונזערע
יונגע, אונזערע בעסטע, און **ציהען זיך אין מחנות פון טויזענדע
און טויזענדע צום מזרח.**

ניט די אויסגעשטאַנענע רדיפות אין די לענדער וועלכע זיי
האָבען פערלאָזען, ניט די אויסגעליטענע יסורים און עינוים אויף
זייער לאַנגען וועג ביז צום זיכערען האַפען — עס איז ניטאָ די
קראַפט, וואָס זאָל ברעכען זייער ענטשלוס.

מיט גליהענדע אויגען, אויסשטראַהלענדע האָפנונג און מוטה,
מיט אַ ברענענדען חשק ביז מסירת נפש טרעטען זיי צו, צו דער
ארבייט. זיי אַקערען, זיי זייען, זיי פלאַנצען, זיי בויען און שניי־
דען דורך נייע וועגען פאַר די קומענדע.

און נאָך מעהר, און נאָך מעהר שטעהען הינטער זיי און גריי־
טען זיך און וואַרטען אויף דעם גליקליכען מאָמענט, ווען אויך זיי
וועלען אויפברעכען צום מאַרש, פון זעלבען געדאַנק געטראָגען,
פון זעלבען אידעאַל בעזועלט און זיך בעטהייליגען אין דער אַר־
בייט: אַ שטיין אויף אַ שטיין, אַ שורה אויף אַ שורה ביז עס וועט
פאַרטיג ווערען דער בנין — אַ אידיש היים פאַר דאָס אידישע
פאָלק.

און פאַלט פון זיי איינער, שטעהען הינטער איהם צעהנדליגע:
און פאַלען פון זיי צענדליגע, שטעהען הינטער זיי הונדערטע נייע צו פערנעהמען דעם פּלאַץ פון די געפאַלענע. מורא — זיי קענען ניט דאָס וואָרט, דען זיי זיינען די בילדער פון נייע וועגען, די געשטאַלטער פון אַ צוקונפט, זיי זיינען חלוצים.

און זיי ווינקען צו אונז זיי רופען צו אונז פון וויטען: זעהט, מיר זיינען ווינציג און מיר פאָדערען פון אייך מעהר די אַרבייט וואָרט ניט, און יעדע שעה איז טהייער. הערט זיך ניט צו צו די טרוקענע חשבונות מאַכער. זיי האָבען דעם הייליגסטען משיחגעדאַנק אויסגעביטען אויף קליין-געלד. זיי פיהלען זיך שוואַך און קאָנען זיך ניט דערהויבען. זיי מאַכען דארום אַלעס ערהאָבענע נידעריג. הערט זיי ניט. מיר בעשווערען אייך מיט אונזער נאַציאָנאַלער האָפנונג, מיט דער הייליגקייט פון אונזער אויפגאָבע.

אין דעם רוף פון דעם "קרן היסוד" זאָלט איהר דערקענען די שטימע פון אונזער פאָלק. לאָזט זיך ניט פערפיהרען, לאָזט זיך ניט בלענדען און פערזוימט ניט חלילה די גרעסטע געלעגענהייט, וועלכע איז אונז געגעבען געוואָרען פון דער גאַנצער וועלט.

ניט צום איינצעלנעם, אויך ניט צו איינצעלנע גרופען אַפּעלירט דער "קרן היסוד", ער אַפּעלירט צום געזאַמטען אידישען פאָלק.

אידען אין וויטען מערב ווענדעט זיך מיט אייער פּנים צום נאָהענטען מזרח, די גרעסטע אָנשטרענגונג פאַר פאַר אייך ניט זיין צו גרויס, דען אונזער אויפגאַבע איז נאָך גרעסער. טרעט צו, צו דער אַרבייט מיט מוטה און ענטשלאָסענהייט. מאַכט דעם "קרן היסוד" צו אַ פעסטען פונדאַמענט, צום כבוד פון אונזער פאָלק, צום גליק פון אונזער לאַנד און צו אַ ביישפּיעל פאַר די קומענדע דורות.

די שבועה

— זארגט זיך ניט, זאגט צו מיר א איד, אן עני ואביון׳ וואס ווייס נים ווי א צעהן דאלאר ביל קוקט אוים, זארגט זיך ניט׳ ציון וועט אם ירצה השם אויפגעבויט ווערען, מיר האבען ברוך השם גענוג רייכע אידען אין אמעריקא, גבירים, אדירים, מיליאנ־טשיקעם — און וואס פאר א איד קען עס פערגעסען די הייליע שבועה פון "אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני?"

און איך האב שטארק מקנא געווען דעם אידען׳ וואס האט אזא שטארקע אמונה אין די מיליאנטשיקעס און אין דער שבועה, ווייל גראדע מיט א טאג צוריק איידער דער ארעמאן האט מיך אזוי געטרייסט, האב איך בעגעגענט א בעקאנטען רייכען אידען׳ וואס מאכט א לעבען פון רעיזען רענט, און ווערט פון טאג צו טאג רייכער און רייכער.

ווען איך האב איהם דערזעהן האב איך זיך דערשראקען. ער האט אויסגעקוקט ווי נאר פון דער מלחמה געקומען. ער איז גע־ווען צוקיילט און צובייזלט. איין פוס האט געשטעקט אין א שוה, און דער צווייטער ארומגעוויקעלט מיט שמאטעס האט געשטעקט אין א רויטען ברייטען סליפער. דער גאנצען פנים איז ביי איהם געווען בעליינגט מיט ווייסע לאטקעלאך. הינטער די אויגען האבען ארויסגעשטעקט צוויי בלויע באמבעס און די רעכטע האנד איז ביי איהם געווען אין גאנצען באנדאזשירט. ריכטיג ווי נאר וואס פון א שלאכט.

— וואס איז מיט אייך, מר. גמליאל? — האב איך איהם געפרעגט — ווער האט עס אייך אזוי פיין געצייכענט?

— מיין נייע קאר, האט ער געענטפערט מיט א ניגון פון איכה ישבה. איך האב געקויפט א נייע קאר פאר זעקס טויזענד דאלאר און האב געטרייעט צו ווערען מיין אייגענער דרייוועוער — און דאס וואס איהר זעהט!

גלויבט איהר ניט, מר. גמליאל, אז עס וואלט גאר קיין עולה ניט געווען אז אנשטאט צו ספענדען זעקס טויזענד דאלאר אויף א קאר, זאלט איהר בעסער געווען נעהמען און אוועקגעבען דאס געלד צו העלפען אויפבויען צוריק ארץ ישראל.

— ארץ ישראל מאי איי, האט מיר דער צוקריפעלטער איד אונטערבראכען.

— גאט איז מיט אייך, מר. גמליאל, זאג איך, וואס רעדט איהר עס פאר ווערטער? איהר זיינט דאך א איד, ווי קענט איהר פערגעסען די שבועה פון אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני?

— מיר קעהרען ניט פאר אזעלכע זאכען ווי א שבועה, האט ער געזאגט, און האט געוואלט לאכען, נאר ער האט ניט געקענט, די לאטקעלאך אויפ׳ן פנים האבען איהם ניט געלאזט.

אין דעם מאמענט האב איך זיך דערמאנט אין א פיינע מעשה, וואס האט אמאל פאסירט אין מיין שטעדטעל.

איהר ווייסט דאך וואהרשיינליך אז ביי אונז אין די קליינע שטעדטלאך איז אז אקסען הענדלער געווען א גאנצער מיוחס, אז אקסען הענדלער פלעגט קריגען ששי, טהון די פיינסטע שידוכים, און פערקעהרען מיט די פיינסטע מענשען פון שטאדט.

א ליווערואנט, ווידער, א איד וואס האט געהאנדעלט מיט פערד, איז געווען פעררעכענט אלס דער גרעסטער אויסוואורף, קיינער פון די פיינע מענשען פון שטעדטעל פלעגען מיט איהם קיין ביזנעס ניט וועלען האבען, אז עליה פלעגט ער קריגען איינס פאר אחרון, און ווער עס איז נאר געווען עטוואס אין גראד בעל הבית, האט קיינמאל קיין שידוך ניט געוואלט טהאן מיט א ליווערואנט.

איך האב ווירקליך ניט געקענט פערשטעהן ווארום דאס איז, מיט וואס זיינען דאס אקסען מעהר מיוחסים פון פערד. און פאר וואס טאקע זאל דער וואס האנדעלט מיט אקסען זיין א מיוחס, און דער סוחר פון פערד זאל שטעהן אזוי נידעריג ביי אלעמען אין די אויגען?

ביז איינער, א געוויסער ב ע ר ל ל י ו ו ע ר א נ ט,

איז אמאל אוועק צום גביר פון שטעדטעל, וועלכער פלעגט אימער בארגען א סך געלד דעם אקסען הענדלער און זאגט איהם :

— איך בין יעצט געקומען צו אייך איהר זאלט מיר אויך העלפען אין מיין מסחר אזוי ווי איהר העלפט דעם אקסען הענד־לער. וואס איז דען דער אונטערשיעד פון אקסען ביז פערד. דאס איז א מסחר און דאס איז א מסחר. איך מאך געלד אין פערד מעהר ווי ער מאכט אין אקסען, על כן וויל איך איהר זאלט מיר אויך בארגען עטליכע הונדערט רובעל. איך פאהר יעצט אויף א יאריד איינקויפען פערד, אזוי שנעל ווי איך וועל קומען צוריק קריגט איהר אייער געלד מיט'ן פראצענט ביז א קאפיקע. איך וועל אייך צייגען אז א ליוועראנט איז פונקט אזא סוחר ווי אן אקסען הענדלער.

— איך וויים ניט — האט דער גביר געשטאמעלט — עפעס האב איך מורא צו האנדלען מיט א ליווערנאט, אלע אנטלויפען פון א ליווערנאט —

— פראבירט איינמאל וועט איהר זעהן, האט איהם דער לי־ווערנאט געבעטען. איך וויל אייך בלויז צייגען ווי א ליווערנאט האנדעלט.

און דער ליווערנאט האט אזוי לאנג איינגעטענה'ט מיט דעם גביר ביז ער האט איהם געבארגט פינף הונדערט רובעל אויף א פראבע.

דער ליווערנאט איז אוועקגעפאהרען אויפ'ן יאריד, איז גע־קומען צוריק, און ווען עס איז געקומען דער בעשטימטער טאג וואס ער האט געדארפט אפברייננגען צוריק די פינף הונדערט רו־בעל, איז ער ניט געקומען. עס איז אוועק נאך א טאג, ער קומט ניט. דער גביר האט דאן קיין ברירה ניט געהאט, אז דער ליווער־אנט איז ניט געקומען צו איהם איז ער געגאנגען צום ליווערנאט.

ווען דער ליווערנאט האט דערזעהן דעם גביר ביי זיך אין הויז האט ער איהם צוגענומען פאר א גרויסען גאסט.

— וואס וועט איהר עפעס זאגען, רבי שלמה? האט ער איהם געפרעגט.

— איך בין געקומען נאך מיינע פינף הונדערט רובעל, האט ער געענטפערט.

— וואסערע פינף הונדערט רובעל, רבי שלמה?

און עס האט זיך אנגעפאנגען א סדרה פון טענות און דער ליוועראנט האט געלייקענט שטיין און ביין; ער ווייסט ניט וואס צו זאגען.

— ווי איך זעה וועל איך מיט דיר גאר ניט קענען מאכען, א ליוועראנט בלייבט א ליוועראנט, איך וועל מוזען געהן צום רב און ער וועט דיר געבען א שבועה. האט דער גביר געזאגט און איז ארוים פון הויז א צוקאכטער.

און אזוי איז געווען. מען האט גלייך דעם ליוועראנט גע־רופען צום רב, דער רב האט איהם געהייסען שווערען ביי א ספר תורה אז ער האט קיין געלד ניט גענומען, און דער ליוועראנט האט זיך גאנץ קאלטבלוטיג אבגעשוואוירען, און די קיים איז געסע־טעלט געווארען.

ווען מען איז ארוים אין דרויסען רופט דער ליוועראנט דעם גביר:

— רבי שלמה, רבי שלמה, קומט נאר אהער!

— וואס זאל איך געהן רעדען מיט א אידען וואס שווערט פאלש, האט רבי שלמה געענטפערט בייז.

— זייט ניט קיין יאלד, רבי שלמה, האט דער ליוועראנט ווי־דערהאלט, קומט אהער, נאט אייך אייער געלד.

און ער האט ווירקליך ארויסגענומען דאס געלד מיט'ן פראצענט און האט עס דערלאנגט דעם גביר, וועלכער איז געשטאנען און האט איהם אנגעקוקט ערשטוינט.

— וואס קוקט איהר מיך אזוי אן, רבי שלמה, האט ער גע־זאגט. איך האב אייך בלויז געוואלט ווייזען אז א ליוועראנט סטראשעט מען ניט מיט א שבועה. דאס אלעס!.....

דער נמשל איז ווי דער דובנער פלעגט זאגען, מובן מאליו....

מיין ברודער ישראל

— רבותי, איך האָב צו אייך אַ גרויסע בקשה. איך ווייס, איהר זענט ביזי. איהר זענט פאַרשמאַהעט און פאַרהאָוועט אין דעם ווילדען געיעג פון געלד־מאַכעריי. — אָבער איך בעט אייך, שטעלט זיך אָב אויף אַ ווײלע, שענקט מיר פינף מינוט צייט, און הערט מיך אויס.

איך האָב אַ לאָדעניש מיט מיין אייגענעם ברודער, ישראל'ק הייסט ער, און איך וויל אייך מאַכען פאַר'ן בית דין. איך פיהל, אַז איך מוז זיך אויסריידען, ווען ניט וועט אין מיר מיין האַרץ פּלאַצען. דער פערבערעכען פון מיין ברודער איז הימעלשרייענד. אַלע זעהען עס, אַלע הערען עס, און גאַרנישט. יעדער לויפט פאַרביי, הערט דעם געשריי, און מאַכט זיך ניט וויסענדיג. ביזי!...

עס קען אַזוי אייביג ניט בלייבען! איך וועל מאַכען אַ גע־וואַלד, אַז מען וועט דערהערען פון איין עק וועלט ביז דער אנדע־רער. איהר מוזט הערען מיינע טענות.

איך און מיין ברודער ישראליק זיינען ביידע פון איין טאַטע מאַמע געבוירען, צוזאַמען ערצויגען, אין איין חדר געגאַנגען, און צוזאַמען אַרוים אין דער גרויסער וועלט דאָס שטיקעל ברויט צו זוכען.

גראָדע האָט פּאַסירט, אַז איך האָב זיך באַזעצט און איינגע־אָרדערט מיין לעבען אין אַ שלעכטען פּלאַץ, צווישען זעהר שלעכטע מענשען. שוין אפשר צעהן מאָל האָבען זיי מיין ביסעל אָרעמקייט צורויבט און צו'גזל'ט. אָבער אַזוי לאַנג ווי עס איז מיר נאָך גע־בליבען אַ דאַך אונטער וועלכען צו בעשיצען מיין ווייב און קינדער פון רעגען און פון שטורם, פון קעלט און פון היץ, און אַזוי לאַנג ווי דאָס לעבען פון מיינע קינדער און פון מיין פרוי איז געווען זיכער, און קיינער האָט אויף אונזערע נשמות און אויף אונזער עהרע ניט געלאַקערט, האָב איך גערולדיג געליטען און געשוויגען

און אלעס אריבערגעטראגען מיט מוטה און קוראזש אויף מיינע איינענע פלייצעס.

צו דער זעלבער צייט האט מיין ברודער ישראליק געהאט זעהר א גוטען מזל. ער האט זיך באזעצט אין א פלאץ צווישען אנ־שטענדיגע גוטע מענשען, וואס גלויבען אין „לעבען און לעבען לא־סען", און ער איז א גרויסער עושר געווארען. ער מיט זיין גאנצער פאמיליע לעבען ווי די מאגנאטען. פון א גאנץ געווענליך מענ־שעלע איז ער אויסגעוואקסען א קעניג, א העלד. ער פלעגט זיך פאר מיר אליין באריהמען אין זיינע בריעף, וואס ער האט צו מיר געשריבען, אז טויזענד דאלאר איז ביי איהם א שפאי, און אז זיין ווייב בריינגט אוים אין א וואך מעהר וויפיעל איך פארלעב מיט מיין גאנצע פאמיליע אין א יאהר.

מהיכא תיתי, ס'איז ביי מיר געווען זעהר אנגעלייגט, וואס מיין ברודער האט זיך אזוי פיין ארויפגעארבייט. אבער איך האב איהם ניט מקנא געווען, און האב ברוך השם פון איהם גארניט פערלאנגט. ביי מיר איז דאס שטיקעל ברויט מיט הערינג, וואס איך האב פארדיענט מיט מיין ביטערען שוויים, און די בלאט גמרא. מיט וועלכער איך האב נאכהער פארביסען, געווען טייערער ווי די גאלדענע זייגערלעך, וואס מיין ברודער ישראליק עסט דארט אין יענע ווייטע מקונות.

און ווי ארים איך האב מיר געלעבט, האב איך מיין ברודער ניט געבאדערט. איך האב געוואוסט, אז די גאנצע וועלט קענען ניט זיין קיין שניידערס און אלע קענען ניט זיין קיין גבירים. און אזוי האב מיך צוגעוואהנט צום דלות, און ניט איך, ניט מיין ליעבע פרוי און קינדער, האבען געהאט טענות צום רבונו של עולם, פאר וואס מיר זיינען ניט רייך. מיר זיינען געווען גאנץ צופריעדען, וואס מיר האבען וואו דעם קאפ אוועקצולייגען, און א שטיקעל ברויט די נשמה צו דערהאלטען.

מיט אמאל אבער האט מיט מיר א שרעקליכער אומגליק פא־סירט. די איינוואהנער פון מיין שטעדטעל זיינען עפעס פלוצים ווי ווילדע חיות געווארען. זיי האבען מיין הייזקע פערברענט, פון מיין

גאנצע ביסעל ארעמקייט האבען זיי א בארג אש געמאכט, מיינע טהייערע ליעבע פרוי האבען זיי ברוטאליש ערמארדעט און איז שטיקער צושניטען. מיין טאכטער, א בית יחידה, איז שטארק פארוואונדעט געפאלען אין איהר שווערען קאמף מיט די צוואוויל־דעטע מערדערס, און איך בין געבליבען יעצט מיט פיער קינדער־לעך אונטער'ן פרייען הימעל, און אונטער א שטענדיגען שרעק, אט קומען זיי ווייטער, די מערדער...

אונזער הונגער און דורשט ווערט געשטילט און געלאשען מיט מורא און שרעק פאר מארד און רציחה. עס איז שוין ביי אונז רעכט געווארען איין מאל אין דריי טעג א הארטע שטיקעל ברויט מיט וואסער, אדער א שטיקעל קארע פון די בוימער, אבי ניט צו זעהן מעהר פאר די אויגען די ווילדע רוצחים, און מיט די לעצטע ביסעל כח וואס איך האב נאך געהאט אין מיר פערבליבען האב איך גענומען שרייען צו מיין רייכען ברודער: „ישראליק, העלף מיר!... א שטיקעל היים, אן ארימע היים, נור אן אייגענע, אין אונזער אייגענע לאנד, צווישען אייגענע. האב רחמנות, ישראליק, שנעלער, מיר געהען אוים ווי די ליכט!...“

און מיין ברודער איז ביזי צוזאמענרעכענדיג די טעקסעס וואס ער האט צו בעצאהלען פון זיינע פערדיענסטען ער איז ביזי טשענדזשענדיג אלע מאל זיינע אויטאמאבילס, מאכענדיג סיל־קאוטס זיין פרוי און זיינע טעכטער, קלייבענדיג דיימאנדס און בריליאנטען, און פארשווענדענדיג געלד אויף זאכען, וואס ווען סוף כל סוף אויף איהם אליין אויך ברענגען אומגליק, און ווען עס קומט צו ביי־שטייערען עטוואס פאר מיין היים, וואס עס קען נאך זעהר מעגליך זיין, אז ער אליין, אדער זיינע קינדער זאלען מוזען אהין קומען זו־כען א מקום מנוחה, ברעקעלט ער זיך, ווערט כלומרשט א גאנצער פילאזאף, און געפינט הונדערט טויזענד תירוצים, אבי קיין געלד ניט געבען.

יעצט פרעג איך אייך, רבותי, הייסט דאס א ברודער? דארף אזוי האנדלען אן אייגייענער לייבליכער ברודער?...

איך פערלאז זיך אויף אייך, זייט איהר דער בית דין. איך

בעשולדיג מיין ברודער ישראליק, אז ער האט אין זיך פארלוירען אירגענד וועלכען מענשליכען געפיהל פון רחמנות און פון יושר.

איך בעשולדיג איהם, אז ער איז געווארען א שרעקליכער פארשוועכדער, און אז ער רייסט מיט זיין פארשוועכדעריי אויף די אויגען פון שכנים, און אז דאס וועט סוף כל סוף איהם אליין פיהרען צו אומגליק.

איך בעשולדיג איהם, אז דאס וואס איך וואנדער ארום מיט מיין פערבליבענע בני - בית אין פעלדער און אין וועלדער, אין הונגער, אין שרעק או אין קראנקהייט, איז עס נור איבער איהם. ווען ער זאל זיין א מענש מיט א הארץ און נשמה, ווען ער זאל אין זיך האבען כאטש א פונק פון א ברודער, וואלט ער ביי זיך ניט געקענט גוט מאכען צו שווימען אין אזא גרויסען ים פון לוקסוס ווערענד זיין אייגענער ברודער באדט זיך אין א ים פון בלוט...

דאס זיינען מיינע טענות. האב איך רעכט, אדער ניט?...

לייבאר דעי

היינט איז אין אמעריקא דער געזעצליכער יום טוב פון אר־בייטס־מאן.

על פי דין דארף היינט יעדער איינער, וועלכער איז געזונד און קען ארבייטען און ארבייט, מאכען א שנאפס און דאנקען דעם רבונו של עולם דערפאר, וואס ער גיט איהם כח צו שניידען וועלדער, צו האקען שטיינער, צו גראבען קויהלען, צו טראגען ציגעל, צו שמעל־צען אייזען, צו מאהלען מעהל, צו בויען הייזער, צו מאכען בריקען, צו בילדען שיפען, צו זוכען דיימאנדס, צו לייטערען גאלד און זילבער און צו פארבערייטען אלע אנדערע גוטע זאכען, פון וועלכע ער אליין געניסט דעם קלענסטען חלק.

דער יום טוב איז פאר איהם, לייבאר דעי איז אן ארבייטער

יום טוב, אַ יום טוב פון הוליע קבצן, און דאַנק גאָט פאַר דעם בי־סעלע וואָס מען גיט דיר. אין אַנדערע לענדער איז ערגער. הוליע קבצן, זיי פרעהלאַך און דאַנק גאָט דערפאַר!

הוליע קבצן, זיי פרעהלאַך ארבייטסמאַן, זיי לוסטיג ארבייטס־פרוי — איהר זענט די יעניגע וואָס האָבען אויפגעבויט אַזאַ גרוי־סע, אַזאַ שעהנע, אַזאַ גליקליכע וועלט.

נאָך אלעמען גיבט עס ניט אין לעבען קיין בעסערע פרייד, ווי די פרייד פון ארבייט. פויל־קייט, גאָר נישט טהאָן, קיין זאך ניט שאפען, נור עסען, טרינקען און שאַרלאַטאַנעווען — מאַכען דעם מענשען קראַנק; מען פיהלט אַ סך מעהר מיעד פון ליידיג געהן, ווי פון אַרבייטען צו שווער.

נעוועהר מיינד, וואָס אַ קליין הייפעלע מענשען טהוען גאָר ניט און לעבען אַ גוטען טאָג אויפ׳ן רעכנונג פון די, וואָס אַרבייטען שווער פאַר אַ לעבען. מען קען גאַרניט מעסטען און וועגען וועמען עס איז בעסער, זיי אָדער אונז? דער געדאַנק אַליין, אַז זיי זיינען אונזערע קעסט־קינדער, און אַז מיר האַלטען זיי אוים אַזוי פיין, מיט אַזאַ הרחבה, איז אויך עפּעס ווערטה.

די גרויסע מאַסע מענער און פרויען אַרבייטען סטעדי, און זיינען צופרידען וואָס זיי האָבען ביי וואָס צו אַרבייטען.

ווען איהר פאָהרט אין דער פריה, אין די „ראַש האורס“, מיט די סאָבוויי טריינס אָדער מיט די טראָלים, און איהר זעהט די גע־קראודעטע קארס, וואָס פיהרען די ביזי מענשען צו דער אַרבייט, פיהלט איהר ווי אַלע זינגען אין אַ ריזיגען מעטכיגען כאָהר דאָס ערהאָבענע ליעד — "די פרייד פון לעבען".

אַלעם אין מענשען פאָדערט אַרבייט, באַשעפטיגונג. דער מאַ־גען, דער לעבער, דאָס הארץ, די געדערים און די לונגען פאָדערען סטעדי אַרבייט. גיט אונז באַשעפטיגונג, שרייען זיי, ווען ניט וועט־לען מיר ארוים אין אַ סטרייק. זיי זיינען פיעל מעהר פּריטיקלע ווי אַ לייבאָר יוניאָן, צו מאַכען טראָבעל ווען מען ענטזאָגט זיי אין זייערע פאָדערונגען.

לייבאָר דעי — דער יום טוב פון אַרבייט. קאַפּיטאַל האָט ניט

קיין ספּעשעל יום טוב. ביי די רייכע איז אַלע טאָג יום טוב, און זיי האָבען געוויס ניט אַזאַ פאַרגעניגען פון אַ טאָג רוה, ווי דער אַרבייטער, וואָס אַרבייט דאָס גאַנצע יאָהר.

„אַרבייט מאַכט דאָס לעבען זיס", עקזיסטירט אַן אַלטער שפּריכוואָרט, און ווען מען האָט אַמאָל אַ פראַג געטהאָן ביי אַ פוי־לענצער פאַר וואָס ער וויל ניט אַרבייטען, אַרבייט מאַכט דאָך דאָס לעבען זיס? האָט ער געענטפערט, אַז ער גלייכט ניט קיין זיסע זאַכען.

נאַטירליך איז עס נור אַ וויץ, אָבער מען קען דערפון אויך מאַכען אַן ערנסט. אַזוי ווי צופיעל זיס איז אומגעזונד, אַזוי איז אומגע־זונד צופיעל אַרבייט. דער מענש קען ניט אַרבייטען איבער די כחות. ער דאַרף אַרבייטען מעסיגע שטונדען, און אין זינען האָבען, אַז מען וועט אויך מאַרגען און איבערמאָרגען דאַרפען אַרבייטען, ניט אַוועקצוגעבען די גאַנצע קראַפט און ענערגיע אויף אַמאָל.

מען דערצעהלט, אַז אַ מאַנופאַקטשורער האָט זיך אַמאָל באַ־קלאָגט פאַר זיינעם אַן אַרבייטער, אַז ער אַרבייט מיט'ן קאָפּ אַ סך שווערער, ווי ער, דער אַרבייטער, אַרבייט מיט די הענד. דער אַרבייטער איז געווען אַ גרינער איד, וואָס ווייסט ניט קיין חכמות, האָט ער ניט פיעל געטראַכט און זאָגט צום באָס:

— פונדעסטוועגען, מיסטער באָס, האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזעהן, אַז אייך זאָל אַזוי ווערען געשוואָלען דער קאָפּ, ווי מיר ווערען געשוואָלען די הענד.

דער אמת איז אָבער, אַז קאָפּ־אַרבייט איז אין געוויסע הינ־זיכטען שווערער ווי צו אַרבייטען מיט די הענד, און פונקט אַזוי נויטיג ווי די אַרבייט מיט די הענד. די קאָפּ אַרבייט קומט פריי־הער — אָרגאַניזירען אַ פעקטאָרי, מאַכען אַלע פּלענער, באַרעכענען וויפיעל אַרבייט אַרויסצוגעבען און ווי די וואָארע נאָכהער צו פאַר־קויפען, — דאָס איז די אַרבייט פון דעם קאָפּ. אָהן דער דאָזיגער אַרבייט וואָלטען נאָכהער די „הענד" ניט געהאַט וואָס צו טהאָן.

דעריבער זיינעןביידע סאָרטען אַרבייט גלייך וויכטיג. דער קאָפּ האָט געמעגט ווער וויים וויפיעל טראַכטען, ווען די "הענד"

וועלען נאכהער ניט ארבייטען, וועט קיינס פון די אויסגעטראכטע פלענער ניט דורכגעפיהרט ווערען. און ווען דער קאפ וואלט פריי־הער ניט טראכטען, ניט ארגאניזירען און ניט אויסארבייטען אלע פלענער בעפאר, וואלט קיין פעקטארי ניט געבויט געווארען און די „הענד" וואלטען געשטאנען ליידיג.

לייבאר דעי איז דעריבער א יום טוב פאר אלע, סאי פאר די וואס ארבייטען מיט די הענד, סאי פאר די וואס ארבייטען מיט'ן מארך. עס איז א יום טוב פאר דאקטוירים, אינזשענירען, פארמערס, סוחרים, שניידערס, שוסטערס, קלוירקס, מייסאנס, קארפענטערס, הויזווירטהינס, שרייבערס, אקטיארען, חזנים, רבנים און שוחטים, און פאר יעדען איינעם, וואס שאפט עפעס און טהוט עטוואס פאר דער מענשהייט.

דיזער יום טוב, לייבאר דעי, שליסט די וואקיישאנס און עפענט דעם סיזאן פון ארבייט און טעטיגקייט אין אלע ברענטשעס פון דעם גרויסען דעפארטמענט סטאר, וואס ווערט אנגערופען „וועלט". יעדער איינער נעהמט זיך צוריק צו טהאן זיין טהייל, צו העלפען שאפען עטוואס פאר זיך און פאר אנדערע. יעדע ארבייט איז ניצליך, אויסער די ארבייט פון קאנאנען פאר מלחמות.

און עס וואלט זיין א יושר,
אז היינט, אין לייבאר דעי,
זאלען די מאסען
אויפהויבען א געשריי:
מיר ארבייטען צו קענען
פון לעבען געניסען,
אבער ניט פאר קאנאנען
בלוט צו פארגיסען!
און מעג עס ארדערען
ווער ווייסט ווער —
מיר וועלען עס
ניט מאכען מעהר!...

לייבאר דעי און קול שופר

היינט איז לייבאר דעי — דער גרויסער, דער מורא'דיגער טאג, ווען די פינאנציעל שפיעלערס פערלאזען די פארמערס און די האטעלקיפערס, און פאהרען אוועק צוריק אין שטאדט אריין נעה־מען א ריכטיגען רעסט און הערען שופר בלאזען, וואס דערמאנט אז מען דארף תשובה טהאן אויף די "לא תחמוד'ס" וואס ווערען אין קאנטרי בעגאנגען.

לייבאר דעי איז א סארט שמחת תורה ביי די פארמערס און האטעלקיפערס, זיי פרעהען זיך וואס זיי ווערען פטור אויף א ווילע פון די געסט, און זיי קענען זיך אוועקזעצען מיט ריינע מוחות בערעכענען וויפיעל געלד זיי האבען אבגעקליערט דעם סיזאן, און וויפיעל זיי וועלען ווערטה זיין אין צעהן יאהר ארום, אויב די וועלט וועט ניט אונטערגעהן.

א סך האטעלקיפערס האבען דעם לייבאר דעי א ביסעל א פערשטערטען יום טוב, זיי האבען שוין יסורים, וואס וועלען זיי טהאן, אויב מען וועט אויף אן אמת אויסגעפינען דעם וועג צום שטערען מארס, און דער גאנצער פינאנציעל עולם וועט זיך א לאז טהאן אהין פיר זייערע וואקיישאנס? א קשיא אויף א מעשה, וואס פאר אן איבערקעהרעניש די שטערען־קוקערס קענען מאכען!

איבערהויפט איז דער לייבאר דעי א גרויסער יום טוב פאר די קינדער, וואס פאהרען מיט די מאמעס צוריק אהיים מיט'ן פור־לען בעוואוסטזיין, אז אין דער היים וועט מען זיי אויפהערען מאַ־טערען יעדען טאג, אז זיי מוזען טרינקען מילך און עסען אייער, אויב זיי ווילען עס יע, אדער ניט.

באזני שמעתי, איך האב מיט מיינע אייגענע אויערען אליין געהערט, ווי א מיידעלע איז געשטאנען נעבען איהר מוטער אין קאנטרי, און האט מיט ביטערע טרעהרעלעך אין די שעהנע אויגע־לעך זיך געבעטען ביי דער מאמע.

— מאמא דיער, קויף מיר א לאלי־פאפ! מאמא דיער, איי וואנט א לאלי־פאפ!

און די מוטער האט מיט איהר גע'טענה'ט גאנץ אנשטענדיג, ווי מען רעדט צו אן עלטערען מענשען:

— טרינק בעסער א גלאז מילך, דארלינג אדער א סאפט עגג. איך צאהל פאר דיר שווערע געלד און דו עסט גאר ניט.

— אבער איך וויל א לאלי־פאפ, מא, איך בין שוין סיק און טיירד פון די אייער און פון דער מילך, גיוו מי א לאלי־פאפ!

איהר קענט זיך דאריבער פארשטעלען וואס פאר א טהייער־ דער יום טוב ביי דעם מיידעלע איז לייבאר דעי, ווען זי פאהרט שוין באלד אוועק אהיים צוריק וואו זי וועט קענען קריגען אויפ'ן קארנער אין קענדי סטאר וויפיעל לאלי פאפס זי וועט ווילען און קיינער וועט זי ניט באדערען זי זאל טרינקען מילך און עסען אייער. אויך מיר מאכלים, מילך און אייער! לאלי פאפ איז דאך אזוי זיס...

לייבאר דעי איז אויך א גרויסער יום־טוב פאר די וועניגע וואס בלייבען נאך אין קאנטרי אום צו האבען די געלעגענהייט צו שלאפען אליין אין א בעט, און צו האבען פאר זיך אליין א גאנצע רום.

לייבאר דעי איז דער טאג ווען א מאסע געסט רופען צו, צו זיך די האטעלקיפערס און זאגען צו זיי גאנץ העפליך:

— קומט אהער מיסטער האטעלקיפער, לאמיר זיך צוקושען, אבער גוט, שטארק צוקושען, ווייל גאט ווייסט אויב מיר וועלען זיך שוין ווען עס איז נאך אמאל זעהען!

לייבאר דעי און קול שופר, דער שופר רופט צוזאמען דיא אידען פון די קאנטרים אין שטאדט אריין, זיי זאלען קומען וואס שנעלער קויפען זייערע סיטס אין די שולען צו הערען די חזנים דאווענען, לשמוע אל הרינה ואל התפילה, דאס מיינט דייטליך נור צו הערען זינגען און דאווענען. דאס איז אפנים די אורזאכע פאר וואס מען רעכענט דא אזוי טהייער פאר א שול טיקעט, ווייל ניט נור זינגט מען פאר אייך, נור מען דאווענט אויך פאר אייך,

און אזוי ווי דאָס שפּאָרט אייך אַ סך צייט און אַרבייט, און איהר קענט קומען אין שוהל אַריין ווען איהר ווילט, ווייל מען דאַווענט שוין דאָרט פאַר אייך, דעריבער רעכענט מען אייך פאַר אייער טיקעט אַ גרויסען פּרייז.

לייבאָר דעי און קול שופר — דער שופר רופט צוריק דיא וועלט צו דער אַרבייט. אַרבייט מאַכט דאָס לעבען זיס — צופיעל רוהען איז קיין מעלה ניט. השיבנו נאַזאַד. קומט צוריק, מאַכט אַ לאַך אין אייער היים, זעהט אויב אַלעס איז אין אָרדנונג, אויב איהר האָט געגוג קאָהלען, האָלץ, אויב אַלעס איז געפיקסט פיר'ן לאַנגען קאַלטען ווינטער, וואָס וועט געוויס קומען, פערלאָזט זיך ניט מיט אַלעס אויף דער לעצטער מינוט.

לייבאָר דעי און קול שופר — דאָס דערמאַנט יעדען איינעם אין זיינע פּליכטען צו דער מענשהייט און צו גאָט, צו אַרבייטען און צו מאַכען אַן עהרליכען לעבען. צו לעבען אין פריעדען מיט אייערע מיטמענשען, ניט צו טראָגען קיין האַס און קיין שנאה אויף קיינעם, ניט מקנא זיין דעם רייכערען, און ניט שטאָלצירען געגען דעם וואָס איז אָרימער פון אייך דער שופר איז אַ גאַנץ אָרימער אינסטרומענט, אָהן גאָלד און אָהן זילבער בע־ציערט, פון דעסטוועגען רופט ער ביי אונז אַרויס מעהר נאָבעלע און עדעלע געפיהלען ווי די טהייערסטע אינסטרומענטען.

דאָס זעלבע איז לייבאָר דעי, אַ יום טוב פיר אַרבייט. דער אַרבייטסמאַן איז ניט רייך, ער בעזיצט ניט קיין דיימאָנדס, קיין גאָלד, קיין זילבער, אָבער אַלעס וואָס איהר זעהט אויף דער וועלט, אויף אַלעס וואָס אייער אויג טהוט אַ בליק, אויף דער ערד וואו מיר לעבען, זעהט איהר דאָרויף די גרויסע און מעכטיגע האַנד פון אַרבייט. די אַרבייטשאַפט אַלס אַן אַלגעמיינעס, האָט מעהר צו שטאָלצירען מיט רייכטהימער פון דער וועלט, ווי די אייגענטהי־מער וואָס בעזיצען די רייכטהימער.

דער גרויסער גאָט, דער בעשאַפער פון הימעל און ערד, פון ימים און יבשה, נעהמט אויך ניט מיט זיך קיין זאַך, און מיר אַלע ווייסען און געבען צו, אַז אַלעס איז זיינס. דאָס זעלבע איז מיט

אַלע אימפּראָוועמענטס וואָס ווערען געמאַכט אויף גאָטעס וועלט. דער אַרבייטסמאַן נעהמט עס ניט פאַר זיך, אַבער מיר ווייסען און געבען צו, אַז דאָס אַלעס האָט ער געשאַפען, אַלעס איז זיינס.

לייבאָר דעי און דער קול שופר קומען צוזאַמען אַלס אַן אָנ־צוהערעניש, דער מענש זאָל ניט פערגעסען צוערשט דעם וואָס האָט די וועלט באַשאַפען אַ לעדיגע, און נאָכהער דעם וואָס האָט אין דער ליידיגער וועלט געמאַכט אַלע אימפּראָוועמענטס, אַז מען זאָל אין איהר קענען לעבען בעקוועהם.

קומט צו פאָהרען פון דער קאַנטרי,
און ווערט ביזי גלייך.
נעהמט זיך יעדער צו דער אַרבייט,
אָרים אָדער רייך.

מעגט איהר שלייפען סאַפּיר שטיינער,
אָדער האַקען האָלץ —
טהוט איהר אַרבייט פאַר דער מענשהייט,
און מעגט דערמיט זיין שטאָלץ.

דער טאָג פון כיבוד אם.
(מאַדהערס דעי)

היינט וועלען דיא אידען, גלייך מיט אַלע אַנדערע בירגער פון די פעראייניגטע שטאַאטען, פייערען דעם שעהנעם יום טוב — "מאַדהערס דעי", דער טאָג פון די מאַמעס. אַ טאָג אין וועל־כען עס דאַרף אויף פערשיעדענע וועגען אויסגעדריקט און גע־צייגט ווערען רעספּעקט צו די מוטערס, וועלכע זיינען אַ טהייל פון דער גאָטהייט, וואָס מיר קענען זעהן מיט אונזערע אויגען אַלס די בעשאַפערס פון דער מענשהייט.

האט ווער פון אייך אמאל געוואטשט א געבורט פון א מענ־שען ?

ווען איהר האט עס געוואטשט, דאן מוזט איהר די פרוי פער־געטערען אלס אן אויבער־מענש, אלס א טהייל פון דער גאטהייט. איהר זעהט די גרויסע מעכטיגע וואונדערבארע גאטהייט אויף דער ערד, נעבען אייך.

איהר זעהט, אז דער גרויסער מייסטער פון דער וועלט, דער בורא עולם, האט געמאכט אלס זיין אסיסטענט די פרוי און האט איהר אנפערטרויט די שליסלען פון די קאמערען וואו ער האלט אלע סודות און געהיימע פלענער פון וועלט־שאפונג, און וועלט געבוי.

א פאר טעג פאר א געבורט מערקט איהר וויא די געוועהנליכע פרוי, וועלכע איהר זעהט אפט אין קיטשען און וועלכע זארגט פאר אייך אימער, איהר זאלט האבען א גוטען מאלצייט און א ריינעם צימער, ווערט לאנגזאם אבער דייטליך פערוואנדעלט אין א העכערעס וועזען. איהר מערקט ווי א מענש געהט זיך מקריב זיין אלס א קרבן, אום צו ברענגען אן אנדער מענש אויף דער וועלט. איהר פיהלט די אויסערגעוועהנליכע און אונבעשרייבליכע שמער־צען, וואס זיא טראגט דאן אריבער. ביז עס קומען ענדליך דיא לעצטע מינוטען, און אייך דאכט זיך, אז זיא האט שוין אלע איהרע כחות אוועקגעגעבען, זיא קען שוין מעהר ניט ליידען, זיא קען שוין מעהר ניט קרעכצען, זיא ווערט שטיל, איהר מיינט אז זיא איז געשטארבען — ווייל אויף א געוועהנליכען וועג וואלט א מענש געוויס ניט געקענט אזא פראצעס אריבערטראגען — אבער פון דער גאטהייט, אז אסיסטענט פון רבונו של עולם דורכצופיהרען א גרויסע מיסיאן — און איהר פיהלט, כאטש איהר קענט עס ניט זעהן, אז איהר נשמה איז אויף א ווייפע בלויז ארויף צו די הימלען פיר א קורצע בעראטונג, און עס נעהמט ניט לאנג, זיא איז דא צוריק — און א מענש איז געבארען געווארען . . .

נאכהער ווען דער גאנצער פראצעס איז פאריבער, ווען איהר קומט שפעטער אריין אין צימער און זעהט די מוטער ליגען אננע־

טאָן אין אַ קלאָר ווייסען אַנצוג, צוגעדעקט מיט שנעע ווייסען בלאַנ־קעט, און אַליין איז זיא נאָך ווייסער, בלאַסער ווי די לינען וואָס איהר זעהט אַרום איהר׳ און בעטראַכט דעם גאַסט, — דאָס נפש׳ל, וואָס ליגט איהר ביי דער זייט, און איהר הערט ווי עפּעס אַ קליינע פייגעלע פּיפּטשעט, אַ באַשעפעניש וואָס לעבט — קענט איהר זיך ניט העלפען, און מוזט דאָן צוגעבען׳ אַז די פרוי שטעהט טויזענד מאָל העכער ווי דער מאַן. איהר מיסיאָן איז גרעסער, איהר אויפגאַבע איז הייליגער, איהר פליכט איז שווערער, און וויפיעל עהרע און כבוד און רעספּעקט׳ מען זאָל היינט ניט אָב־געבען צו די מאַמעס פון דער וועלט׳ וועט נאָך אַלץ זיין ווענ־לויט זייער ווערטה.

מען וועט היינט טראָגען ווייסע בלימעלאָך אין די לאַצען צו עהרע פון דיא מאַמעס. פערהייראַטע קינדער וועלען מאַכען גרויסע פּאַרטיעס און די מאַמעס וועלען פיגורירען אַלס די הויפּט געסט און האָנאָר. אונפערהייראַטע קינדער וועלען ברענגען דער מאַמע בלומען און פערשיעדענע פּרעזענטען, לויט זייערע אומ־שטענדען. און דיא מאַמע וועט זיך פיהלען אַלס דער גליקליכ־סטער מענש אין דער וועלט.

אַה, מענשען! בעגרייפט איהר דיא גרויסקייט פון היינטיגען יום טוב? . . .

מיר דוכט זיך אַז קיין פיינערער און קיין נאָבעלער יום טוב וויא דער מוטער־טאָג קען גאָר אויף דער וועלט ניט זיין.

פערגעסט ניט׳ קינדער, ברענגט היינט אייער מוטער עפּעס אַ מתנה! עס מאַכט ניט אויס אויב איהר זיינט אָרים אָדער רייך אַ מאַמע פערלאַנגט ניט פון קינדער זיי זאָלען איהר קויפען דיי־מאַנדס. ה א ר ץ פערלאַנגט אַ מאַמע — האַרץ, אַ פריינדליך וואָרט, אַ קוש, און מעג דיא מתנה וואָס איהר וועט איהר ברענ־גען, קאָסטען אַז איינציגען דאָלאַר, וועט עס ביי דער מאַמע זיין אַזוי חשוב וויא דער טהייערסטער דיימאַנד נעקליים!. . . .

אַלע מאַמעס זיינען גלייך, אין אַלע לענדער און ביי אַלע

פעלקער פערנעהמען די מאמעס דיזעלבע גרויסע עמטער, אלס אסיסטענט צום רבונו של עולם.

היינט איז דער מאמעס טאג, דער גרעסטער, דער שעהנסטער און דער נאבעלסטער יום טוב ביי אלע איינוואהנער פון אמעריקא.

די מעהרסטע פייער־טעג וואס ווערען געפייערט ביי פער־שיעדענע פעלקער אין פערשיעדענע לענדער, טראגען מיט זיך פינסטערע עראינערונגען, ענטוועדער פון ביטערע שקלאפעריי, אדער פון בלינדען אבערגלויבען, מיט וועלכע די וועלט איז געווען פול אײדער די זון פון ציוויליזיישאן האט אנגעפאנגען שיינען איבער דער מענשהייט.

אבער דער יום טוב פון היינט איז קודש קדשים. דער הייליג־סטער, דער שעהנסטער און דער ריינסטער פון אלע ימים טובים.

בלויז דער עסענץ פון ציוויליזאציע, און דאס עדעלסטע וואס געפינט זיך אין מענשען, האבען געקענט אויסארבייטען אזא גרוי־סען, געטליכען יום טוב, וואס די גאנצע מענשהייט פון איין עק וועלט ביז'ן צווייטען דארף פייערען, קיין אונטערשיעד צו וואס פאר א פאלק, אדער צו וואס פאר א לאנד מען בעלאנגט.

היינט זונטאג וועט אמעריקא פייערען דעם "מוטער,ס טאג". דער טאג פון "די מאמעס".

עס איז געווען א וואונדערבארע, א געטליכע אידעע פון דעם פערשטארבענעם פרעזידענט ווילסאן, וועלכער האט דעם 8־טען מאי, 1914, ארויסגעגעבען א ספעציעלע פראקלאמאציע, אז יע־דעם יאהר זאל דער צווייטער זונטאג פון מאנאט מאי, דער שעהנסטער מאנאט פון יאהר, פערצייכענט ווערען אין אונזערע קאלענדארען, אלס א גרויסער נאציאנאלער יום טוב מיט'ן נאמען — "מוטער'ס טאג".

אין דעם טאג דארפען אלע רעגירונגס געביידעס ארויסהענ־גען זייערע פלעגס, אלס צייכען, אז אלע בירגער דארפען מהאן דאסזעלבע, און מען זאל דורך פערשיעדענע וועגען און מיטעל אויסדריקען ליעבע און רעספעקט צו דער האנד וואס וויעגט דאס

וויעגעלע — צו די מוטערס פון אונזער לאַנד, צו די מאַמעס, וואָס ברענגען קינדער אויף דער וועלט, און זיינען די גרעסטע מאַר־טירער וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען אין די געדאַנקען.

וואָס די קינדער זאָלען ניט טהאָן צו פערשאַפען דער מוטער פערגעניגען אין דעם "מוטער'ס טאָג", וועט אַלץ ניט זיין צופיעל. די מאַמעס האָבען יעדענפאַלס פערדיענט מעהר וויפיעל זיי קע־נען קריגען אין מתנות און אין דאַנקבאַרשאַפט.

צו בעגרייפען די גרויסקייט פון דיעזען יום טוב, מוז יעדער איינער זיך נעמען אביסעל צייט, אבשטעלען זיך אויף א וויילע, און גוט בעטראַכטען וואָס א מאַמע איז, וועלען זיי דאָן בעגרייפען פאַר וואָס די מאַמעס האָבען כשר פערדיענט מען זאָל צוליעב זיי אַרויסהענגען פלעגס, אָנטהאָן ווייסע בלימעלעך, און מאַכען א גאַנצע שמחה אין זייער האָנאָר.

עס זיינען לײדער דאָ ביי אונז זעהר פיעל מענשען, וואָס ווייסען ניט און ווילען ניט וויסען ווי צו שעצען א מאַמע, און וואָס דאָס וואָרט מאַמע בעדייטעט.

געהט אַרוים אין גאַס זומער אין דיא הייסע שטיקענדיגע נעכט, אין די ענגע אָרימע קוואַרטאַלען, וועט איהר זעהן ווי הונ־דערטע אָרימע, שוואַכע, אויסגעמאַטערטע פרויען, קוים וואָס זיי לעבען אַליין, שטעהען אויף די פיס אין דרויסען און וואַטשען און געבען אַכטונג אויף זייערע בייבים, זיי זאָלען קריגען אביסעלע פרישע לופט.

דיא פרויען זיינען „מאַמעס" — מלאכים, וואָס בעשיצען מיט זייערע פליגעל די הילפלאָזע עופה'לעך, עס זאָל זיי קיין בייזעס געשעהן!...

צוועלף א זייגער ביינאַכט, דריי א זייגער פאַרטאָג, ווען די גאַנצע מענער־וועלט שלאָפט שוין — אין טשערי סטריט, אַזוי גוט ווי אין וואַשינגטאָן האַיטס, — אין ריווינגטאָן סטריט, אַזוי גוט ווי אויף ריווערסייד דרייוו, — אין די ענגע קליינע טענעמענט רומ־קעס, אַזוי גוט ווי אין די רייכסטע פאַלאַסטען, געפינט איהר אימער די פרוי וואַכענדיג און וואַטשענדיג איהר קינד, אויב עס שלאָפט

רוהיג, אויב עס האט חלילה היץ און צו האט זיך דאס קישעלע, חלילה וחס, ניט ארויסגערוקט ביים קינד פון אונטער׳ן קעפעלע און אזוי ווייטער.

דיזע פרוי איז א „מאמע״, ביי וועלכער עס איז קיין זאך ניט צו שווער, דארט וואו עס האנדעלט זיך אום דער באקוועהמליכקייט פון איהר קינד.

מיר רעספעקטירען און געבען אב גרויס כבוד א מאן, וואס אר־ביים און בויט אויף א גרויסע ביזנעס און א רייכטהום, אבוואהל מיר ווייסען גאנץ גוט, אז דער מאן טהוט עס פאר זיינע אייגענע נוצען.

מיר רעספעקטירען און געבען אב גרויס כבוד א מאן, וועלכער צייגט מוטה און קוראזש צו ראטעווען א מענשען פון פייער, פון וואסער, אדער פון א קאר עקסידענט.

אבער איך גלויבי, אז יעדער איינער מוז צוגעבען, אז עס איז גאר ניט געבוירען געווארען דער מאן, וועמעס מוטה, קוראזש און איבערגעבענהייט מען זאל קענען פארגלייכען מיט׳ן מוטה און קוראזש וואס א מאמע צייגט ארויס ביים אכטונג געבען אויף איהר בייבי. וועהרענד מוטער־ליעבע האט ניט אין זיך דעם מינ־דעסטען שפור פון אייגענע נוצען.

מוטער־ליעבע און מוטערליכע טרייהייט, האט קיין אנפאנג, קיין ענדע, קיין מאס און קיין וואג, ווייל עס איז גרעסער און ברייטער און טיעפער ווי די גאנצע ערד מיט אלע ימים צוזאמען...

איהר וועט געפינען איין מאן אין א טויזענד, וואס וועט רי־זיקירען זיין לעבען פאר א געוויסע זאך.

אבער אין יעדע טויזענד פרויען וועט איהר געפינען גאנצע טויזענד, וואס וועלען ריזיקירען זייערע לעבענס פאר זייערע בייבים.

יעדע זאך, וואס דער מענש איז ווערטה, אלעס וואס ער פער־מאגט, בעלאנגט צו זיין מוטער. זי האט מיט איהר מסירת נפש, מיט איהר ניט דערעסען און ניט דערשלאפען, איהם אוועקגעגעבען איהר געזונד, איהר מארך און איהר קוראזש.

דעריבער איז דער „מוטער'ס טאג" אלס א יום טוב, דער פיינ־סטער, דער שעהנסטער און דער הייליגסטער, וואס די ציוויליזאַ־ציע האט געשאפפען. די מאמעס פערדיענען כשר, אז איין טאג אין יאהר זאל ספּעציעל געווידמעט ווערען צו זיי. מען זאל זיי אין דעם טאג בריינגען די שעהנסטע מתנות, און מען זאל זיי מא־כען פיהלען, אז העלדען זיינען ניט די גענעראלען, וואס קענען נעהמען גרויסע ערוואקסענע מענשען און זיי אויסשלאכטען ווי די שאף, נאר די פרויען גענעראלען, די מאמעס, די מלאכים, וואס נעהמען שוואכינקע, צארטע, ברעקעלער עופה'לער, און פאסען אויף זיי אויף, ביז זיי ווערען גרויסע, ערוואקסענע מענשען.

ווייזט אייערע מאמעס, אז העלדען זיינען ניט דיא, וואס מאכען חרוב די וועלט — נאר די וואס בויען א וועלט — און דאס זיינען די מאמעס.

געדענקט, היט דעם גרויסען יום טוב — מאַדהערס דעי!

אַ מעשה פאַר גרויסע קינדער

קליינע קינדער, ווען זיי זיינען אומרוהיג און קאנען ניט שלאפען, דערצעהלט מען זיי א שעהנע מעשה'לע, ביז מען פאר־שלעפערט זיי. עס איז גוט פאר זיי און גוט פאר אנדערע. ווייל אז א קינד שלאפט ניט און וויינט, לאזט עס אנדערע אויך ניט שלאפען.

דאס זעלבע איז אויך מיט גרויסע קינדער, וואס זיינען אומרוהיג אליין און לאזען אנדערע ניט רוהען. מען מוז זיי מיט א שעהנע מעשה'לע בארוהיגען. און דאס וואס איך געה אייך יעצט דערצעהלען איז אן אויסגעצייכענטע מעשה פאר הונדערטע און הונדערטע גרויסע קינדער, און מעגליך, אז טאקע פאר אייך אליין אויך.

אמאל איז געווען א פארמער. ער האט יאהרען און יאהרען לאנג אויף דער פארם געוואהנט, ביז זי איז איהם נמאס געווארען. אויף דער זעלבער פארם איז ער געוואקסען און ערצויגען געווארען. אויף דער זעלבער פארם האט ער חתונה געהאט, אויף דער זעלבער פארם האט איהם זיין פרוי דריי קינדער געבוירען, און אויף דער זעלבער פארם זיינען זיינע קינדער שוין גרויסע ערוואקסענע מענשען געווארען, האבען חתונה געהאט און זיינען אוועק צו אייגענע באלעבאטישקייט.

דער פלאץ איז איהם נמאס ומאוס געווארען. אימער די זעלבע סינערים; די זעלבע ביימער; דער זעלבער ברונען; דער זעלבער טייכעל; די זעלבע בערג; די זעלבע טהאלען. עס האט זיך איהם געוואלט עפעס אן ענדערונג. און ער האט גענומען טרוימען פון עפעס א שטילען אידעאלען פלאץ, וואו ער זאל קענען פארברענגען זיינע עלטערע יאהרען אין אזוי פיעל באקוועמליכקייט, ווי עס איז נאר מעגליך.

און ער איז אוועק צו א ריעל עסטייט איידזשענט אין שטעדטעל אריין, ניט ווייט פון זיין פארם און איהם אריינגעגעבען די פארם צו פארקויפען. דער איידזשענט איז ארויסגעפאהרען זעהן די פארם, האט אלעס אנגעקוקט, באטראכט, פארשריבען אייניגע נאטיצען אין זיין מעמאראנדום ביכעל, און האט געזאגט דעם פארמער, אז ער האפט צו געפינען שנעל א גוטען קאסטאמער, ווייל די פארם איז אין א העכסט גוטען צושטאנד.

ווען דער פארמער האט נעכסטע וואך געקראגען די וועכענטליכע צייטונג, וואס ערשיינט אין שטעדטעל, האט ער דערזעהן דעם אדווערטייזמענט וואס זיין ריעל עסטייט איידזשענט האט אריינגעגעבען וועגען זיין פארם.

דער אדווערטייזמענט האט זיך געלעזען אונגעפעהר אזוי:

„די וויינבערג פארם פון הונדערט און פינף און זעכציג אקער לאנד איז צו פארקויפען. די גאנצע לאנד איז פרוכטבאר. וואס מען פערזייהט אויף דיעזער פארם איז אימער געראטען. פערציג אקער זיינען בעוואקסען מיט פראכטפאלע פרוכט-ביימער. אויף

דער פאַרם געפינט זיך אַ ברונעז, וואו די וואַסער איז לויטער ווי קריסטאַל און איז זעהר אַ געזונדע וואַסער, אַ פאַרגעניגען צום טרינקען. די הויז צום וואָנען איז אין ערשטע קלאַסע צושטאַנד. דאַס זעלבע זיינען די שטאַהלען און די קאַמערען. דער פּלאַץ ווערט פאַרקויפט מיט אַ גרויסען סטאַק קיה, פערד, טשיקענס, גענז און קאַטשקעס. טריינס און קארס געהען פאַרביי דער פאַרם איינ־גע מאָל אין טאָג. אַזוי אַז עס איז זעהר לייכט צו דער פאַרם צוצוקומען. די פאַרם הויז האַט אַ טעלעפאָן סוירוויס, און לעטער באָקסעס געפינען זיך באַלד נעבען טויער, וואו מען פאָהרט אריין צו דער פאַרם. דער יעניגער וואָס זוכט אַן אידעאַלע פאַרם מיט אַלע באַקוועמליכקייטען, זאָל זיך גלייך שטעלען אין פאַרבינדונג מיט דעם איידזשענט, שמערל שמערעלאָוויטש"...

דער פאַרמער האָט איבערגעלעזען דם אַדווערטייזמענט עטליכע מאָל, דאַן האָט ער אָבגערופען דעם איידזשענט'ס אָפיס און האָט געזאָגט :

— איך האָב נאָר וואָס געלעזען דעם אַדווערטייזמענט, וואָס איהר האָט געשריבען אין פּייפּער וועגען מיין פאַרם צו פאַרקויפען. און אַזוי ווייט ווי איך קען מיר נאָר פאָרשטעלען, איז דאָס ריכטיג אַזאַ סאָרט פאַרם, וואָס איך זוך פאַר מיר אַליין. איך וועל האַלטען די פאַרם פאַר זיך.

די דאָזיגע מעשה איז אַ פיינע מעשה צו האַלטען רוהיג אַלע־ראיטניקעס, וועלכע הויבען אַן טרוימען וועגען מופען פון בראַנזוויל אין באָרא פּאַרק, אַדער פון די בראָנקס אין וואשינגטאָן האיטס, אַדער פון וויליאַמסבורג סעקשאָן אין איסטערן פּאַרקוועי א. ז. וו.

עס איז אויך זעהר אַ פיינע מעשה פאַר די, וואָס זייערע ווייבער ווערען זיי נמאס, און זיי טרוימען וועגען פאַרקויפען די מ סעס און קויפען אַן אַנדערע, — זיי ווייסען ניט צו שעצען וואָס זיי האָבען, ביז עס קומט אַ קלוגערער פון זיי און עפענט זיי די אויגען.

„דאָרט איז גוט, ווי מיר זיינען ניטאָ", זאָגט אַ רוסישער שפּריכוואָרט.

„יעדען דאַכט זיך, אַז ביים צווייטען לאַכט זיך", איז אַן אַל־

געמיינער אידישער שפריכוואָרט, וואָס מיינט בענאָהע דאָס זעלבע.

מיר זעהען אין לעבען, אַז פיעלע מענער וואָס גט'ן זיך מיט זייערע ערשטע ווייבער קענען זיך קיינמאָל נים צוקלייבען קיין ריכ־טיגע פּאָאַר.

זיי האַלטען אין איין ענדערען זייער מזל, חתונה האָבען און גט'ן, גט'ן און חתונה האָבען, און וואָס ווייטער פאַלען זיי אַלץ מעהר אריין, און הויבען אַן זוכען צוריק די ערשטע ווייב מיט ליכט.

ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז קיין אונטערשיעד וויפיעל ווייבער אַ מאַן זאָל ניט האָבען אויף דער וועלט, אָבער ווען משיח וועט קומען און עס וועט זיין תחית המתים, וועט זיך יעדער מאַן גלייך כאַפּען צו זיין ערשטער פרוי.

פאָלגט מיך, מיין ליעבער איד,
ווען איהר ווערט אַמאָל מיעד,
פון עטוואָס אין לעבען,
און פאַנגט אָן שטרעבען,
צו נעהמען אַ נייע ווייב
פיר צייט פאַרטרייב —
און זיינט פאַרטיעפט אין חלומות
צו מופען אין הויכע מקומות,
און ווילט אייער פאָרם פאַרקויפען
און אנדערש וואו לויפען —
זאָלט איהר זעהן, אַז אַ גוטער איידזשענט
זאָל דעם אדווערטייזמענט שרייבען,
וועט איהר דאַן אַליין קריגען חשק,
ביים אַלטען פאַרבלייבען.

אפיקורסים

עס איז דא פערשיעדענע אפיקורסים ביי אידען, מיט וועלכע מען קען זעהר פיין דורכקומען. מען מעג אפילו מיט זיי א שידוך טהאן, און עס וועט אסור מאכען א פלעק אויף דער משפחה, אדער עטוואס שאדען צום יחוס.

בלויז איין סארט אפיקורסים זיינען דא וועלכע זיינען אן אמת'ער סם המות צו דער געזעלשאפט, און דאס זיינען די וואס ווילען די גאנצע מענשליכע עהרליכקייט מבטל זיין און אוועקמא־כען מיט דער האנד.

איהר דארפט בלויז שטעהן עטליכע מינוט אין די ד' אמות פון אזא סארט אפיקורס, און איהר וועט פון איהם הערען פאלגענדע מגילה :

— עהרליכקייט בעצאהלט זיך קיינמאל ניט.

— ווער עס גנב'ט ניט, דער האט ניט.

— ווען מען וויל האבען ערפאלג אין דער וועלט, מוז מען זיין א בלאפער.

— עהרליך איז שווערליך.

— דער גוטער מענש איז אימער אויף צרות.

— די גאנצע וועלט שטעהט נור אויף גנבה וגזלה.

— אלע און אלעם איז גנב און גזלן.

דאס איז דער ערגסטער סארט אפיקורס אין דער וועלט.

ווען איינער פעליערט זיין אמונה אין די גרויסע מעלות פון זיין עהרליך און גוט, טהוט עס זעהר פיעל שלעכטעס דער מענש־הייט אין אלגעמיין.

איהר קענט אויך צווייפלען אין דער וויכטיגקייט פון עסען קרעפלאך אום פורים, איהר מעגט ניט גלויבען אין שלאגען כפרות, אין געהן צו תשליך, און מעגט אפילו זיין א סקעפטיקער אין די מעשה'לאך פון די גוטע אידען — קען עס קיינעם ניט שאדען.

אבער קוים ווערט איהר אן אפיקורס און הערט אויף צו גלויבען אין רעכט און אונרעכט, און אין פליינע עהרליכקייט, און מאכט אלעס לייכט אוועק מיט דער האנד, אז עס לוינט זיך ניט צו זיין עהרליך, און אז דער גנב און דער גזלן איז מצליח. דאן אונטער־גראבט איהר דעם גאנצען פונדאמענט פון דער געזעלשאפט.

איבערהויפט איז עס ניט אמת. זעהר זעלטען געלינגט עס דעם גנב זיך צו האלטען לאנג ביי זיין גליק, אפילו ווען ער קריגט עס שוין אמאל דורך גנבה וגזלה.

דער אמת איז אז דער סוף פון יעדען חזיר איז די שלאכט־הויז, און דער סוף פון יעדען גנב איז די תליה.

ווען עס פאסירט אפילו אז א שווינדלער, א ליגנער, א בלא־פער און א גנב נארט אייך אב, און שווינדעלט פון אייך ארויס אייער עהרליכע הארוואניע, איז דאן ניט די צייט צו ווערען פער־צווייפעלט און בייז אויף דער גאנצער וועלט, און גלאט זאגען זא־כען וואס זיינען ניט ריכטיג.

אין געגענטהייל, גראדע דאמאלס איז די צייט איהר זאלט זיך גוט אויסלאכען.

דאס לעבען וואלט ניט געווען אזא פיינער שפאס, אזוי וויציג און אזוי אינטערעסאנט, ווען דער גוטער מענש זאל באלד בעקומען גוטעס פאר גוטעס, און דער שלעכטער — שלעכטעס פאר שלעכ־טעס. די וועלט איז א לוסטיגע קאמעדיע צום לאכען. עס איז א פיינע זאך צו שטעהן און קוקען ווי א זשאבע בלאזט זיך אן און דענקט, אז זי איז א קוה, אדער ווי א קליינער האהן פעררייסט דעם קאם און מיינט, אז ער איז אן ענדיק.

און ווען מיר זאלען אפילו זאגען, אז דער באנדיט, דער גנב, דער שווינדלער, האט א סך ערפאלג, דארפען מיר אבער פערשטעהן, אז ערפאלג איז ניט אלעס. דער מענש האט דורכצומאכען א לעבען. ער דארף זיך ארומטראגען מיט א פנים, אויף וועלכען ער אליין זאל זיך ניט שעהמען א קוק טהאן, ווען ער שטעהט ביים שפיעגעל.

דער מענש דארף האבען עראינערונגען וואס זאלען איהם לאזען שלאפען.

ער דארף האבען א מויל, וואס זאל זיין ריין און פאסענד גענוג א קוש צו טהאן דערמיט זיין פרוי.

ער דארף האבען א הארץ ווייך, ריין און לויטער גענוג ער זאל דערצו קענען צוטוליען אן אייגענע קינד.

און נאך מעהר ווי אלעס דארף דער מענש האבען אויגען, וואס זאלען קיין מורא ניט האבען צו קוקען אנדערע מענשען גלייך אין די אויגען.

די צופריעדענהייט פון טהאן גוטעס איז אליין א גרויסע בע־לוינונג. עס איז איינע פון די גרעסטע פערגעניגענס אין לעבען ווען מען טהוט אן עהרליכע און א גוטע טהאט. עס איז א סך א גרעסערע פערגעניגען ווי ווען איהר קריגט א גרויסע סומע געלד דורך שווינדעל און בעטרוג.

דעריבער איז מיין מיינונג אימער,
אז אפיקורסים זיינען פערשיעדען.
זיי מעגען פיעל זאכען ניט גלויבען,
און דאך בלייבען פיינע אידען.

אבער ווער עס פערליערט די אמונה,
אז די מענשהייט פיהרט זיך פיין,
דער איז דער גרעסטער אפיקורס,
וואס אויף דער וועלט קען זיין.

דער אלטער כלל האלט אימער אז,
שטארק, געזונד, בקו הבריאה,
אז דער סוף פון חזיר איז די שלאכט־הויז,
און דער סוף פון גנב איז ׳די תליה.

לעקטשורס

איבער פערשיעדענע פיליזאָפישע פראַגען.

דאָס לעבען

מען זוכט נאָך אַלץ די וואָס זיינען שולדיג אין דער גרויסער וועלט־מלחמה, און מען וויל זיי משפט׳ען.

איך זאָג, אַז מען וואָלט זיי אַלעמען געדאַרפט צוזאַמענברענגען אויף איין פּלאַץ, און מען זאָל זיי מיט גרויס פּראַכט און צערעמאָניע, מיט מוזיק און פּאַסענדע רעדעס, בעלוינען אַלעמען מיט גרויסע גאָלדענע מעדאַלען. ווייל זיי האָבען אויפגעטהאַן זעהר אַ גרויסע און אַ גוטע זאַך פאַר דער מענשהייט.

דיא גרויסע וועלט מלחמה האָט מיליאָנען מענשען געראַטעוועט פון לעבען, און דאָס איז די געוואַלטיגע טובה. עס איז קיין קליינינקייט ניט אַוועקצונעהמען פון מענשען זאָרג און עגמת נפש פיר אַ לעבען, וואָס איז אין גאַנצען אַ העסליכער טריק פון אָנפאַנג ביז ענדע.

דאָס לעבען נאַרט אייך, און מאַכט אַזוי, אַז איהר זאָלט זיך אַליין נאַרען אַלע אייערע יאָהרען.

אין גאַנצען לעבען איז ניטאָ קיין זאַך וואָס איז ראַיעל. אַלעס איז ניט דאָס וואָס איהר דענקט, קיינער איז ניט דאָס וואָס איהר מיינט און איהר זיינט ניט דאָס וואָס יענער דענקט.

מיר וועלען אָנפאַנגען פון דער היים — "האָום סוויט האָום" — מען שרייבט, און מען זינגט, און מען שפּיעלט, און מען מאַכט אייך בעגייסטערט מיט׳ן געדאַנק פון אַ זיסע היים. אָבער קענט איהר מיר ניט אָנצייגען, וואו איז זיא ערגעץ דיא האָום סוויט האָום ?

עס איז בלויז אן אילוזיע, א פאנטאזיע פון לעבען, וואס האלט אייך אין איין אבנארען, פון דעם מאמענט וואס איהר ווערט געבוירען ביז דעם מאמענט וואס איהר שטארבט.

דיא "האום סוויט האום" איז ניט זעהר זיס ווען דיא יונייטעד היברו טשאריטיס דארפען צאהלען אייער רענט.

דיא האום סוויט האום איז א פוסטע פאנטאזיע, ווען דער פארניטשער קאלעקטאר קומט אלע וואך ביי אייך מאהנען צוויי דאלאר פאר דער בעט אין וועלכער איהר שלאפט.

און דיא האום סוויט האום איז זעהר ביטער אפילו ווען דיא בעט איז אן אייגענע און די היים איז אן אייגענע, נאר עס הערשט דארט קראנקהייט, אדער קריגעריי, אדער פאלשקייט, און איינע פון דיא זאכען הערשט כמעט איבעראל, אזוי אז איהר וועט זעהר זעלטען געפינען אפילו צווישען די גרעסטע מיליאנערען, וועלכע מיר זיינען מקנא, אז זייער האום זאלווירקליך זיין "האום סוויט האום". . . .

עס איז מעהר ניט ווי אילוזיעס, פאנטאזיען. דאס לעבען נארט אונז און דאס איבעריגע נארען מיר זיך אליין.

דאסזעלבע איז מיט די גרויסע שבחים צו פאטריאטיזם פון מענשען צו א לאנד. ס'איז גאר ניט, די לאנד נארט אונז און מיר נארען זיא. יעדע לאנד זארגט כלומרשט פאר'ן געזונד פון איהרע בירגער. שטאלצירט מיט גרויסע בעפעלקערונג, און מיט ווייניג שטערבעפעלע, אבער זיא מיינט ניט אייער טובה. איהר וואלט ניט געאארט ווען איהר שטארבט באלד, איהר האט דאך א סימן טאקע דיעזעלבע מלחמות, נאר זיא וויל האבען די טעקסעס וואס איהר צאהלט. זיא וויל האבען אייער ביזנעס. און אזוי נארט די רעגי־רונג די בירגער, און די בירגער די רעגירונג, איינער נארט דעם אנ־דערען און דאס לעבען נארט אלעמען, און ס'איז הכל הבל.

דאס לעבען רעדט אייך איין אז ס'איז דא א מענשהייט אויף דער וועלט, וואס טהוט אויף וואונדער און צוליעב וועלכער יעדער איינער דארף אפפערען דאס בעסטע וואס ער קען, אבער וואס איז די מענשהייט, און ווער איז די מענשהייט? א כנופיא איינצעלנע

מענשען, וואס האבען אימער זייערע אייגענע צרות, און זיינען אימער ביזי ווי איהר, מיט נארען זיך און יענעם אין דעם גרויסען בלאף־יאריד וואס ווערט אנגערופען "לעבען".

דאן קומט ברודערשאפט די גרויסע פערבלענדנים פון גוטע פריינד און גוטע ברידער. דאס איז אויך איינע פון לעבען'ס פאלש־קייטען. עס קען זיין ניט זיין קיין פריינדשאפט און קיין ברודער־שאפט אין א לעבען, וואס איז געבויט אויף שקר און אויף טויט. די ווארימע זונן דרעהט זיך נאר ארום א זומער טאג, ווען עס איז אזוי אויךווארם. ווינטער אין דער קעלט, ווען מען דארף די ווא־רימע זונען שטראהלען זיינען זיי ניטא. דאס איז לעבען!

דאס לעבען גיט אייך קיינמאל ניט וואס איהר ווילט, דאס זעלבע גיט איהר קיינמאל ניט יענעם וואס יענער וויל. דער זומער גיט אייך היץ צום דערשטיקט ווערען, און דער ווינטער גיט אייך קעלט צום דערפרוירען ווערען איהר קריעגט קיינמאל ניט פון לעבען א פאלקאמענע בעקוועהמע זאך צום הנאה האבען.

דער מענש לעבט אב זיינע יאהרען מיט האפנונגען, אז מאר־גען, שפעטער, איבער א יאהר, וועט זיין בעסער, און דאס לעבען האלט אייך אין איין נארען, מיט פאלשע פערשפרעכונגען, ביז עס ציהט פון אייך ארויס דעם לעצטען טראפען בלוט. און איהר פאלט אנידער ווי א נאר, נעהמענדיג מיט זיך אויף יענער וועלט, ניט מעהר וויפיעל מען האט אייך מיטגעגעבען אויף דער וועלט.

וואו נור עס איז ערגעץ דא א טריק אבצונארען איינעם, און פון איהם מאכען דעם גרעסטען חוזק, בענוצט עס דאס לעבען. דאס לעבען איז ווי דער יצר הרע — האלט אייך אין איין פאר־שטעלען גליקען, עס פערשלעפט אייך אין אלע צרות, און לאזט אייך אליין נאכהער טהון די שווערע ארבייט פון מאטערען זיך אהן א פאר וואס.

און אלע ווייסען עס. אלע פיהלען עס. דער גביר ווערט ריכ־טיג אזוי גענארט פון לעבען ווי דער גרעסטער ארעמאן. דאס לעבען שטופט איהם — ארבייט, רוה ניט, מאך נאך געלד, צו דערזעלבער

ציים געפינט שוין דאס לעבען אוים פאר איהם פערשיעדענע טראַ־בעל, אבי ער זאל בלייבען א נאר, ער זאל ארבייטען שווער אויף דער וועלט און קיין הנאה נים האבען.

דאס גאנצע לעבען איז איין שטיק טראבעל אלעס וואס איהר דענקט וועגען אייערע פערגעניגען, איז נאר אילוזיעס, פאנ־טאזיען, עס איז א מואווינג פיקטשור אויף א שטיק ליינוואנד. איהר מיינט, אז דארט זיינען דא ריכטיגע פערגעניגען. ראיעלע פלע־זשור — אבער עס הויבט זיך גאר נים אן, דאס לעבען נארט אייך, עס פיהרט אייך ארום פון פלאץ צו פלאץ, ציינט אייך פון וויי־טענס שעהנע צויבערהאפטע בילדער. אבער עס איז הכל הבל, הבל הבלים. באלד ווערט אויפגעדרעהט די עלעקטרי און איהר דערזעהט א פליינע שטיקעל ליינוואנד. אלע שעהנע סינעריס פערשוואונדען. דאס לעבען האט אייך אבגענארט. ריכטיג וויא עס נארט דעם גרעסטען ארעמאן. ביים לעבען זיינען אלע גלייך — עס איז א פאלשע זאך צו אלעמען — עס ווייסט נאר פון פער־שפרעכען, אבער נים פון ערפילען איהרע פערשפרעכונגען.

פיעלייכט איז דאס די אורזאכע ווארום מען רופט דאס לע־בען — דער "עולם השקר", און פאר וואס מען רופט יענע וועלט דעם "עולם האמת"...

וואו וואוינט ער ?

קענט איהר מיר נים זאגען, מיינע ליעבע דאמען און הערען, וואו וואוינט דא ערגעץ אין אייער נאכבארשאפט א געוויסער מיס־טער שלום גליק ?

קענט איהר מיר נים געבען זיין אדרעס ? טויזענדע און טוי־זענדע מענשען זוכען איהם, מען דארף איהם האבען. מען קעהרט די וועלט נאך איהם. וואו וואוינט ער דא ערגעץ ?

איך זוך איהם אויך, זאגט מיר, זייט אזוי פריינדליך, וואו קען איך איהם טרעפען? איך קען איהם ניט פערזענליך. איך האב נאר געהערט פון איהם. קענט איהר מיר פיעלייכט זאגען, ווער און וואס ער איז? איז ער א סינגעלמאן, אדער א בעווייבטער? האט ער קינדער, אדער ניט? וואוינט ער ערגעץ אויף א טאפ פלאר אין פיטט סטריט, ביי א מיסעס און שלעפט א פושקארט מיט זיסע אוגערקעס. קריפ, קנאבעל און זופען־גרינס? אדער ער וואוינט מיט א פאמיליע אין אן אייגענעם רייכען פאלאסט אין סענטראל פארק וועסט און פאהרט אין א צעהן טויזענד דאלארדיגען פראנצויזישען לימאזין?

אדער פיעלייכט קען איך איהם גאר געפינען אין א בית־המדרש ערגעץ, וואו ער זיצט און לערענט תורה? און מעגליך אז ער זיצט גאר ערגעץ ביי א לוסטיגער קאבארע שאו און קוקט אויף שעהנע טענצערינס.

זאגט מיר, גוטע מענשען, וואו קען איך איהם געפינען? איך זוך איהם שוין יאהרען און יאהרען לאנג. עס טהוען מיר שוין וועה די פיס געהענדיג. איך וויל איהם חלילה גארניט טהון. איך האב ניט קיין וואראנט איהם צו ארעסטירען. איך וויל נור א קוק טהאן אויף איהם, זעהן ווי ער זעהט אוים — דאס אלעס!...

האט איהר אמאל געזעהן מעטערלינק'ס גרויסע פלעי, "די בלוי בוירד"? דער גרויסער דענקער מעטערלינק שילדערט פאר אונז דאס בלויע פייגעלע אלס דער סימבאל פון גליק. אלע לויפען זוכען דאס בלויע פויגעלע, אלע ווילען כאפען דאס גליק.

מעטערלינק קען ניט בעגרייפען ווארום מענשען לעבען ניט אלע בשלום. ווארום זאל ניט עקזיסטירען מעהר אייניגקייט ביי דער מענשהייט? פאר וואס זאל איין נאציאן פערפאלגען א צווייטע נאציאן? ווארום זאל איין מענש האסען דעם אנדערען? מיר זיינען דאך אלע בעשעפטיגט מיט איין זאך, וואלטען מיר דאך אלע געדאפט לעבען אין פריינדשאפט ווי קאלעגען?

מעטערלינק׳ס אידעע איז אז מיר אלע טהוען איין זאך — מיר יאגען זיך צו כאפען דאס בלויע פייגעלע.

די אלע מענשען וואס איהר זעהט לויפען שנעל אהן אן אטהעם, אזוי אז זיי האבען קיין צייט ניט צו זאגען איינער דעם אנדערען גוט מארגען, יאגען זיך דאס אלץ צו כאפען די בלוי בוירלד, דאס בלויע פייגעלע.

עס איז גאר קיין אונטערשיעד וואס דער מענש איז, וואו ער איז, אויב ער איז א טערק, א טאטער, א קריסט, א איד, רייך אדער ארים, גוט אדער שלעכט, לויפט ער דאס אלץ מיט׳ן קראוד צו כאפען דאס בלויע פייגעלע.

דער רויבער, דער האלד־אפניק, וואס כאפט אייך אן אין מי־טען גאס און רויבט פון אייך אוועק אייער וואטש און טשיין, און אייער לעצטע פעני פון פאקעט, לויפט כאפען דאס זעלבע פייגעלע נאך וועלכען איהר יאגט זיך.

דער סייף ברעכער וואס בערויבט א סייף אין מיטען דער פינס־טערער נאכט, יאגט זיך נאכ׳ן זעלבען פייגעלע, ווי דער וואס האט אהין דאס געלד ארייגעלייגט.

די ארימע שאפ מיידעל, וועלכע הענגט אויפ׳ן סטראפ אין א סטריט קאר און זעהט דורך דער ווינדאו ווי איהר באס פאהרט פארביי אין א טייערען אויטאמאביל, דענקט געוויס, אז זי טהוט אן אנדער זאך און איהר באס טהוט אן אנדער זאך — אבער עס הויבט זיך גארניט אן! זייביידע טהוען איין זאך — זיי יאגען זיך צו כאפען דאס בלויע פייגעלע...

די רבנים, די חזנים, די דזשאדזשעס, די לאיערס, די דאק־טוירים, די שרייבערס, די סוחרים, און אלע מענשעלאך וואס דרע־העו זיך ארום אויף דער וועלט, סאי זיי ארבייטען מיט די הענד, סאי זיי ארבייטען מיט׳ן קאפ, סאי זיי טהוען גוטעס, סאי זיי טהוען שלעכטעס, איז די כוונה זייערער איינע און די זעלבע — צו כאפען וואס שנעלער דאס בלויע פייגעלע.

אלע, יעדער איינער, אהן אויסנאהמע, ווילען קעטשען דאס

צויבער־וואָרט, וואָס מען רופט "גליק". נור מיר טהוען עס דורך פערשיעדענע מעטאָדען.

עס זיינען דאָ אַזעלכע וואָס לויפען אין אימפעט, אָהן אַן אָטעם, זיי האָבען זיך מורא אָבצושטעלען אויף אַסעקונדע, טאָמער חלילה לויפט פארביי דאָס בלויע פייגעלע, און אַן אַנדערער וועט עס צוכאַפּען. אַנדערע ווידער זיצען אין דער היים און וואַרטען אַז דאָס בלויע פייגעלע זאָל צו זיי אַריינפליהען דורכ'ן פענסטער. מאַנכע ארבייטען מיט דער גאָל, בערויבען זיך פון אַלע לעבענס פערגעניגען צו קענען מאַכען אַ סך געלד צו קויפען דאָס פייגעלע. אַט דוכט זיך זיי, אַז זיי האָבען עס שוין, אָבער אַ נעכטיגער טאָג, — עס גליטשט זיך אַרויס פון די הענד און פליהט אַוועק!

צו קריגען דאָס דאָזיגע אַלטע צויבער פייגעלע, וואָס אַלע זעהען פון דער ווייטענס, און קיינער האָט עס נאָך דערוויַיל ביז יעצט ניט געכאַפּט, זיינען פיעלע מענשען גוט און פרום. פיעלע שלעכט און פערדאָרבען. מאַנכע אַרבייטען, מאַנכע שטודירען, מאַנכע שטיפען, מאַנכע פילאָזאָפירען. אַנדערע זינגען און טאַנצען און מאַכען זיך משוגע. אַ טייל קלעטערען אַרויף צום הימעל צו קריגען דאָס פייגעלע, און אַ טייל לאָזען זיך אַרונטער טיעף אין דער ערד דאָס צו בעקומען. און וואונדערבאַר! דוכט זיך אַלע זעהען עס פון ווייטענס און קיינער קען עס ניט כאַפּען!...

קענט איהר מיר ניט זאָגען, מיינע ליעבע דאַמען און הערען, וואו וואוינט ערגעץ דער געהיימניספולער מיסטער שלום גליק? וואו האַלט ער זיך אויף? איך וויל איהם ניט כאַפּען, איך וויל באַטש בלויז אַ קוק טהאָן אויף איהם. ווי זעהט ער אויס?

איך זוך איהם און זוך איהם —\
אומזיסט איז מיין שטרעבען,\
עס איז שוין אַוועק באַלד,\
מיין גאַנצעס לעבען.\
איך האָב אין דעם זוכען,\
איינגעשטעלט אַלעס,

און אימער געטראָפּען
פּינקטליך דעם דלות.
איך לויף און איך זוך,
און קום אימער צוריק,
און קען ניט געפינען,
קיין סימן פון גליק . . .

די קליינע רומקעלאַך.

דער מענש האָט אַ טבע, אַז ווען ער געהט זוכען רומס צום וואוינען, וויל ער זיי זאָלען זיין הויך, ברייט, ליכטיג, לופטיג, די זונענשטראהלען זאָלען אין זיי אַריינקומען.

און עס איז קיין עולה ניט. ער צאָהלט געלד וויל ער הנאה האָבען.

די עולה איז נאָר, פאַר וואָס איז ער ניט אַזוי פּריטיקלע מיט די קליינע רומקעלעך פון זיין טאָפּ־פלאָר קאָפּ־אַפּאַרטמענט ?

האָט איהר שוין אַמאָל בעגעגענט איינעם וואָס זאָל זיך אָב־שטעלען בעטראַכטען וואָס פאַר אַ רומקעלעך ער האָט ביי זיך אין קאָפּ. צו זיינען זיי ברייט גענוג, ליכטיג גענוג, צו קומט אַהין אַמאָל אַריין כאָטש עטוואָס זונען־שיין ?

דער טראָבעל איז וואָס די אָפּ־סטעירז רומקעלעך קריגען מיר אומזיסט, מיר דאַרפען קיין ליעס ניט סיינען, קיין סעקיוריטי ניט געבען, און דער איידזשענט קומט קיינמאָל קיין רענט ניט קאָ־לעקטען, און ווי יעדע זאַך וואָס מען קריגט אומזיסט, איז עס ניט אנגעלייגט.

איך בין אַמאָל אַ בעלן געווען קלעהרען וועגען דעם דאָזיגען וואונדערבאַרען קאָפּ־אַפּאַרטמענט, וואָס איז פול מיט קליינע רומ־קעלעך, אין וועלכע עס געפינט זיך דער מאָרך, אָדער דאָס וואָס די

רומענישע רעסטאראנטען סערווירען אימער מיט צוהאקטע ציבעלעס און א שטיקעלע רעטאך מיט טשיקען שמאלץ אלס פארשפייז:
איך האב גענומען אריינבליקען אין דעם אפארטמענט דורך די שארפע אויגען פון דער נשמה, וואס איז דער דזשעניטאר פון דעם אפארטמענט, און ווי ווייט איך דענק, ווייס איך יעצט אלעס: איך וויים שוין וואס און ווען דער אפארטמענט איז, עס איז וואונדער איבער וואונדער!.....

איך וועל אויף א טשיקאוועס טרייען אייך איבערגעבען יעצט אלעס וואס מיין מיינונג איז וועגען דעם דאזיגען קאפ־פלאר אפארטמענט.

די רומקעס זיינען ניט אזוי קליין ווי עס ווייזט זיך אונז אוים ווען מען קוקט מיט געוועהנליכע אויגען. עס איז דארט קיינער ניטא, אבער עס הערען זיך דארט שטימען פון ארבע פנות העולם.

פון צייט צו צייט זעהט מען אין דעם אפארטמענט ארומשפאצירען צוויי גוטע פריינד. ווי דער דזשעניטאר האט מיר דערצעהלט, הייסט איינער מר. יצר טוב, און דער צווייטער — מר. יצר הרע. זיי זיינען דארט הפנים די גאנצע בעלי בתים. זיי האבען גענומען דעם אפארטמענט בשותפות.

אין פראנט פון אפארטמענט געפינט זיך א גרויסער גרינער בוים. און מאדנע פייגעלאך, פון פערשיעדענע קאלירען, קומען צו פליהען, שטעלען זיך אוועק אויף די צווייגען און זינגען פערשיעדענע מעלאדיען. איינעגע בויען דארט זייערע נעסטען. אבער די מעהרסטע פליהען צוריק אוועק און אזוי ווי מען ווייסט ניט פון וואנען זיי זיינען געקומען, אזוי ווייסט מען ניט וואוהין זיי צופליהען זיך.

נעבען בוים איז דא א טיעפער, שטילער טייך. אינעווייניג שווימען ארום זעהר שעהנע גאלדענע און זילבערנע פישעלאך. אבער אין זעלבען טייך שווימען אויך ארום שווארצע העסליכע פיש וואס זעהען אוים ווי קראקאדילען, און שלינגען די שעהנע פישעלאך איין: ווען איהר קוקט אריין אין דעם טייך איינעגע סע־

קונדען, ווערען די אַלע פיש פערשוואונדען און איהר זעהט דאָרט בלויז אייער אייגענע געזיכט.

אביסעלע ווייטער געפינט זיך אַ קוזניע וואו מען קלאַפּט און מען האַמערט און עס איז אימער ביזי מיט שמידען האָראַמאַטען, לאָקאָמאָטיווען, אינדזשינס און טולס פאַר אַרבייטער, און אביסעלע ווייטער מאַכט מען זילבער קאַפּס און מעדאַלען און אַנדערע עהרען־צייכענס.

אַ וואונדערבאַרע אַרכיטעקטור איז דער האָזיגער קאַפּ־אַפּאַרטמענט. איהר געפינט דאָרט אַ גאָרטען מיט פערוויאַנעטע גראָזען פון ערלאַינערונגען, און פערוועלקטע בלומען פון האָפנונג, און פון צייט צו צייט קומט אַ שנעע און דעקט אַלעס צו.

און געגענאיבער דעם זעלבען גאָרטען איז דאָ אַ הויכע, זעהר אַ הויכע באַלקאָני, וואו עס זיצט אימער אַ גרויסער בענד מוזיק און שפּיעלט, מען זעהט ווי גרויסע קראָודס שטעהען אַרום און הערען זיך צו, אָבער מען קען נור כאַפּען שטיקלעך און ברעקלעך פון דער מוזיק, אַ גאַנצע מעלאָדיע קען מען קיינמאָל ניט צוזאַמענשטעלען פון די ברעקלעך וואָס מען קעטשט.

מערקווירדיג, פון דרויסען ווייזט אויס דער אַפּאַרטמענט אַזוי קליין, און אינוועניג געפינט זיך אַ גאַנצע, גרויסע שטאָדט, אַ כרך גדול, אַ ריעזיגע שטאָדט, וואו עס גריבעלט און שוויבעלט מיט טויזענדע און טויזענדע מענשען, מען האַנדעלט, מען וואַנדעלט, מען לויפט, מען אַרבייט, מען קויפט, מען פערקויפט, מען קאַכט זיך, מען שרייט און מען ליאַרעמט, און יעדער איינער וואונדערט זיך, צו וואָס דער גאַנצער טאַראַראַם? אויף וואָס פאַר אַ כפרה דאַרף מען דאָס אַלעס?

איין רומקעלע איז געבויט ווי אַ גרויסער בעכער, דער בעכער פון ליעבע, וואו מאַנכע געפינען לעבען און רוהע, און אַ צווייטע רומקע, גלייך דערביי, זעהט אויך אויס ווי אַ בעכער, אָבער די ווענט שוואַרץ און צובראָכענט — דאָס איז דער בעכער פון שכרות און טויט...

אין איין צימערעל געפינט זיך די שטוהל פון גאָט; אין

צווייטען דער מיטינג־רום פון אלע טייוואלים; אין דריטען פער־זאמלען זיך מלאכים; אין פערטען ברענט אימער די היץ פון מכשפות: אין פיפטען, שטעהען פלעשער מיט גוטען בוימעל; אין זעקסטען: פולע פלעשער מיט מענשען־בלוט, פון פערשיעדענע טראגעדיען...

אז מען שטעלט זיך אוועק אין פראנט פון דיעזען צויבערי־שען קאפ־אפארטמענט, קען מען הערען די זיסע לידער פון מאמעס, וואס פערוויעגען זייערע בייבים; די ווילדע געשרייען פון משוגע־נע; ליעבעס־ערקלעהרונגען פון פערליעבטע; יאמערליכע קולות פון ליידענדע, ריהרענדע תפילות פון מענשען וואס בעטען גאט; דונערענדע ברומעריי פון גענעראלען וואס קאמאנדעווען; שיסט אויף אייערע ברידער; די קושען פון פערליעבטע, און די קולות פון גנבים און גזלנים.

בויגט זיך צו נאהענט און איהר וועט הערען דעם ערהאבע־נעם אראמאט פון בלומען. און באלד וועט איהר הערען א גערוך וואס עקעלט. אלעס קומט פון זעלבען אפארטמענט. עהרליכקייט, פאלשקייט, גוטעס, שלעכטעס, ווייס, שווארץ, — אלעס, אלעס געפינט זיך דארט. דער אפארטמענט פון קאפ־פלאר איז דאס גע־היימניס פון אלע געהיימניסע און פיעלע לענדלארדס ברעכען זיך יעצט די קעפ צו וויסען ווי אזוי מען קען אויף אזא קליינעם פלאץ אויסבויען אן אפארטמענט מיט אזוי פיעל פערשיעדענע רומקעס און עס זאל אין זיי אלעס קאנען אריין, ווי אין דעם אפארטמענט פון מענשליכען קאפ־פלאר.

א וואונדערבארער אפארטמענט! און מיר טראגען איהם ארום מיט זיך! ווילען מיר, זיינען מיר מיט איהם אין עסעקס סטריט, ווילען מיר, מופען מיר אין ריווערסייד דרייוו, אהן מופ־ווינג וואגענס; מען דארף קיין זאך ניט פאקען, וואו מיר געהען געהט דער אפארטמענט מיט אונז.

דארף מען האבען א גרעסערען וואונדער,
ווי דער מענש איז אליין?...

קען מען דען מאהלען בילדער,
מעהר ערהאבען, מעהרער שעהן?...
אה, ווי גוט עס וואלט געווען,
ווען דער מענש פון פלייש און ביין,
זאל אם וועניגסטען פערשטעהן,
ווער און וואס ער איז אליין!!!...

צו וואס די גאנצע שפיעל?

מיט טויזענדער יאהרען צוריק פלעגען מענשען דיענען צו דער זון.

זייערע קליינע מוחות האבען ניט געקענט זוכען א גאט אין דער אונענדליכקייט. זיי האבען געמוזט זעהן מיט די אויגען אן אויסערגעוועהנליכע גרויסע זאך, זיי זאלען עס קענען בעוואונ־דערען, דאן האבען זיי עס געמאכט פאר א גאט.

און ווען מיר נעהמען איין אנבעטראכט דאס גאנצע לעבען פון מענשען, איז גאר קיין וואונדער ניט, וואס מיר זעהען אין דער אלטער געשיכטע אז די זון האט געהאט אזוי פיעל אנהענגער.

מען האט גענומען און ארונטערגעשליידערט א לעבעדיגען מענשען אויף דער ערד און מען האט איהם געזאגט: "לעב און מאטער זיך!".

יעדע חיה, יעדעס בעשעפעניש, יעדע פליעג און יעדע מור־ראשקע אפילו האט פאר זיך אלעס צוגעגרייט, וועהרענד דער מענש דארף שוועהר און ביטער ארבייטען פאר יעדע קלייניגקייט, וואס ער מוז האבען צו דערהאלטען זיין לעבען.

וואס דער מענש איז קלוגער, וואס מעהר פערשטאנד דער מענש האט, אלץ מעהר ליידעט ער, שוין דערפון אליין, וואס ער וואונדערט זיך און קען ניט בעגרייפען צו וואס איז די גאנצע

שפּיעל געמאַכט געוואָרען? צו וואָס האָט מען איהם דאָ אַרונטער־געשיקט? ווער דאַרף איהם? וואָס דאַרף ער זיך אַזוי מאַטערען, אום אַבצולעבען אַ געוויסע צאָהל יאָהרען, און נאָכהער ווידער אַוועק אַהין פון וואַנען ער איז געקומען?

דעריבער איז יעדע שטיקעלע פערגעניגען אויף דיעזער וועלט זעהר טהייער. אַ מאָמענט אין וועלכען איהר האָט פּלעזשור מאַכט אייך עטוואָס זיסער דעם ביטערען רעצעפּט פון לעבען. די סעקונדע אין וועלכער איהר לאַכט און זיינט האַרציג פרעהליך, פערענטפערט אייך אַ שטיק פון אייער פראַגע — "צו וואָס?".

און דאָס איז נאָך מיין מיינונג די אורזאַכע וואָרום מענשען האָבען מיט טויזענדע יאָהרען צוריק פערגעטערט די זון, און האָבען צו איהר געדיענט אַלס צו אַ גאָט.

די זון איז ליכטיג און מאַכט וואַרם צו די מענשען אויף דער ערד. יעדער מענש האָט ליעב ליכט און וואַרימקייט. יעדער מענש וויל האָבען סטיעם, און מען איז שטאַרק בייז אויף אַ לענדלאָרד וואָס וויל קיין סטיעם ניט געבען.

ווען איך שטעל מיר פאָר אין מיינע געדאַנקען דעם גהינום, אָדער אַפילו בלויז דעם קבר, ווייזט זיך מיר אויס, אַז דאָרט מוז זיין אַ פּלאַץ וואו עס איז שטענדיג קאַלט און פינסטער, און עס פאַלט שוין אַ מאָדנע פּחד אויף מיר!

די ליכטיגע זון שטעלט מיט זיך פאָר "פייער", וואָס מיינט וואַרימקייט און ליכטיגקייט. פריידע און געלעכטער.

איבער אונזערע קעפּ הענגט דער גרויסער פייער־באָל, די זון, וואָס גיט סטיעם און ליכט פאַר דער גאַנצער וועלט. ווען די קליי־נע קערענדלאַך, וואָס ליגען בעגראָבען טיעף אין דער ערד דער־פיהלען נור אַז די זון איז דאָ, איילען זיי זיך גיכער אַרויסצוקומען. די בלומען עפענען זייערע אויגעלעך און קוקען אויף איהר לוסטיג — די פייגעלאַך ווערען פרעהליכער און הויבען אַן זינגען זייערע זיסע מעלאָדיען ווען די זון בעווייזט זיך. און דעם מענשען'ס האַרץ ווערט דאַן אויך ברייטער און פול מיט האָפענונג.

יעדער מענש איז א וועלט פאר זיך אליין, און זיין ליעבע איז די זון, וואס מאכט איהם ליכטיג אין די אויגען אוןווארם אין דער נשמה — וועה איז צו דעם יעניגען איבער וועלכען די זון שיינט קיין מאל ניט און ביי וועמען עס פעהלט די ווארימקייט פון די זוננענשטראהלען. קעלט און פינסטערניש איז א גיהנם. און אונ־גליקליך איז דער יעניגער, וואס לעבט אב אלע זיינע יאהרען ביים נארד פאל, אויף די אייז בערג, וואו עס הערשט אייביגער פראסט און שטענדיגע פינסטערניש.

דער מענש וואס וויל ארייננגיסען זיסע טראפען אין דעם ביי־טערען רעצעפט פון לעבען קען עס טהון, נאר דורך ליעבע.

אויב איהר זייט פערהייראט, צייגט אייער פרוי אזוי פיעל ליעבע, ווי עס איז נאר מעגליך. האט קיין מורא ניט וואס זי וועט זיך פיעלייכט איבערנעהמען, און וועט ביי זיך ווערען שטאלץ. א דאגה אייך. עס איז אזא סחורה, וואס קאסט אייך ניט טייער אין קראם. ליעבע און גוטסקייט איז ווי דער מן וואס די אידען האָ־בען געהאט אין דער מדבר. עס פאלט פון הימעל וויפיעל מען וויל, אבער מען מוז עס דעם זעלבען טאג פערברויכען. בעהאלטען אויף מארגען קען מען עס ניט. עס ווערט געספאילט.

ווען איהר זיינט אין דער היים, ווען איהר געהט אין גאס, ווען איהר זיינט אין געזעלשאפט, ביי א מיטינג אין א סאסייעטי, אדער אין א לאדזש, זשאלעוועט ניט צו צייגען אייער ליעבע און אייער גוטסקייט צו אייערע מיטמענשען — עס איז שטאף וואס שעפט זיך קיינמאל ניט אויס, וואס מעהר איהר געברויכט עס אלץ מעהר קריגט איהר אריין אין אייער נשמה דעם דאזיגען ראדיום וואס מאכט דאס לעבען ווערט צו לעבען.

ווען איהר קומט א היים פון ארבייט, אדער פון ביזנעס, און יעמאנד האט אייך אנגעטרעטען אויף אייערע מאזאליעס, טרייעט ניט אויסלאזען אייער כעס צו אייער פרוי. איהר דארפט אויף א מינוט ניט פארגעסען, אז א פרוי איז אזא סארט בלום, וואס בליהט נור געגען דער שיין פון דער זון. עס ווענדט זיך נאר אין

איך אויב אייער היים זאָל זיין אַ פּאַראַדיז, אַ פּרעטכיגער גאָרטען, מיט פרישע אַראָמאַטנע בלומען, אָדער אַ קאַלטער אייז באַרג, אַ פינסטערער גיהנום, פאַר דער גאַנצער פאַמיליע און פאַר איך אַליין אויך.

אויב איהר זיינט יונג אָדער אַלט, זאָלט איהר אימער האָבען די זעלבע זאַך אין אייערע געדאַנקען, אַז אַ פרוי דורשט אימער נאָך ליעבע און צערטליכקייט, מעג זי אַלט זיין צוואַנציג יאָהר, אָדער זעכציג. דער געפיהל איז ביי איהר אימער דער זעלבער.

מען האָט אונז אַלעמען אַרונטערגעשליידערט פון ערגעץ אויף דער ערד, און מען האָט אונז געזאָגט: לעבט! מיר ווייסען ניט צו וואָס? צו ווען? וואָס דער צוועק איז דערפון? מיר מוזען אַלע זעהן שאַפען יעדע שטיקעל פערגעניגען, וואָס מיר קענען. קיין זאַך איז דאָ פאַר אונז ניט צוגעגרייט. מיר מוזען פאַר אַלעם אַרבייטען און זיך מאַטערען שווער. הייגט וואָס איז די יוז, אַז מיר וועלען נאָך אַליין העלפען מאַכען אונזער שיקזאַל ערגער, טרויעריגער און מעהר פאַרפּלאָנטערט מיט יסורים און עגמת נפש?...

זאָל יעדען טאָג מיט'ן אויפגאַנג פון דער ליכטיגער זון ער־שיינען ביי יעדען דער גוטער וואונש צו פערברענגען דעם טאָג אַזוי, אַז עס זאָל זיין גוט פאַר זיך און פאַר אַנדערע.

דאַרויף וועט איהר קיין מאָל קיין חרטה ניט האָבען, וועה־רענד כעס, שלעכטקייט, און בייזקייט פיהרען אימער צו חרטה.

וואָס אויף יענער וועלט וועט זיין, קענען מיר ניט ווייסען, און וועלען זיך דאָרט פיעלייכט גאָר ניט קענען העלפען צו מאַכען בעסער אָדער ערגער. — אָבער דאָ זיינען מיר די בעלי בתים אי־בער אונז אַליין, און ווי מיר בעטען זיך אויס אַזוי שלאָפען מיר.

גע͏בענשט זאָל זיין דער יעניגער,
וואָס שטעהט אויף יעדען פריהמאָרגען,
און זיין געדאַנק דער ערשטער איז:
מען דאַרף זיך גאָר ניט זאָרגען.

מען דארף ברייננען ליכט און פרייד
אין אלע ווינקלען פון דער וועלט.
און דאס אנפאנגען קען יעדער,
גלייך פון זיין געצעלט.

מען דארף דערצו קיין געלד ניט האבען
הערט מיך אוים זייט מוחל.
אלעס וואס מען דארף דערצו,
איז גוטסקייט און א שמייכעל.

קוקט אויף די שטערען

איהר קענט קיינמאל ניט וויסען ווער און וואס א מענש איז ביז איהר קוקט איהם אויפ'ן שטערען און זעהט איהם, און רעדט מיט איהם פערזענליך.

דער נאמען אליין איז גאר ניט. אלעס אין דער וועלט האט צו טהאן דירעקט מיט'ן מענשען אליין, מיט זיין אייגענע פערזענליכקייט. יעדער מענש איז אן אויסנאהם און א גאנצע וועלט פאר זיך זעלבסט.

איהר קענט געפינען א מענשען'ס נאמען אויפ'ן ריכטיגען פלאץ אין טעלעפאן בוך, אבער זיין נשמה איז דארט ניטא. צו וויסען דעם מענשען'ס נשמה, מוזט איהר זעהן דעם מענשען אליין. לעזען זיין פערזענליכען "עפעס" ביי איהם אויפ'ן שטערען.

אויב איהר זאגט, צום ביישפיעל, אז איהר האט פיינט א גאליציאנער, נארט איהר זיך אליין אב. איהר קענט מארגען זיך בעגעגענען מיט א גאליציאנער און איהם ליעב בעקומען, און ווערען זיין בעסטער פריינד און גוטער ברודער.

ווען א מיידעל זאגט, אז זי וועט קיינמאל ניט חתונה האבען מיט א קורץ־געוויקסיגען מאן, אדער מיט אזעלכען וואס האט רויטע האר, איז עס כמעט אזוי גוט ווי א פאקט, אז איהר מאן וועט זיין קורץ־געוויקסיג, און ער וועט נאך האבען דערצו רויטע האר אויך. איהר אלגעמיינער פרינציפ, אז אלע קורצע און אלע רויטע זיינען טרייף ווי חזיר, אבער "איהר סעם", ער איז אנדערש ווי אלע אנדערע קורצע און **רויטע**.

און דער אמת איז טאקע, אז יעדער מענש איז אנדערש.

געבוירען און געוואקסען צווישען חסידים, האב איך אימער געהערט אז די ליטוואקעס, וועלכע זיינען אלע מתנגדים, זיינען געפעהרליכע מענשען, קאלטע, פערפרוירענע נשמות. נור זיי זיצען איבער דער גמרא און פלעגטען קראנצען פאר'ן רבונו של עולם מיט זייער לערנען. אבער וואס אנבעלאנגט צו מענשהייט, צו רחמנות האבען אויף אן ארעמאן, אדער צו ווייזען אמאל א פרעהליכע און א פריינדליכע מינע צו יעמאנדען, דאס זיינען אלע זאכען פון וועלכע א ליטוואק וויל ניט וויסען. אזוי האב איך געהערט און האב עס געגלויבט באמונה שלימה א צייט מיט יאהרען.

שפעטער, ווען איך בין געקומען אין אמעריקא, און עס איז מיר אויסגעקומען פיעל מאל וואוינען מיט ליטוואקעס צוזאמען, צו פערברענגען מיט זיי צוזאמען, בין איך איבערראשט געווארען צו בעגעגענען צווישען זיי וואונדערבארע ליעבליכע, ווארימע, גוטע און פרעהליכע נשמות. און זיי זיינען ביי מיר איינגעקריצט אין זכרון אלס די בעסטע מענשען וואס איך האב אין מיין לעבען באגעגענט.

איך האב א בעקאנטען אידען, וועלכער איז א קרעדיט־מאן אין א גרויסע, רייכע ביזנעס. האט ער מיר אמאל ערקלעהרט ווי אזוי ער איז זיך נוהג מיט א קאסטאמער, וואס פערלאנגט קרעדיט, צו קענען אבשאצען אויב מען קען איהם טרויען, אדער ניט.

— מיר האבען פערשיעדענע רעיטינג ביכער, — האט ער

מיר געזאגט, — דא אין בראד סטריט און אנדערע סארטען קרע־דיט רעפּארטען, אבער די אלע ביכער איבערצייגען מיך גאר ניט. איך ברענג דעם מענשען אליין אריין צו מיר אין אפיס. איך רעד מיט איהם און קוק איהם אן, איך לעז זיין "עפּעס" ביי איהם אויפ'ן שטערען און דאן ערשט בין איך זיכער צו וויסען אויב איך קען איהם טרויען, אדער ניט.

דאס צייגט, אז אפילו די גרעסטע ביזנעס פאדערט מען זאל זעהן דעם מענשען אליין, זיין פּערזענליכקייט — בלויז צו הערען פון איהם, אדער צו וויסען זיין נאמען איז ווייניג.

איינער האט מיך אמאל ארומגעפיהרט אין זיינע ביזנעס מיר צו צייגען ווי פיין ער האט זיך ארויפגעארבייט אין אמעריקא. ארומגעהענדיג איבער'ן סטאר. האט ער מיר אנגעוויזען מיט דער האנד אויף א געוויסען קלוירק און האט צו מיר געזאגט:

— איהר זעהט דיעזען קלוירק, איך קען איהם ניט ליידען. ער פאלגט ניט מיינע ארדערס, טהוט וואס ער וויל, מאכט א סך טראבעל, איז שרעקליך פויל, און איז ריכטיג דאס געגענטהייל, וואס איך וואלט וועלען ער זאל זיין.

— צו וואס'זשע האלט איהר איהם — האב איך געפרעגט — פארוואס שיקט איהר איהם ניט אוועק?

— וועלל, — האט ער געענטפערט, — עס איז א מאדנע זאך, אט ווי איהר קוקט איהם אן, פערקויפט ער א טאג מעהר וואארע ווי אנדערע דריי קלויקס צוזאמענגענומען. ער טויג צו די קאסטא־מער זיין פערזענליכקייט ציהט צו דעם קאסטאמער — ער איז דער איינציגער קלוירק ביי מיר וואס איז ווערטה צוויי מאל אזוי פיעל ווי די ווידזשעס וואס ער קריגט.

און אלעס ווענדט זיך אן דעם מענשען אליין. יעדער מענש איז אנדערש, און יעדער איינער האט עטוואס אנגעשריעבען אויף זיין שטערען וועגען דעם עפּעס, וועגען דעם אינהאלט וואס גע־פינט זיך אין זיין נשמה.

איהר וועט אפטמאל באגעגענען פון וויטענס א שעהנע, בריי־ליאנטענע מיידעל, מיט רויטע בליהענדע באקען און ערהאבענע דונקעל־בלויע אויגען, מיט א געשטאלט פול מיט צויבער און רייץ, און איהר שטימע איז זיס און אנגענעהם, א פערגעניגען צו הערען ווי זי רעדט, און גראדע זי קריגט ניט קיין בעלן אויף זיך. יעדער איינער, וואס בעקאנט זיך מיט איהר נעהענטער און קוקט אויף איהר מעהר און רעדט מיט איהר מעהר, ציהט זיך צוריק. זיי האבען חתונה מיט אנדערע, איינפאכע מיידלעך, וואס זיינען ניט האלב אזוי שעהן ווי זי, און זי בלייבט זיצען אן אלטע מויד — ווייל אלעס ווענדט זיך אן דער פערזאן אין דעם מענשען אליין, אן דעם געהיימען אויפשריפט וואס געפינט זיך ביי יעדען איינעם אויפ'ן שטערען. פון הערען דעם נאמען, פון דערצעהלען, פון די רעיטינג וואס אנדערע גיבען, קען מען גאר ניט וויסען ביז מען זעהט דעם מענשען אליין, און מען רעדט מיט איהם.

יעדען מענשען'ס פערזענליכקייט איז דאס וואס פלייוואר איז צו אן עפעל. יעדער מענש איז אן אנדער סארט פרוכט, און די פערזענליכקייט פון איהם איז דער טעם. — איהר קענט זיין ווי גוט צו יענעם, אויב אייער פערזענליכקייט נעהמט איהם ניט, איז אומזיסט אייער ארבייט.

פערזענליכקייט, פערסאנאליטעט, איז א בריליאנט וואס מען קען ניט קויפען, און יעדער איינער האט אן אנדער פערזענליכ־קייט, זיין אייגענע.

אין קונסט מאכט עס דעם קינסטלער'ס ארבייט גרויס. אין שרייבען מאכט עס דעם שרייבער שרייבען גוטע זאכען, וואס מען לעזט גערן, אין ביזנעס מאכט עס דעם ביזנעסמאן ערפאלג־רייך. עס איז דער סעקרעט פון פאפולאריטעט אין סאסייעטי: דער מאגנעט אין ליעבע, דער הויפט צוועק פון לערנען און שטודי־רען, און דער עסענץ פון רעליגיאן. אלעס בעאבזיכטיגט צו מאכען די פערזענליכקייט פאלקאמען. ס'איז דער גרויסער "עפעס", וואס מען קען ניט אנטאפען נור מען קען עס פיהלען, אזוי שנעל ווי

מען קוקט אויף יעמאנדען, און מען רעדט מיט איהם א פאר ווער־טער.

און מעג דער מענש פערמאגען אלע אוצרות פון דער וועלט, אויב ער בעזיצט ניט קיין פערסאנאליטעט איז ער גאר ניט ווערטה.

איהר זאלט קיינמאל ניט אין לעבען
טרייען אייער אורטהייל געבען,
בלויז פון הערען אליין —
איהר מוזט דעם מענשען זעהן,
לעזען גוט זיין שטערען,
און זעהן דאס געהיימע ווארט "עפעס" דארט.

שלעכטע געדאנקען.

די גרעסטע זינד פון אלע זינד איז ארומצוגעהן מיט שלעכטע געדאנקען, און קוקען אויף אלעס מיט שלעכטע אויגען.

עס איז א גרויסע זינד צו דענקען, אז אלעס איז שקר וכזב, אז די גאנצע וועלט טויג אויף כפרות. אז קיין פיינער מענש איז גאר אויף דער וועלט ניטא, און אז יעדער איינער איז גנב גזלן און בלאף, מעהר ניט.

עס איז א גרויסע זינד צו דענקען, עס זיינען גאר ניטא קיין מענשען מיט פיינע, עדעלע געפיהלען און גרויסע אידעען, און געהן מיט'ן גאנג אז יעדער איז נור פערטאן אין דער פראגע פון פרע־סען און זויפען, און מעהר ניט.

עס איז א גרויסע זינד צו דענקען, אז דער לאיער און דער דאקטאר, און דער שרייבער, און דער רב, און דער מגיד, און דער שטאאטסמאן, און דער סוחר, און דער ארבייטער, זיינען אלע א באנדע בלאפערס, וואס יאגען זיך נאך דעם דאלאר, מעהר ניט.

אויב עס געהן צוזאמען א קעשענע־זייגעריל, א וואנד זייגער און א פויק, הערט איהר בלויז דאס בארבאנען פון דעם פויק.

סטאפט דאס בארבאנען פון דעם פויק, ווערט איהר הערען דעם טיק־טאק פון דעם וואנד־זייגער. סטאפט דעם וואנד זייגער, ווערט איהר הערען די וואטש.

ווען איינער ליקענט אב און זאגט, אדער ער דענקט, אז אין לעבען עקזיסטירט גאר ניט קיין פיינערע קלאנגען ווי דאס טאראַבאנען פון דעם פויק, איז בלויז א סימן אז ער הערט זיי ניט. דער טאראראם און דער רויש פונ'ם פויק האט פערטויבט ארום איהם די עדלערע קלאנגען.

איך האב אמאל געשילדערט אין מיינעם א ראמאן א בילד פון א פיינעם באַי, וועלכער איז געוואקסען און ערצויגען געווארען אין א קליינעם ווילעדזש. מיט אמאל איז איהם דאס דארפישע לעבען נמאס געווארען, און ער איז געקומען אין ניו יארק זוכען גליקען. ער האט געוואלט פערזוכען דעם טעם פון דעם גרויס שטעדטישען לעבען. דער סוף איז געווען, אז אין ניו יארק איז ער געווארען א גנב, א טרעמפ, א שיכור, און גראדע האט אמאל פּאַסירט, אז געהענדיג א שיכור'ער, אבגעריסען און אבגעשליסען אי־בערן גאס, האט ער זיך באגעגענט מיט זיין אמאליגער געליעבטער, די סקול טיטשערין פון זיין ווילעדזש, וועלכע איז געקומען מיט א בעזוך אין ניו יארק. אנשטאט פון איהם צו אנטלויפען, איז זי צוגעגאנגען צו איהם נעהענטער און האט צו איהם געלאסען גע־זאגט:

— ווען דיין שלעכטער וועג, וואס דו האסט זיך אליין אויס־געקליבען ווערט דיר נמאס ווערען; ווען דו וועסט זיך צוריק־קעה־רען פון דיין יעצטיגער אויפפיהרונג, אזוי, אז דו וועסט זיך שעה־מען פאר זיך אליין צו טראכטען אפילו וועגען אזא פערגאנגענ־הייט, — דאמאלס קענסט דו קומען צוריק צו מיר. נאטירליך, איך קען דיך שוין מעהר אזוי ניט ליעב האבען, ווי איך האב דיך אמאל געליעבט. אבער איך ליעב דיך. איך בין א פרוי וואס קען נור ליעב האבען איין מאל. דיין פלאץ קען מעהר קיינער ביי מיר אין הארצען ניט פערנעהמען.

און דער צו־וועהטאָגטער, צושמעטערטער, געפאַלענער יונגער מאַן, האָט דאַן אויסגערופען מיט אַ ריהרענדער שטימע:

— איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז עס זיינען דאָ אַזעלכע פרויען!....

אַזוי זיינען מיר אַלע. מיר ווייסען ניט אַז נאָהענט צו אונז און אַרום אונז געפינען זיך שעהנע, ערהאַבענע, געטליכע נשמות. מיר ווייסען ניט אַז זיי געהן איבער'ן גאַס ווי קלאָרע, ריינע, ווייסע מלאכים. מיר ווייסען ניט, אַז נאָהענט נעבען אונז געהען פיעלע וואָס פיהרען אַ שטילען, אַ ניצליכען אָבער אַ הויכען סאָרט לעבען, וואָס איז צום בעוואונדערען. מיר רייבען זיך כמעט איין זייט אין דער צווייטער מיט אַזעלכע מענשען, וואָס ווען דער פויק וואָלט ניט געמאַכט אַזאַ טומעל, וואָלטען מיר געקענט הערען ווי אַ בת־קול פון הימעל רופט אויס: "טהו אוים די שיך פון דיינע פיס, ווייל דער פּלאַץ אויף וועלכען דו שטעהסט איז הייליגע ערד!".

דער פויק!... ער קלינגט אין די צייטונגען: מערדערייען, רציחות, האָלד־אָפּס, סקאַנדאַלען, פאַמיליען לעסטערונגען, גרעפט פּאָליטישענס, א. ז. וו.

און מיר הערען גאַנץ וועניג פון דעם ריכטיגען לעבען פון מענשען וואָס געהן זיך גאַנץ שטיל אויפ'ן גאָלדענעם וועג פון גע־רעכטיגקייט, ליעבע, און אמת. ווייל זיי געהען ווי דער טיק־טאַק פון דער וואַטש.

דער פויק!... ער באַרבאַנעט און פערטויבט דעם אויער מיט זיינע משונה'דיגע קלאַנגען. קלאַנגען פון בלוט־דורשטיגקייט אין יוראָפּ. אָבער דאָס איז ניט אַלעס וואָס קומט דאָרט פאָר. איהר קענט ניט הערען דאָס שטילע קלאַפּען פון דעם זייגער, וואָס קומט דאָרט אַלץ נעהענטער און נעהענטער צו אַ בעסערער צוקונפט.

דער פויק!... ער באַרבאַנעט אין שטאָדט, עס קלאַפּען דיא עלעווייטערס, עס רוישען די סטריט קאַרס, עס לויפען די אָטאָ־מאָבילען, די עקספּרעסען, דאַכט זיך אַלעם רוישט און טאַראַראַמט, ווי מען וואָלט זיין אין אַ יאַגד, און יעדער יאָגט זיך עפּעס צו כאַ־פּען, עפּעס צו פערצוקען. אָבער איהר קענט ניט הערען דאָס שטילע קלאַפּען פון די טויזענדע און טויזענדע נאָבעלע הערצער,

וואס מארקען די צייט צו פליכט, צו גוטע לייסטונגען פאר דער אלגעמיינער מענשהייט.

דער פויק!... איהר הערט דעם טאראראם אין די צייטונגען וועגען פאמיליען סקאנדאלען. אבער מיר הערען ניט די שטילע ערהאבענע מוזיקאלישע טענער פון ליעבע און לאיאליטעט. מיר הערען ניט די זיסע קלאנגען פון וואהלטהאט, פון מענשען וואס אפפערען זייער לעבען פאר אנדערע, פון מענשען וואס זיינען מקריב זייער גאנצען עקזיסטענץ פאר גרויסע אידעען. און מיר דענקען אז אזעלכע מענשען זיינען גאר ניטא צווישען אונז.

דער פויק פערטויבט אפילו אייער אייגענעם מארך. דאס ביליגע באראבאנען פון קליינליכע זאכען, פון שטאלץ און האס און קאמפף, מאכט אז איהר ווייסט גאר ניט וויפיעל גוטעס אין אייך אליין געפינט זיך, וואס איהר וואלט געקענט אויסניצען אין אייער לעבען.

סטאפט דעם פויק! סטאפט דעם וואנד זייגער! הערט צו דער וואטש! זעצט זיך אמאל אוועק איינער אליין אין אייער צימער, ווען עס איז גאנץ שטיל און רוהיג, און הערט זיך צו, צו אייערע אייגענע געדאנקען. איהר וועט דאן הערען ווי דורך א ראדיא אפאראט, וואונדערליכע זאכען פון דער גאנצער וועלט, פון אלע מענשען וואס געפינען זיך ארום אייך, און פון אייך אליין אויך.

אלע גרויסע מענשען האבען,
דאס שוין לאנג פערשטאנען,
אז גוטע זאכען קומען
נימאלס פון די באראבאנען.

לאנגזאם ווערט פראגרעס געשאפען,
אהן ליארמס, אהן געשרייען,
שטיל און רוהיג, טיק ביי טיק,
ווי די וואטשקעס געהען.

אייביגע סודות

טויזענדע און טויזענדע ביכער ווערען געדרוקט טאג־טעגליך. די מאדערנע דרוק־מאשינען ארבייטען ווי די טייוואלים און געבען ארויס צעהנדליגע מיליאנען צייטונגען עטליכע מאל אין טאג. אין די דאזיגע אלע ביכער און צייטונגען דערצעהלט מען אונז, דאכט זיך, אלעס אין דער וועלט. עס ווייזט זיך אונז אויס, אז מען לאזט ניט דורך די מינדעסטע זאך, וואס מען זאל אונז ניט דער־צעהלען.

אבער עס הויבט זיך גאר ניט אן! פון די זאכען וואס מען דערצעהלט ניט, וואלט געקענט זיין א סך מעהר ביכער און מעהר צייטונגען ווי פון אלעס וואס מען דערצעהלט אונז יא.

ניט אלעס וואס דער דענקער דענקט שרייבט ער אן אויפ'ן פאפיער. ער טראכט אפט וועגען אזעלכע זאכען, וועגען וועלכע ער שעהמט זיך פאר זיך אליין. יעדער שרייבער וואלט געקענט שרייבען גאנצע ביכער פון זאכען און פאסירונגען, וואס ווערען פערשוויגען און בעגראבען לעולם ועד, אז קיין לעבעדיגער מענש אין דער וועלט זאל דערפון ניט וויסען.

דיעזע ביכער וואלטען געווען גראדע אינטערעסאנט, אבער זיי בלייבען ניט געשריעבען און די געדאנקען שטארבען אפ מיט די שרייבערס צוזאמען.

די וועלט דענקט וועגען גרויסע מענשען, ווי וועגען מלאכים, אז זיי שוועבען אימער ארום אין די הויכע וועלטען, אז זיי חבר'ען זיך נור מיט דער זון, מיט דער לבנה און מיט די שטערען, און אז זיי האבען גארניט צו טהאן מיט אונזער נארישען וועלטעל דאוו סטעירז. אבער, ווען אט די דאזיגע מלאכים וואלטען אויפגע־שריעבען די אלע זאכען וואס זיי שעהמען זיך פאר זיך אליין צו רעקארדען, וואלט די וועלט געזעהן אז א מענש איז א מענש,

בלוט און פלייש, יצר טוב און יצר הרע, און וואָלטען פערשטאַ־נען, אַז אַזוי איז עס, עס קען אַנדערש ניט זיין. קיין אירדישער מענש קען די נאַטור און דאָס לעבען ניט איבערמאַכען.

די לעגענדע דערצעהלט אונז וועגען גרויסען דענקער און פי־לאָזאָף סאָקראַטוס, אַז ווען ער האָט געדאַרפט שטאַרבען, און האָט פערשטאַנען, אַז זיינע שטונדען זיינען געצעהלטע, האָט ער געבעטען מען זאָל אריינשיקען צו איהם אין צימער זיינע תלמידים, ער האָט עפּעס זיי אָנצוזאָגען פאַר׳ן טויט.

זיין וואונש איז ערפילט געוואָרען. די תלמידים זיינען גע־קומען, און ער האָט זיי געהייסען פערשליסען די טיר, זיין פרוי און קיינער פון זיין פאַמיליע זאָלען ניט קענען אריינקומען ווען ער וועט מיט זיי האָבען די לעצטע קאָנפערענץ איידער ער שטאַרבט.

די תלמידים האָבען איהם געפאָלגט, יעדעס וואָרט פון זייער גרויסען לעהרער איז ביי זיי געווען הייליג, און זיי האָבען די טיר פערשלאָסען.

און מיט דער גרעסטער אויפמערזקאַמקייט האָבען זיי צוגע־בויגען זייערע אויערען צו הערען זייער גרויסען לעהרער׳ס לעצטע ווערטער, איידער ער שיידט זיך פון זיי אָב פאַר אימער.

און דאָס איז וואָס ער האָט צו זיי געזאָגט:

— מיינע טהייערע תלמידים, איך געה שטאַרבען. איך וויל קומען אויף דער אמת׳ער וועלט מיט אַ ריינער נשמה און אַ ריינעם געוויסען, אַז איך האָב דאָ קיינעם קיין שלעכטס ניט געטהאָן, און קיינעמס אַ פּעני ניט פערנומען, דעריבער וויל איך פון אייך, אַז איהר זאָלט מיר פערשפּרעכען איהר זאָלט אריינגעהן צום שוס־טער וואָס וואָהנט דאָ באַלד אויפ׳ן קאַרנער און איהם בעצאָהלען אַ קוואָדער וואָס איך בין איהם שולדיג אַז אַלטען חוב. דער חוב איז מיר ערשט ביינאַכט אויף די געדאַנקען געקומען, און איך האָב ספּעציעל געשיקט נאָך אייך, אייך אָנזאָגען, אַז איהר זאָלט דערצו אַטענדען.

די תלמידים זיינען גלייך אַרויס אין סטריט און האָבען די

געשיכטע צופויקט איבעראל. עפּעס א קליינינקייט וואס פאר א גרויסער מענש דאס איז! אז פאר׳ן טויט האט ער אין זינען צו בעצאהלען דעם שוסטער א קווארדער, אום ער זאל קומען אויף יענער וועלט מיט א ריינעם געוויסען!....

ענדליך איז דיעזע נייעס אנגעקומען צו זיין פרוי, האט זי זיך שטארק צולאכט.

— א גרויסער מענש, און דאך ניט מעהר ווי א מענש, האט זי געזאגט. זיין מח מעג טאקע פיעלייכט זיין אויפ׳ן הימעל, אבער ער אליין איז אויף דער ערד, גלייך מיט אלע קליינע מענשעלאך, וואס גלייבען אביסעל אונטערצובלאפען, אום זיך אויסצופיינען פאר לייטען. ניט אומזיסט האט ער ניט געוואלט איך זאל אריינקומען ווען ער האט מיט זיי געהאט דעם קאנפערענץ, ווייל איך אלס זיין פרוי, קען איך איהם דאך גוט, בעסער ווי די גאנצע וועלט קען איהם, און ווען ער וואלט מיר דערצעהלט א געשיכטע מיט בעצאהלען א קווארדער דעם שוסטער, וואלט איך זיך געוויס ניט געקענט איינהאלטען, און וואלט איהם געזאגט: וואס האסטו זיך עפּעס גראדע דערמאהנט נאר אין דעם שוסטער, מיין טייערער בלאפער, דו ביזט שולדיג אין די סאלונען א סך מעהר, פאר וואס דערצעהלסטו דאס ניט צו דיינע תלמידים?...

אבער ניט דאס בין איך אויסען. איך וויל אייך בלויז זאגען, אז וויפיעל מען דרוקט צייטונגען און ביכער בלייבט נאך אלץ פיעל מעהר ניט דערצעהלט און ניט רעקארדעט; וואס וואלט פיעלייכט געווען פיעל מעהר אינטערעסאנט ווי די אלע זאכען וואס מען דערצעהלט אונז יא.

די גרויסע מענשען, די דענקערס, די פילאזאפען אונזערע, זיינען ווי די שטערען. מיר זעהען פון דער ווייטענס, אז זיי שיינען, זיי לייכטען, אבער וואס איז אין זיי, דאס ווייסען מיר ניט, קיינער שיקט אונז ניט קיין קארעספאנדענציעס פון דארטען.

דאס ניט געזאגטע פערנעהמט מעהר פלאץ אין דער וועלט

ווי דאָס געזאָגטע, און מיט די אַלע ביכער און צייטונגען וואָס מיר האָבען, בלייבט פאַר אונז די וועלט דאָך אימער פול מיט אייביגע סודות.

די גרויסע ימים וואָס רינגלען ארום די וועלט זיינען פול מיט לעבענס. פיעל מעהר לעבענס געפינען זיך אין די וואַסערען ווי אין אונזער לופט. דאָך שטעהט צווישען אונז און זיי אַן אייזערנע וואַנד, און מיר הויבען ניט אַן צו וויסען ווי אַזוי יענע לעבענס פיהרען דאָרט אַן זייערע ביזנעס.

מיר ווייסען ניט וואָס דיינקט אַ פייגעלע? וואָס טראַכט דער אַדלער? וואָס מען זאָגט אונז ניט, ווייסען מיר ניט. און עס זיינען דאָ זעהר פיעל זאַכען וואָס גרויסע בענשען ווייסען און זאָגען ניט.

און ניט נאָר גרויסע, אַפילו געוועהנליכע מענשען, ווי איך און איהר, האָבען אין אונזער עראינערונג אַזעלכע זאַכען, וואָס מיר האָבען קיינמאָל ניט דערצעהלט און וועלען עס קיינמאָל ניט דערצעהלען. עס זיינען דאָ מענשען וואָס לעבען אַפּ צוזאַמען זייערע יאָהרען, עסען פון איין שיסעל, שלאָפען אין איין בעט, און די סודות פון זייער נשמה בלייבען פיר אימער פערבאָרגען און בעהאַלטען איינס פון אַנדערען, און זיי שטאַרבען ביידע מיטנעהמענדיג מיט זיך זייערע סודות אין קבר.

אונזער לעבען איז אַ וועג אין וועלכען עס לויפען טראַליקאַרס, עלעוויי טערס און סאָבוויים. מיר זעהן אָבער נור די טראַלים. מיר זיינען צו קליין ארויפצוקוקען אויף די עלעוויי טערס און צו גרוים ארונטערצוקוקען אין די סאָבוויים.

און מיר ווייסען בלויז אַ דריט־חלק פון אַלעס וואָס רינגעלט אונז אַרום, דאָס איבעריגע בלייבען פאַר אונז אייביגע סודות.

מיר ווייסען ניט דעם קאַמפּף אַפילו
וואָס יעדער האָט מיט זיך אַליין
אום צו האַלטען זיין נשמה
אומבעפלעקט און ריין.

ווענמען איז בעסער ?

די טהעאָריע אַז אַלע זיינען בעשאַפען געוואָרען גלייך, הינקט אַביסעלע צו. קיין צוויי גלייכע מענשען זיינען אויף דער וועלט ניטאַ, מיינער אַ בעקאַנטער דענטיסט האָט זיך אַמאָל שטאַרק גע־קלאָגט דארויף, וואָס אַז ער מאַכט פאַר איינעם אַ סעט ציינער, און יענער שטאַרבט אין מיטען דרינען, האָט דער סעט ציינער קיין שום ווערטה ניט, ווייל עס זיינען ניטאַ קיין צוויי מענשען אויף דער וועלט, וואָס מען זאָל זיי קענען צופּאַסען איין סעט ציינער. דאָס איז אַ בעווייז, אַז די מענשען זיינען ניט בעשאַפען געוואָרען גלייך.

איי עס שטעהט דאָך אַזוי אין דער קאָנסטיטושאַן פון דיא פעראייניגטע שטאַאַטען ? תיקו, בלייבט אַ קשיא !

איך האָב אַ גוט־בעקאַנטע פּאָר־פאָלק, אַ מאַן מיט אַ ווייב הייסט עס, וואָס זיי האָבען מיך פאָלשטענדיג איבערצייגט, אַז מענשען זיינען ניט בעשאַפען געוואָרען גלייך.

דער מאַן איז גוט אָב, ווייסט ניט פון דאגות פרנסה. האָט זעהר פיינע קינדער. ער וואָלט געקענט לעבען און לאַכען, וויא גאָט איז פראַנקרייך, ווען ער זאָל נור וועלען, דאָך איז ער שטענ־דיג פערזאָרגט, פערטראַכט, פערטיעפט אין טרויעריגע מחשבות, ווי ער וואָלט קלאָגען אויף גלות השכינה.

— געוואַלד, טענה איך מיט איהם, ווי קומט צו אייך אַזוי פיעל מרה שחורה ? פאַר וואָס זאָלט איהר ניט זיין פרעהליך ? פאַר וואָס זאָלט איהר ניט לעבען, אַז איהר קענט ?

און מיט אַ ניגון פון "איכה ישבה" פאַנגט ער גלייך אָן צו אַרגומענטירען :

— וואָס זאָל איך זיין פרעהלאַך ? וואָס איז מיט מיר די שמחה ? וואָס איז גאָר דער מענש אין גאַנצען פאַר אַ מיוחס ? די גאַנצע וועלט איז ניט ווערטה אַ שמעק טאַבאַק ! פון דער מי־

נוט אז וואס מען ווערט געבוירען, ביז דער סעקונדע ווען מען ליגט ארויף די שערבלאך אויף די אויגען. טרינקט מען זיך רק אין צרות און אין וועהטאגען. ענטוועדער מען איז אליין קראנק און ארים, אדער מען זעהט ארום זיך קראנקע און ארימע, פון וועלכע דאס הארץ ווערט אין שטיקער צובראכען.

"דיא וועלט בעשטעהט אין גאנצען פון נארעריי. איהר נארט זיך און יענעם, און יענער נארט זיך און אייך. איהר נארט זיך אב אין אייערע אייגענע קינדער, איהר געפינט אויס, אז זיי זיינען פאלש. איהר נארט זיך אב אין אייער אייגענער פרוי. איהר נארט זיך אב אין דער גאנצער וועלט. א וועלט מיט מענשען, און איהר זיינט עלענד ווי א שטיין. דער "גוט מארגען" וואס מען זאגט אייך איז פאלש. דער שמייכעל מיט וועלכען א בעקאנטער באגעגענט אייך איז פאלש. אלעס איז געמאכט, געקינצעלט, גע'מלאכ'ט. איהר נארט אלע און אלע נארען אייך.

"איהר רעדט פון עהרליכקייט, איהר לעזט פון גרויסע מענשען, מיט וועלכע עס קאכט א וועלט, עס ווילט זיך אייך קריכען אויף די בערג, קלעטערען ביז'ן הימעל צו ווערען אזוי גרויס וויא יענער גרויסער. איהר ברעכט זיך רוק־און־לענד, ביז עס געלינגט אייך ענדליך קומען אהין, און שטעהן צוזאמען מיט די גדולים — איהר זעהט זיך ארום, א ביטערער טעות! ניט דאס וואס איהר האט געמיינט. דיא וועלט איז פול מיט קליינע פליעגען דאס אלעס. שלעכט, קליינליך, פערדארבען, ווי בערעל און שמערעל און יאנקעל און זעליג — קיין אונטרשיעד, אביסעלע מעהר ערגער, אביסעלע ווייניגער ערגער — שלעכט זיינען אלע.

"איהר געפינט פערדארבענהייט אין סטאר, פערדארבענהייט אין שול, פערדארבענהייט אין הויז, פערדארבענהייט אין דרויסען, פערדארבענהייט ביים בית דין, פערדארבענהייט אין קאורט — אלעס איז שלעכט, קליינליך, פאלש. היינט וואס איז דיא שמחה מיט'ן מענשען?....

דאס איז די פילאזאפיע פונ'ם מאן.

זיין פרוי ווידער איז שוין גאר א גאנץ אנדער מענש, פול מיט לוסט און לעבען. ווען איך האב געגומען מיט איהר רעדען, האט זיא מיט הארציג געלעכטער מיר ערקלערט, אז איהר פילאזאפיע אין לעבען איז גאנץ אנדערש וויא דיא פילאזאפיע פון איהר מאן.

— איך קוק אויף דער וועלט מיט אנדערע אויגען־גלעזער ווי מיין מאן. ביי איהם זיינען דיא אויגען־גלעזער דונקעל, שווארץ, און אלעס וואס ער זעהט ווייזט זיך איהם אויס ריכטיג אזא קאליער וויא די גלעזער. מיינע גלעזער זיינען וויים, קלאר, ריין, לויטער און אלעס שיינט מיר ליכטיג און שעהן.

"איך זעה א שעהנע א ליכטיגע וועלט. א לעבען וואס איז זים און פול מיט פערגעניגען. א שעהנע זון, בריליאנטענע שטערען, פראכטפאלע בלומען. אלעס געשאפען פון דער נאטור צו פערזי־סען דעם מענשען זיין לעבען. ווען דער מענש ווערט נור געבוירען ווערט ער גלייך עמפפאנגען מיט פרייד און מיט ליעבע פריינד־ליכקייט, פון עלטערען און אפילו פון בעקאנטע. און אפילו ווען ער שטארבט בעגלייט איהם הארציגע סימפאטיע פון פריינד און בעקאנטע, וואס קומען איהם אבגעבען זיין לעצטע עהרע, טראץ דעם וואס זיי ווייסען פאזיטיוו אז דער טויטער וועט זיי אפילו ניט זאגען א דאנק דערפאר. דאס צייגט וויא ווייט מענשען זיי־נען נאבעל און גוט און פריינדליך איינער צום אנדערען.

"ווען איינער איז קראנק קומען פריינד איהם מבקר חולה זיין, און ווענדען אן אלע קרעפטע איהם צו טרייסטען און פערלייכ־טערען דיא שמערצען. ווען איינער איז ארים געפינען זיך הונדערטע גוטע מענשען וואס לויפען אין פייער און אין וואסער איהם צו העלפען אין זיין נויטה. עס מעג זאגאר זיין א ווילד פרעמדער, וואס מען האט איהם קיינמאל בעפאר ניט געזעהן. היינט ווי אזוי זאל מען ניט זיין פרעהלאך, אז מען זעהט אזוי פיעל פריינדליכ־קייט און ליעבליכקייט, און אזוי פיעל גוטהערציגקייט אויף יעדען טריט און שריט ?

"היינט וויפיעל נאבעלע עהרליכקייט מען בעגעגענט איבעראל! עס זיינען דא מאסען מענשען וואס געבען אוועק זייער לעבען פאר

א צווייטען! וואס מעהר איך בעטראכט דיא שעהנע וועלט, אלץ ליעבער ווערט ביי מיר די מענשהייט! אזוי פיעל מיליאנען מענשען אויף דער וועלט און אזוי וועניג פערדארבענע צווישען זיי, אז מען קען זיי איבערצעהלען אויף דיא פינגער, און דאס ביסעל שלעכטע וואס זיינען דא זיינען אויך שולדיג מעהר אין דעם זייערע שלעכטע אומשטענדען. איך געפין עהרליכקייט איבעראל, הייגט ווארום זאל זיך ניט וועלען לעבען און געניסען אלעס איז אזא וועלט, וואס איז פול מיט פערגעניגען זומער און ווינטער, הערבסט און פריהלינג, ביי טאג און ביי נאכט!?!

וויא איהר זעהט, האט איהר דא פאר אייך צוויי מענשען וואס זייער בליק אויפ'ן לעבען איז אזוי ווייט און פערשיעדען איינער פון אנדערען, ווי פון מזרח ביז מערב. און געוויסער מאסען האבען דאכט זיךביידע רעכט.

אבער ווען איז בעסער? און וועלכע פילאזאפיע איז א בעסערע?

גרויס איז דיא פרוי און געבענשט איז איהר פילאזאפיע!... ניט נור אין איהר טהעאריע פאר איהר אליין בעסער, און געזונדטער, נאר עס איז אויך בעסער און געזונדטער פאר דער גאנצער געזעלשאפט, ווייל א קלאג־מוטער מאכט אומעטיג, פערשטעלט דיא זון און פערשטערט דאס לעבען פון יעדען איינעם, וועהרענד דער וואס לעבט אליין פלאנצט אויך איין פרייד און לעבען אין יעדען מיט ווען ער קומט אין בעריהרונג.

און כל זמן שהנשמה בקרבו, איז דאך ניטא קיין בעסערע זאך וויא צו טראגען ליכטיגע אויגען־גלעזער!

געדאנקען.

האט איהר ווען א טראכט געטהון וועגען די מערקווירדיגע פערגעניגען וואס א מענש האט פון טראכטען?

ווען אלעס ארום אייך איז שטיל און רוהיג, עס הערט זיך מעהר ניט ווי דער טיק פון זייגער, און איהר זיצט זיך גאנץ אליין אויף א ראקינג־טשער פערטיעפט אין מחשבות, זעהט איהר דאן פאר אייערע אויגען וואונדערבארע מאווינג פיקטשורס פון דער גאנצער וועלט.

אהן שיפען, אהן טריינס, אהן קארס, און אהן אטאמאביי־לען, בערייזט איהר אין איניגע מינוטען דעם גאנצען ערד־קוגעל. אט זענט איהר אין קראקוי, באלד זענט איהר אין לעמבערג, אין א מאמענט כאפט איהר זיך אריבער נאך פעטראגראד, אדעס, מאסקווע, אדער ירושלים. אין די געדאנקען איז די גאנצע וועלט אייערע. טראכטענדיג, קריגט דער מענש פליגעל ווי א מלאך און ער פליהט ארום איבער ימים און יבשה, איבער פעלדער און וועלדער, איבער שטעדט און דערפער און איבער פערשיעדענע לענדער.

וואונדערבאר איז די וועלט פון געדאנקען.

אין דער געוועהנליכער וועלט קענען מיר ניט זיין אויף עט־ליכע פלעצער מיט אמאל, מיט אונזערע געוועהנליכע אויגען קע־נען מיר נור זעהן זאכען וואס עקזיסטירען יעצט. אויף עטליכע פלעצער, אי דא, אי דארט מיט אמאל קענען מיר קיינמאל ניט זיין. און מיר קענען ניט זעהן מיט אונזערע געוועהנליכע אויגען, ניט די פערגאנגענהייט און ניט די צוקונפט, וועהרענד אין דער געדאנקען וועלט איז אונזער אויג אזוי שארף, ווי די געגענווארט, און די צוקונפט ריכטיג ווי די פערגאנגענהייט.

די ווערטער "ווייט„ און "צייט" זיינען גאר אין גאנצען ניטא

אין דער גערׂאנקען וועלט. מיר רעדען מיט לעבעדיגע, מיר שמועסען מיט טויטע, מיר הערען שטימען פון מענשען וואס געפינען זיך טויזענדע מיילען ווייט פון אונז, און שטימען פון אזעלכע וואס זיינען שוין יאהרען לאנג טויט.

ווי שעהן, ווי געטליך, ווי גרויס עס איז די געדאנקען וועלט!

אין דער געדאנקען־וועלט זעהען מיר די גאנצע געשיכטע פון יציאת מצרים. מיר זעהען פרעה'ן, מיר זעהען משה'ן, מיר זעהען ווי דאס אידישע פאלק מאטערט זיך און ארבייט שווער, בויענדיג אייביגע הויכע פיראמידען פאר א ווילדען קעניג, וואס איז געווען ארומגערינגעלט מיט א חברה שווינדלערס, מכשפים, ניט ער ניט זיי האבען שוין פון וואוילטאג געוואוסט וואס צו טהון.

אין דער געדאנקען־וועלט זעה איך ווי די אידען וועלכע קנעטען ליים, און מאכען ציגעל, און בויען פיתום מיט רעמסס, שטעהען נעבאך און טראכטען עד מתי? ביז וואנען איז דער שיעור צו בויען פאר אנדערע?

אין דער געדאנקען־וועלט זעה איך ווי די מכשפים און פרעה האלטען אב די ערשטע קאנפערענץ וועגען דער אידען־פראגע. די ערשטע אידען פראגע אין דער וועלט געשיכטע.

פרעה זיצט און כליאפטשעט איין בעכער ווייז נאכ'ן צווייטען, און ווערט אלץ ווילדער און ווילדער, און זיין קאבינעט פון מכשפים טהוען דאס זעלבע, און די קאנפערענץ ווערט ערעפענט.

— איך האב אייך גערופען מיט אייך זיך צו בעראטען, ערקלעהרט דער שטארקער און מעכטיגער הערשער, וואס צו טהון מיט די אידען? זיי ווערען שוין צו גרויסע חכמים און מיר דארפען זיי מעהר יעדענפאלס ניט האבען. עגיפטען איז שוין גרויס און שטארק און רייך און מעכטיג גענוג. די שווערסטע ארבייט וואס איז געווען צו טהון צו מאכען אונזער לאנד גרויס, האבען זיי שוין אפגעטהון, און יעצט קענען מיר זיך שוין זעהר גוט בעגעהן אהן זיי. ווער דארף זיי? לאמיר זיי ארויסטרייבען פון אונזער לאנד. וואס איז אייער מיינונג דאריבער, מיינע טהייערע מכשפים?

און דער עלטסטער מכשף, איך זעה איהם אַ לעבעדיגער פאַר מיינע אויגען אין די געדאַנקען, אַ שוואַרצען פּנים און אַ שוואַרצע נשמה, האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט געברומט מיט אַ שטימע פון אַ ווילדע חיה: — גרויסער מעכטיגער און גוטער קעניג! פון גאָט געזאַלבטער הערשער! דיין פּלאַן איז צו גוט פאַר די אידען, וואָס האָבען די לעצטע צייט אונז אָנגעפאַנגען צו פיעל צו באַדער־רען פיר פרייהייט, שמייהייט, און נאָך אַזעלכע זאַכען, וואָס מיר קענען עס ניט הערען און ווילען עס ניט הערען. מיין פּלאַן וואָלט זיין, גנעדיגער קעניג, אַז די אידען וואָס מיר האָבען יעצט זאָלען בלייבען ווייטער שקלאַפען ווי ביז יעצט, נור מיר זאָלען אַנשטע־לען שטרענגערע וועכטער — אָבער קיין נייע זאָלען מיר ניט אריינ־לאָזען, יעדער זכר וואָס וועט קומען זאָלען מיר איהם גלייך אין וואַסער אריינוואַרפען, און אַ סוף!...

— אויסגעצייכענט, אויסגעצייכענט! האָט פּרעה צוגעגעבען, און אַלע קאַבינעט מעמבערם האָבען איינגעשטימט אויף דער גרוי־סער אידעע — געבוירען אַ איד, וואַרף איהם אריין אין וואַסער און פּטור! געסעטעלט די אידען פראַגע אויף אַ לייכטען און איינ־פאַכען וועג...

און איך זעה ווייטער אַ גאַנצע רייהע בילדער פאַר מיינע אוי־גען, ווי עס שטעהט אויף אַ משה, און איהם געפעלט ניט די גע־שיכטע, אַז שוואַרצע נשמות זאָלען הערשעווען איבער אַ גאַנץ פאָלק. אַז אַ גאַנץ פאָלק זאָל אימער שקלאַפען פאַר פרעמדע, און צו יעדער צייט, זאָל איהם יענער קענען אַרויסטרייבען אָדער נעה־מען און וואַרפען זיינע קינדער אין וואַסער, און ער זאָל זיין אימער אַבהענגיג אין דעם קעניג׳ס קאַפּריזען. וויל ער לאָזט ער איהם לעבען, וויל ער ניט טרייבט ער איהם אַרויס.

און משה האָט געהאַט אַ שווערען קאַמפּף דורכצומאַכען, פריהער מיט די אידען אַליין און נאָכהער מיט פּרעה׳ן.

איינגעטונקען אין פינסטערע שקלאַפעריי יאָהרען און יאָהרען לאַנג, האָבען די אָרימע אידען נעבאָך גאָר קיין בעגריף ניט גע־קענט האָבען, וואָס עס מיינט די בעקוועהמלכקייט פון האָבען אַ

אייגענע היים, און פון זיין אַן אייגענער באַלעבאָס איבער זיך אַליין. איבערהויפּט האָבען זיי גאָר ניט געקענט גלויבען, אַז אַזאַ זאַך איז מעגליך דורכצופיהרען.

אָבער משה האָט אַנגעפאַנגען דעם קאַמפּף און ניט אָוועקגעלייגט זיין געוועהר ביז ער האָט אַלע שוועריגקייט אַריבערגעשפּרייזט. ער האָט אַלע שונאים בעזיעגט, און האָט אַרויסגעפיהרט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק פון מצרים מיט'ן גרויסען מאַרטש פון "אָז ישיר".

דאָס אַלעס זעה איך אין איין מאָמענט אין דער געדאַנקען־וועלט, און באַלד שוועבט פאַר מיינע אויגען אַ פּיקטשור פון אידישען קעניגרייך, אידישע קנאה און שנאה, אידישע זינד, און עס קומט איין חורבן נאָכ'ן צווייטען, איין גלות נאָכ'ן אַנדערען. דאָס קליינע אידישע פאָלק ווערט צושיידט, צוזעעט און צושפּרייט אויף שבעה ימים, פּערטהיילען זיך אין קליינע גרופּען, רוסישע אידען, פּוילישע אידען, גאַליציאַנער אידען, רומענישע אידען, דייטשע אידען, ענגלישע אידען, פּאָרטוגעזישע אידען, תימנ'ער אידען, פראַנצויזישע אידען. גרופּען וואָס זיינען קיינמאָל ניט אייניג. זאָגט איין גרופּע טאָג, זאָגט די צווייטע נאַכט.

און איך טראַכט, אַז צו זיין אַ משה יעצט, איז פיעל שווערער ווי אַמאָל, כאָטש אַן אייגענע היים דאַרפען אַלע גרופּען גלייך, אויב זיי פיהלען עס יאָ אָדער ניט. אַ שכן איז קיינמאָל אין ערגעץ ניט זיכער. לענדלאָרדס בייטען זיך און ניט אימער זיינען זיי גוטע...

דער גרויסער מענש.

ענדליך האָט מען אויסגעפונען די ריכטיגע ווערטה פון דעם מענשען.

מען האט אויסגעפונען, און מען ווייסט עס שוין יעצט אויף זיכער, אז דער מענש איז ווערטה אכט און ניינציג סענט.

אפילו דזשיי פי מארגען, און אפילו ראקעפעלער, זיינען אויך מעהר ניט ווערטה וויא צו אכט און ניינציג סענט א שטיק.

דא האט איהר א פליינעם רעכנונג: א וואונדער וואס ביז אהער איז עס גאר קיינעם ניט איינגעפאלען. עס איז דאך אזוי לייכט און אזוי איינפאך צו פערשטעהן, וויאביידע איינשטיין'ס טהעאריען וועגען "רעלאוויטעט" און וועגען "שנאפסיטעט".

ביז יעצט איז געווען אן עסק צו פרעגען וויפיעל יענער איז ווערטה א מיידעל האט אנדערש ניט געוואלט חתונה האבען מיט אן אלמן, ביז זיא האט זיך קודם גוט נאכגעפרעגט וויפיעל דער אלמן איז ווערטה.

ווען איינער האט געוואלט קויפען וואארע, אדער אפילו אן עליה אין שול, האט מען פריהער געוואלט וויסען וויפיעל ער איז ווערטה, און דעם אמת האט מען קיינמאל ניט געוואוסט, עס איז אלץ געווען "טרעף אדער פעהל" ביזנעס, יעצט אבער ווייסט מען שוין פינקטליך דיא ווערטה פון מענשען. א גרויסער בעמיקער האט אויף א וויסענשאפטליכען וועג אלעס אוועקגעשטעלט אויף א זיכערען באזיס...

דא קענט איהר גלייך זעהן דעם גאנצען חשבון, וואס דער בע־מיקער האט געמאכט פון דעם מענשען, משטיינס געזאגט: יע־דער דורכשניטליכער מענש, איבערצייגט ער שווארץ אויף וויס, האט אין זיך פעטקייט גענוג צו מאכען זיעבען שטיקלאך זייף; אייזען צו מאכען א טשוועקעל פון דיא וואס מען פערקויפט זעקס פאר א פעני; א קאפע צוקער, גענוג קאלך אויסצוווייסען א מיטעל־מעסיגען סילינג, שוועבעל פאר צוויי טויזענד צוויי הונדערט מע־טשעס, זאלץ גענוג פאר א מאלצייט, א דאזע מאגנעזיע, א לעפ אייאדין, פאטיש און סאלפאר גענוג צו מאכען עקספלאדירען א קינדערשען פייער־קערקער קאנאן.

די דאזיגע אלע זאכען האבען א ווערטה אלס וואארע, לויט דיא יעצטיגע פרייזען, אכט און ניינציג סענט.

עס וואָלט ניט געשאַדט, אַז יעדער מאַן זאָל נעהמען דעם דאָזיגען חשבון און אַריינקלעפּען צו זיך אין העט, און יעדעס מאָל ווען ער פיהלט וויא צו פערררייסען דיא פליגעלאַך, און מיינען, אַז ער איז אַ גאַנצער מאַכער, זאָל ער אַ קוק טהון אין העט און זעהן, אַז אַלעס וואָס ער איז ווערטה מיט די פּאַטריכעס, איז ניט מעהר וויא אַכט און ניינציג סענט — ניט אַ פּעני מעהר.

יעצט נעהמט זיך איבער, איהר מענשען, וואָס דענקען, אַז וויפיעל כבוד מען גיט אייך איז אַלץ ווענינ! רבונו של עולם, וואָס ווילט איהר און וואָס קענט איהר דען ערוואַרטען צו קריגען פאַר אַכט און ניינציג סענט?...

ווען איהר זיינט אַרבייטער און אייער פאָרמאַן קומט צו אייך צו געהן מיט שטאָלץ צו פאָדערען פון אייך אַז איהר זאָלט מאַכען אַ סך אַרבייט, כדי ער זאָל קריגען חן ביים באָס, און ער זאָל קענען פאָדערען אַ הוספה — זאָגט איהם אַז ער זאָל ניט זיין ביי זיך אַזוי גדול'דיג — ער איז מעהר ניט ווערטה ווי אַכט און ניינציג סענט, און אַז דער באָס אַליין איז אויך ניט ווערטה מעהר, היינט וואָס זיינען זיי אַזוי שטאָלץ ביי זיך? די אַרבייטער זיינען פּונקט אַזוי גוט פיר זיעבען שטיקלאַך זייף און צוויי טויזענד צוויי הונדערט מעטשעס, ווי דער פאָרמאַן, און וויא דער באָס.

און ווען איהר האָט נור וואָס געענדיגט אַ ביזנעס קאָלעדזש און געהט פרעגען אויף אַ דזשאָב, און דער באָס בעטראַכט אייך פון קאָפּ ביז די פיס, צו וויסען וואָס ער קען פון אייך אַרויסקריגען פאַר די פאָר סענט, טראַכט ניט פיעל און זאָגט איהם: "דיא זעלבע זיעבען שטיקלאַך זייף און צוויי טויזענד צוויי הונדערט מעטשעס, און דאָס זעלבע טשוועקעל פון זעקס אַ פּעני וואָס מען קען פון אייך אַרויסקריגען".

ביי דיא לעצטע האַי־סקול עקזאַמינייּשאַנס, האָב איך בייגעוואָהנט אַ מערקווירדיגע סצענע. אַ פּאָר באָיעס און מיידלאַך וואָס האָבען געענדיגט ביזנעס סקול, האָבען געקראָגען זייערע דיפּלאָמען, און מען האָט געבראַכט אַ רייכען ביזנעס מאַן, ער זאָל ערקלעהרען די יונגע לייט, וואָס זיי זאָלען טהון מיט זייערע דיפּלאָמען.

דער מאַן האָט געטראָגען אַ הויכען סטאָף־פּייפּ און אַ שוואַר־צען פּרינץ אַלבערט, און האָט אויסגעזעהן ריכטיג וויא אַ דרייווער פון אַ לייכען־וואַגען ביי אַ פּיונעראַל. ער האָט געפיהלט אַז ער טהוט דיא וועלט אַ טובה דערמיט וואָס ער קומט צו ווילד פרעמדע יונגע לייט און ענטדעקט זיי דעם סוד פון הצלחה, און איך האַלט זיך נאָך יעצט ביי די זייטען לאַכענדיג ווען איך דערמאַהן זיך אַן דעם "ספּיטש" וואָס דיעזער אַכט און נייינציג סענטיגער עושר האָט געהאַלטען פאַר דיא געענדיגטע באַיעס און מיידלאַך.

"מיינע יונגע פריינד האָט ער אָנגעפאַנגען, איך בין איך אמת מקנא, וואָס איהר וועט באַלד נעהמען אייערע דיפּלאָמען אין האַנד און וועט אַרויסגעהן אין דער ברייטער וועלט צו אויסהאַקען פאַר זיך אַ וועג אין ביזנעס. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזעהן אַזאַ פיינע סעלעקשאַן יונגע דאַמען און הערען וויא איהר זיינט. מען זעהט אויף אייך, אַז איהר זיינט אינטעליגענט, פעהיג און וויליג צו ברענגען סוקסעס פיר זיך און פיר דיא בעלי בתים פאַר וועלכע איהר וועט אַרבייטען. עס טהוט מיר זעהר לייד, וואָס ביי מיין בעסטען ווילען קען איך אין מיין אייגענע ביזנעס אייך קיין בעשעפטיגונג ניט געבען ווייל מיר האָבען אַ רול אַריינצונעהמען נור אַזעלכע וואָס האָבען עקספּיריענס.

"עס וועט דאַריבער זיין אַרויסגעוואָרפענע אַרבייט, ווען יע־מאַנד פון אייך זאָל זיך ווענדען צו מיין אייגענער פירמע פאַר בעשעפטיגונג.

"ביז יעצט — מיינע ליעבע פריינד — האָט איהר בלויז גע־לערנט און געהערט, אַז עס זיינען דאַ לייטע וואָס מאַכען געלד. יעצט וועט איהר האָבען דיא געלעגענהייט דאָס צו זעהן מיט דיא אויגען, און אַליין העלפען דאָס דיא ראַד פון ביזנעס זאָל זיך דרע־הען און וואַרפען דאָלאַרס אין דיא פּאַקעטס פון אייערע בעלי בתים.

"עס איז אַ גרויסע זאַך צו פיהלען, אַז איהר טהוט עפּעס פאַר דער ביזנעס־וועלט. וויא אייך איז בעקאַנט בעשעפטיג איך זעהר פיעל סטענאָגראַפערס און בוקקיפּערס. און עס טהוט מיר זעהר לייד צו זאָגען, אַז ווען זיי אַרבייטען אָפּ צעהן, אָדער פופ־

צעהן, אדער אפילו צוואנציג יאהר, ווערען זיי אומצופריעדען. זיי הויבען אן צו פערלירען דעם הויכען אידעאל מיט וועלכען זיי האבען זייער קאריערע אנגעפאנגען. און עס ענטוויקעלט זיך אין זיי עפּעס א מערקווירדיגע לוסט פיר געלד. נור געלד און געלד, גיב זיי געלד — דאס איז אלעס וואס זיי וויסען, ווען מען גיט זיי ניט גענוג געלד געהען זיי ארום בייז און ווארטשען... איך נאַטירליך וויל זעהן מיינע לייטע אימער פרעהליך, אימער צופריעדען, און איך האב קיין אנדער ברירה ניט ווי די אונצופריעדענע אוועקצושיקען.

"דאריבער גיב איך אייך דא אלע נויטיגע כללים וואס איהר דארפט וויסען צו זיין ערפאלגרייך. זייט מונטער, אימער פרעהליך. ארבייט שווער, קאמפּליינט ניט קיינמאל, שפּארט געלד, אויב איהר זיינט א מאן האט חתונה, ווייל א פערהייראטער מאן סטיקט בעסער צו זיין דזשאב; אויב איהר זיינט א מיידעל האט בעסער ניט חתונה, ווייל פערהייראטע פרויען יוזען אימער מעהר טעלעפאנס אין אפיס וויא מיידלאך, ווערט קיינמאל ניט קראנק, און האט ליעב אייער בעל הבית וויא זיך אליין"...

ווען ער האט אפגערעדט, האט זיך געבעטען, אז יעמאנד פון דיא גרעדיוּאייטס זאל אויפשטעהן אין איהם זאגען: "מיסטער לעבען, איהר מיינט דאך אודאי, אז איהר זיינט ווערטה מיליאַנען, אבער איהר זאלט וויסען אז, איהר זיינט בלויז ווערטה אכט-און-ניינציג סענט—ניט א פּעני מעהר, נעהמט זיך ניט איבער, פּליעז !....

א נעכטיגער טאג

אין היינטיגען לעקטשור וועל איך אביסעל רעדען פון א נעכטיגען טאג.

איך וועל אייך זייגען, מיינע פריינד, אז איהר האט ביז אהער אלע געלעבט אין טעות דערמיט וואס איהר האט זיך איינגערעדט, אז א נעכטיגער טאג איז גאר ניט מיט גאר ניט.

דער נעכטיגער טאג איז אלעס. זאגט ניט מעהר: "עט, א נעכטיגער טאג!", דער וואס זאגט עס, טראכט ניט מיט'ן קאפ וואס ער זאגט מיט'ן מויל.

איך שטעל מיר פאר אין מיינע געדאנקען, אז ווען דער "נעכטען" וואלט האבען א מויל און זאל קענען רעדען, וואלט ער זיך פאר אונז פארגעשטעלט אט אזוי:

ווערטהע דאמען און הערען, מייז נאמען איז "נעכטען". גוד־ביי, איך פאהר אוועק פון אייך, און מיר וועלען זיך שוין קיינמאל מעהר ניט זעהן. איך בין דער לעצטער פון א גאנצער מחנה טעג, וואס קומען צו אייך און לויפען באלד צוריק.

"יעדער איינער פון אונז האט זיינע צרות, זיינע פריינד, זיינע טרעהרען און זיין געלעכטער; און יעדער פון אונז טראגט אויף די פלייצעס א היבשען פעקעל. די פעקלאך זיינע אלע אייערע, און מיר טראגען זיי פון אייך אוועק אין פארגעסענלאנד.

"צושייד זיך מיט אייך, דאך בין איך אימער מיט אייך.

"ניט אימער איז מיין נאמען געוועזן נעכטען. אמאל האט מען מיר גערופען "מארגען". איך בין דאן געוועזן ריין ווי ווייסע זייד: ווען איך האב זיך מיט אייך בעפריינדעט, האט מען מיך גערופען "היינט", און יעצט בין איך "נעכטען". בלויז א קורצע צייט האבען מיר צוזאמענגעלעבט, און דאך האט איהר מיך שרעקליך פערשמוצט און פערפלעקט מיט אייער בעריהרונג.

"איך בין א בלאט פון א בוך וואס וואקסט פון נאטור. עס זיינען דא א סך בלעטער פאר מיר. עס וועט אמאל קומען א טאג, ווען איהר וועט איבערבלעטערען דעם בוך, און וועט אונז אלע דורכלעזען, דאמאלס וועט איר וויסען וואס איהר זיינט.

"איך בין בלאס און מרה שחורה'דיג, ווייל איך האב קיין האפנונג, בלויז עראינערונג.

"איך בין רייך, עס פעהלט מיר קיין זאך, ווייל איך בין קלוג.

"אין דעם טאג וואס איך האב מיט אייך געלעבט, האב איך אייך א קינד געבראכט און האב עס ביי אייך איבערגעלאזט. דער נאמען פון קינד איז "עקספּיריענס".

"איך ווייס, אז איהר גלייבט מיר ניט, איהר ווילט אויף מיר קיין קוק ניט טהאן, ווייל איך בין ניט שעהן. אבער איך בין געטריי און ערנסט. איהר גלייכט ניט מיין שטימע איהר ווילט ניט הערען מיינע ווערטער — ווייל איך זאג ניט דאס וואס איהר ווילט. איך רעד שטיל, קאלט און איבערלייגט. איך פערשפּרעך אייך גאר ניט און גיב אייך גאר ניט.

"איך בין נעכטען, דאך בין איך דאס זעלבע ווי היינט און פיר אימער. ווייל איך בין איהר, און איהר קענט ניט אנטלויפען פון זיך אליין.

"אפט מאל, ווען איך האב צייט, זעץ איך זיך אוועק מיט מיינע קאמפּאניאנען, און מיר רעדען וועגען אייך. מיר זיצען זיך געלאסען און רוהיג, אלע נעכטענס, און בעטראכטען און בעשפּרעכען אייער ארבייט. מאנכע פון אונז זיינען צוקיילט און צובייזט, צוביסען און צוריסען, פון אייער ברוטאליטעט. מאנכע שעהמען זיך די אויגען צו עפענען, אזוי האט איהר זיי פערשעהמט מיט אייערע פערברעכענס. אנדערע וויעדער שיינען און לייכטען ווי שטערען פון אייער גוטסקייט. מיר ליעבען אייך ניט און מיר האסען אייך ניט. נור מיר אורטהיילען אייך.

"מיר האבען ניט קיין מיטלייד, מיר האבען ניט קיין רחמנות אויף אייך. בלויז "היינט" האט עס. מיר האבען אויך ניט קיין ברעקעל מוטה און קיין ברעקעל קוראזש פאר אייך, דאס קענט איהר נור קריגען ביי "מארגען".

"מיר שטעהען ביי דער פראנט טהיר פון פערגאנגענהייט און געבען אב א ווארימען שלום עליכם צו די טעג וואס געהען דורך. מיר וואטשען די מארגענס וואס ווערען פערוואנדעלט אין היינטס און ווען זיי ווערען נעכטענס, דאן נעהמען מיר זיי אריין אין אונזער חברה.

"לאנגזאם אבער דייטליך זויגען מיר אויס אייער לעבען, ווי די

בלוטזויגערס, ווי וואַמפּירען. ווען איהר ווערט עלטער, פאַנגט עס איך אַן ציהען מעהר צו די נעכטענס ווי צו די מאָרגענס.

"אונזערע בערג מיט שנעע בויגען איין אייערע רוקענס און מאַ־בען וויס אייער קאָפּ. אונזערע אייז־וואַסערס לעשען אויס אייער ליידענשאַפט. אונזערע טויטע ליעבעס, אויסגעברענטע ענטהו־זיאַזמען, צושאַטערטע טרוים־הייזער, אויסגעוועבטע אילוזיען געהען איך נאָך, רינגלען איך ארום, ביז איהר פאַנגט בלויז אַן צו זעהן קברים פאַר אייערע אויגען.

"די מאָרגענס קומען צו איך אונבעמערקט. איהר זעהט ניט און איהר פיהלט ניט ווי זיי קומען, דאָס זעלבע פיהלט איהר ניט און איהר זעהט ניט ווי די היינטס געהן אַוועק און גנב'ענען זיך פון איך אַרויס. וואָס ווייטער אַ טאָג אַלץ מעהר און מעהר ווערט איהר אַ סאָרט בעשעפעניש פון די נעכטענס.

"איך און אַלע מיינע קאַמעראַדען, די נעכטענס, געפינען זיך אין אַ גרויסען באַנקעט האַל, וואו אַלע פלעשער זיינען צובראָ־כען, און דער ווין איז אויסגעגאָסען אויף די טישטיכער, אַלע וואָ־זעס צוברעקעלט אויף שטיקלעך, און אַלע בלומען צופוילט.

"דורך די פענסטער זעהען מיר נור קברים און מצבות וואָס פערנעהמען מיילען און מיילען די ברייט און די לענג. ניט מיר ווילען זיי איבערצעהלען.

"מיר זיינען די נעכטענס פון דער וועלט. ווען איהר וואָלט וויסען ווי אונז צו בענוצען. וואָלט איהר געווען גליקליך, אָבער ווען איהר ווייסט עס ניט, הערשעווען מיר איבער איך. די נעכ־טענס ברענגען אימער אַלע צרות אויף דער וועלט; אַלע קייזאָרים, אַלע מלחמות, אַלע שקלאַפעריען נעהמען זיך פון די נעכטענס — מיט די נעכטענס טרייען אַלע באַנדיטען צו דערוואַר־גען דעם היינט און צו פערשטערען די מאָרגענס.

"איך בין נעכטען. לערענט זיך מיר צו קוקען גלייך אין פּנים אַריין. געברויכט מיך פיר אייער בענעפיט, און זעהט איהר זאָלט ניט דאַרפען מורא האָבען פאַר מיר, אָדער זיך שעהמען מיט מיר.

"איין זאַך זאָלט איהר וויסען. אַז איך בין איך ניט קיין

פריינד. איהר האט בלויז איין פריינד אין דער וועלט, און זיין נאמען איז — "מארגען".

יעצט גלויב איך,
קענט איהר האבען.
א בעגריעף א רעכטען,
ווער עס איז און
וואס עס איז, דער
אלטער מיסטער נעכטען.
ווען יעדער מענש
זאל וויסען גוט
נעכטען היינט און מארגען,
וואלט ער זיך
אליין געשפארט
א מאסע לייד און זארגען.

מענשען וואס ווייסען אלעם

היט זיך פאר מענשען וואס ווייסען אלעם.

לערען דיין צונג צו זאגען איך וויים ניט. זאגען אונז אונזערע אלטע חכמים.

ניט וויסען ברענגט אפט מעהר גליק, זיך און דער גאנצער מענשהייט, ווי וויסען צו פיעל.

עס פאדערט זיך א גרויסע ווילענס קראפט זיך צו ענטזאגען פון וועלען וויסען א סך זאכען, אבי צו קענען וויסען איין זאך ריכטיג.

ווען איהר שטודירט און לעזט א בוך, און ווילט אייערע געדאנקען האלטען נור ביי דעם בוך וואס איהר האלט אין האנד, פערשליסט איהר די טיר און ווילט דאן פון קיין אנדער זאך ניט

ווּיסען. קיין זאַך אינטערעסירט איך דאַמאַלס ניט. פאַר איך עק־זיסטירט בלויז דער בעטרעפנדער בוך.

ווען אייער קעכין ווייסט וואָס עס קומט פאַר אין פּאַרלאַר, אויב זי ווייסט אַלצדינג וואָס ביי די שכנים איבער'ן וועג טהוט זיך, און אויב זי וואָטשט דעם פּאַראַד וואָס געהט פערביי אין סטריט, איז זי זעהר אַ שלעכטע קעכין, און אָפטמאָל ווערט פון אייער זופּ ווע־רען אַ ראָסעל־פלייש.

אַ מענש דאַרף ניט וויסען אַלעס, און אַז ער זאָגט אייך ער ווייסט אַלעס, קענט איהר זיין זיכער, אַז ער ווייסט גאָרניט. מיר לעבען היינט אין אַ צייט פון ספּעציאַליסטען. אַ ספּעציאַליסט הייסט דער וואָס מאַכט אַליין בעקאַנט דעם פאַקט, אַז ער ווייסט בלויז אַ געוויסע זאַך, ווערהענד פון אַלע אַנדערע זאַכען ווייסט ער גאָר ניט. און וויל ניט וויסען.

אַמאָליגע יאָהרען האָט מען געזאָגט אויף אַ רב וואָס איז גע־ווען אַ גרויסער תלמיד חכם, אַז ער ווייסט ניט קיין צורת מטבע, מען האָט דערמיט נאַטירליך געמיינט, אַז ער ווייסט ניט פון ביז־נעס, ער ווייסט ניט פון וועלט־זאַכען, אָבער ער ווייסט גוט אַלעס וואָס בעלאַנגט צו רבנות. און דאָס איז ווירקליך געווען אַ גרויד־סער רב, אַ אידעאַלער פערטרעטער פון רעליגיעזען אידישען לע־בען. אַ ספּעציאַליסט אין זיין פאַך. ווערהענד די רבנים וועלכע ווייסען אַלעס, און פּראַקטיצירען אַלגעמיינע פּראַקטים, זיינען מעהר קיין ספּעציאַליסטען אין זייער פאַך פון רבנות.

יעדע מלחמה ווערט געוואונען פון דיא וואָס האָבען קיין פער־שטאַנד ניט גענוג צו וויסען גענוי די געפאַהר אונטער וועלכער זיי זיינען אונטערוואָרפען. און נור זייער ניט וויסען האָט זיי פאַר גרויסע העלדען געמאַכט.

וואָס ווייניגער מען ווייסט און וואָס ווייניגער מען שטופּט זיך צו וויסען אין אונזער לעבען, אַלץ בעסער, אַלץ געזונדטער איז עס פאַר אונז אַליין און פאַר אַנדערע.

זאָגאַר אין אונזערע אייגענע פאַמיליען לעבענס, אין לעבען פון עלטערען און קינדער, ווייסט אַ קלוגע מוטער ווי צו פערמאַ־

כען די אויגען און זיך מאכען ניט וויסענדיג פון פיעלע זאכען צו וועלכע זי וואלט יעדענפאלס ניט געקענט העלפען. מיר זעהען אפט, אז מאמעס וואס ווילען וויסען צופיעל, ברענגען זיי דאמיט שאדען זייערע אייגענע קינדער, טראץ דעם וואס זיי מיינען דאס בעסטע.

עס איז א כלל אין אלעס אין דער וועלט, אז צו וויסען צו פיעל טויג ניט.

ווען איך האב א בעקאנטען וועמען איך האלט פאר א פריינד, און יעמאנד קומט און זאגט מיר, אז יענער איז מיר גאר קיין פריינד ניט, ער בעליידיגט מיך וואו ער שטעהט און געהט, פיהל איך ווי צו אנשפייען דעם מאן אין פנים אריין. וואס דארף ער מיר עס דערצעהלען? צו וואס דארף איך עס וויסען? צו וואס דארף איך ווערען בייז און אויפגערעגט און ווערען אין כעס אויף זיך און אויף יענעם, וועהרענד דאס וועט קיינעם קיין נוצען און קיין גוטעס ניט ברענגען?

אויב מאן און ווייב אפילו ווילען טייער האלטען זייער כבוד און זייער ליעבע, מוזען זיי אויך צומאכען די אויגען און די אויערען און ניט וועלען וויסען אלעס, איינס ביים אנדערען. עס איז ניטא א מענש אויף דער וועלט וואס זאל האבען דורכאויס מעלות. יעדער מענש האט חסרונות און וואס וועניגער איהר וועט וויסען און וועלען וויסען איינער דעם צווייטענ׳ס חסרונות, אלץ מעהר וועט איהר שעצען די מעלות און אלץ לענגער וועט אייער ליעבע געדייהען.

עס איז מערקווירדיג צו פיהלען די געטליכע קראפט וואס דער גרויסער פאטער האט איבער אונז צו בעצויבערען אונזערע נשמות און אונז איבערצוטראגען אין העכערע, שעהנערע וועלטען. און ווייסט איהר ווארום דאס איז? דאס קומט נור דערפון וואס ער ווייסט ניט און וויל ניט וויסען פון די אלע זאכען וואס מיר אלס געוועהנליכע מענשען ווייסען יא....

ער זעהט ניט און הערט ניט דעם טאראראם און דאס קלאפען פון די עלעווייטער קארס, דעם רויש פון די אויטאמאביל טראקס,

דאס פייפען פון די פייער אינדזשינס, ער הערט ניט דעם געשריי און דעם רעש פון מענשען וואס שטעהען אויפ'ן מארק און זוכען א פּעני צו פערדינען דורך פערשיעדענע קליינליכע מעטאדען — ער, דער פּאעט, וויל פון די אלע זאכען ניט וויסען — ער ווייסט נור פון גרינע וועלדער, בלויע הימלען, דופטענדע בלומען, וואו אלעס איז שטיל, רוהיג, ערהאבען, אלע אנדערע קליינליכע זאכען עקזיסטירען פאר איהם ניט. זיין נשמה פליהט ארום איבער די אייביגע הויכע בערג, איבער די גרויסע טיעפע ימים, וואו די לופט איז געלייטערט און זיינע מחשבות זיינען ריין, אונבעפלעקט פון שטויב און פון רויך פון די פעקטארי קוימענס. ער חבר'ט זיך מיט דער ליכטיגער זון. מיט דער לבנה, מיט די שטערען און מיט די פייגעלעך אויף די בוימער, אבער פון די אלע זאכען מיט וועל־כע מיר זיינען בעשעפטיגט, אלע פּראסטע זאכען וואס האבען צו טהאן מיט אונזער געוועהנליכען לעבען פון עסען און שלאפען ווייסט ער ניט און וויל ניט וויסען. דעריבער בעצויבערען אונז זיינע ווערטער פיעל מעהר ווי ווען עס רעדט דער שארפסטער פּאליטי־קער וואס ווייסט אלעס אין דער וועלט.

ווילט ניט וויסען אלעס, אויב איהר ווילט לעבען גליקליך און אין פריעדען אויף דער וועלט. און האט ווענינער ביזנעס מיט מענ־שען וואס בעריהמען זיך, אז זיי ווייסען אלעס.

מערקווירדיג ווי אונזער אלטע געלעהרטע האבען גוט פער־שטאנען די פילאזאפיע פון לעבען און געוואוסט וואס עס איז נויטיג פיר'ן מענשען צו קענען לעבען גליקליך.

אין דער תפלה וואס זיי האבען פערפאסט צו ראש חודש בענשען זאגען זיי:

יהי רצון מלפניך, עס זאל זיין דער ווילען פון דיר, גרויסער גאט, דו זאלסט בענייען אויף אונז דעם דאזיגען חודש צו גוטען און צו ברכה, און זאלסט אונז געבען לאנגעם לעבען, א לעבען פון פריעדען.

פריהער פון אלעס קומט פריעדען, חיים של שלום, די אלע אנדערע זאכען, וויא פרנסה. רייכקייט, כבוד, יראת שמים, א. ז. וו.

די אלע זאכען קומען שפעטער. ווייל צו האבען לאנגע יאהר, צו לעבען א גליקליכען לעבען, מוז מען קודם האבען פריעדען, און דארט וואו עס איז דא שלום, וועט שוין אלעס במילא קומען, און א ריכטיגען שלום צו ערגרייכען, סאי מיט די מיטמענשען מיט וועלכע מען לעבט צוזאמען, סאי מיט דער אייגענער פאמיליע, מוז מען זיך ניט גריבלען צו טיעף אין צוויטענס ביזנעס, מען דארף ניט וועלען וויסען אלעס, וואס ווענינער מען גריבעלט זיך, וואס ווע־ניגער מען זוכט און וואס ווענינער מען ווייסט, אלץ בעסער אפ איז מען, און אלץ גליקליכער קען מען לעבען.

וועז עס קומט איינער, אפילו א קיסר
און זאגט צו אייך, אז אלעס ווייסט ער,
וועט אייך זיין פריינדשאפט קאסטען טהייער,
אנטלויפט פון איהם ווי פון א פייער!....

דאס קליינע מענשעלע

דער מענש איז אזא מאדנע רעטעניש, אז מען קען איהם פערגלייכען צו אלעס אין דער וועלט, און עס זאל זיך גלייכען.

ווען דוד המלך, דער גרויסער נאטור־מענש פאנגט אן בע־טראכטען דעם הימעל, די זון און די שטערען, און נאכהער פאנגט ער אן אריינקוקען אין דער נשמה פון דעם קליינעם מענשעלע, ווערט ער פון איהם אזוי בעגייסטערט, אז ער שרייט אויס: "אל־רעספעקט פאר דעם דאזיגען קליינעם מענשעלע, ווייל ער איז בלויז עטוואס קלענער פון גאט!".

אנדערע ווידער פערגלייכען דעם מענשען צו א שטיק האלץ, צו א פלאקען, צו א בוים אין פעלד, און מאכען פון איהם גאר ניט מיט גאר ניט, עפר ואפר.

און אלעס גלייכט זיך, אלע האבען רעכט, דער מענש איז אווילדע חיה — מיט איין ווארט ער איז אלעס. גרויס און קליין, שלעכט און גוט, קלוג און נאריש, און איז אויף אזא ארט און ווייזע דאס גרעסטע רעטעניש אין דער וועלט.

ניט לאנג צוריק האב איך ערגעץ געלעזען, אז דער מענש ווערט פערגליכען צו א פידעל מיט טויזענד סטרינגס. דיעזע פער־גלייכונג איז מיר זעהר געפעלען.

עס געפעלט מיר די אידעע, אז דער מענש איז א אינסטרו־מענט אויף וועלכען מען קען שפיעלען, וואס פאר א מעלאדיע מען וויל.

מיר געפעלט די אידעע, אז דער מענש איז ניט בלויז אן אקס צו ארבייטען און צו עסען, נור אז ער איז אויך א פיאנא, אן אר־גאן, א פידעל, א קארנעט.

איך געה נאך ווייטער. איך זעה נאך מעהר גרויסע זאכען אין דעם דאזיגען קליין מענשעלע, און אלע קענען עס זעהן. ער איז א פאטאגראף אפאראט, וואס נעהמט אראב די וואונדערבארסטע מואווינג פיקטשורס. ער איז אן עלעקטרישע באטערי און א בוך אין וועלכען עס ווערען רעקארדעט אלע פערגאנגענע פאסירונגען.

פערגלייכענדיג דעם מענשען צו אן אינסטרומענט, מוזען מיר צוגעבען, אז עס איז מעהר וויכטיג צו לערנען שפיעלען מענש, ווי צו לערנען שפיעלען פיאנא, אדער פידעל.

עס זיינען דא זעהר פיעל פרויען און מענער וואס לערנען זיך שפיעלען פיאנא אדער פיעדעל און אנדערע אינסטרומענטען, און זיי וואלטען א סך בעסער אב געווען ווען זיי זאלען נעהמען לע־סאנס ווי צו שפיעלען אויפ'ן "מענש־אינסטרומענט".

דעם אמת זאגענדיג שפיעלען אלע דעם מענש אינסטרומענט, אבער די מעהרסטע שפיעלען ווי קאליקעס, אומגעלומפערט, ניט פארבערייטעט. זיי ווייסען ניט ווי צו שפיעלען, דאריבער קו־מען ארויס מאנכע ווילדע טענער, וואס גרילצען אין די אויערען און זיינען שרעקליך אונאנגענעהם צו הערען.

וואס פאר א וואונדערבארער אינסטרומענט דער מענש איז: ווער קען עס בעגרייפען?!....

איך האב שטודירט די גרויסע פייפ־ארגאנען אין די סקולס, אין די טהעאטערע, אין די גרויסע האטעלען, איך האב באוואונדערט די וואונדערליכע צוזאמענשטעלונג פון די פייפס און דיא ארט און ווייזע ווי זיי פראדוצירען זייערע זיסע טענער. איך האב זיך צוגעקוקט ווי מען טונט א פיאנא, און האב געזעהן ווי די פיאנא איז פול אינוועניג מיט הונדערטע און הונדערטע שטיקער דראט און קנעפלאך און ביינדלאך, און אלעס אזוי אויסגערעכענט פריהער, אז ווען מענשליכע פינגער וועלען עס בעריהרען זאל זיך גלייך הערען דער זיסער קלאנג פון מוזיק.

אבער דער "מענש־אינסטרומענט" שטעהט העכער פון אלע, און איז מעהר וואונדערבאר ווי אלע אינסטרומענטען, וואס ווערען געשאפען דורך מענשליכע הענד!

האט איהר שוין אמאל א קלעהר געטהאן וועגען דער קליינער הארפע וואס געפינט זיך ביי אייך אין אויער? האט איהר געדענקט ווייסט איהר עטוואס וועגען די קליינינטשקע, דינענקע ביינדלאך וואס געפינען זיך אין אויער צו קעטשען די קלאנגען וואס שוועבען דורך די וועלען פון דער לופט? בעגרייפט איהר עטוואס וועגען די בלוט־קאנאלען וואס לויפען דורך יעדעם גליעד צו האלטען אין ארדנונג דעם גאנצען מעכאניזם? האט איהר אמאל א טראכט געטהאן וועגען די נערווען־טעלעגראף דראטען, וואס ברענגען אייך אונצעהלבארע מעסעדזשעס יעדע שטונדע אין טאג, אזוי אז די וועסטערן יוניאן טעלעגראף איז א גארניט, א קינדער־שפיל, אין פערגלייך מיט אייער אייגענעם טעלעגראף?

ווען איהר וועט זיך נעהמען אמאל צייט, און וועט אריינגעהן און זיך אוועקזעצען שטיל אין דער נשמה־באקס, וואו מען טרעפט זיך צוזאמען נור מיט ריינע געדאנקען און ריינע געפיהלען, וועט איהר דאן מודה זיין און צוגעבען, אז דער מענש אליין איז א מיליאן מאל גרעסער און מעהר וואונדערפול ווי אירגענד וועלכע זאך וואס ער האט ווען געמאכט.

אויף די סטרונעס פון דער נשמה קענט איהר פראדוצירען אזעלכע עפעקטען, וואס קיין אינסטרומענט אין דער וועלט קען ניט שאפען. עס איז ניטא אזא שמערץ וואס די נשמה סטרונעס זאלען ניט קענען איבערגעבען דייטליך, פון א שטאך מיט א שפיל־קע ביז דער שטארקסטער אגאניע וואס ברענגט דעם טויט.

און עס איז אויך ניטא אזא פרייד, אזא פלעזשור, וואס איהר זאלט ניט קענען איבערגעבען אויף'ן מענש אינסטרומענט, אנפאנ־גענד פון א געוועהנליכען שמייכעל, פון א געוועהנליכען וויץ, און ענדיגענד מיט די הימלישע פערגעניגען און פלעזשור פון ליעבע.

דער מענש איז ניט בלויז א אינסטרומענט, נור ער איז אליין א גאנצער ארקעסטער. און עס וועגדעט זיך נור וואס פאר פינגער עס שפיעלען אויף איהם. אדער ווער עס איז דער בענד־מייסטער.

עס זיינען דא נאטען פאר ליעבע, נאטען פאר האס. נאטען פאר פריעדען, נאטען פאר שטורם. נאטען פאר וויינען און נאטען פאר לאכען — און וואויל איז צו דעם וואס קריגט אלס זיין בענד־מייסטער דעם וואס גלייכט ניט קיין שטורמדיגע מעלאדיען, איי־נעם וואס ליעבט ניט צו מאכען די סטרונעס וואס קרעכצען און זיפצען און וויינען, נור איינעם.

וואס מיידט אוים שטונדען טריעבע,
און זוכט א לעבען נור פון ליעבע.
וואס גלייכט צו שפיעלען,
נאר זיסע געפיהלען.

וואויל איז דעם, וואס זיין בענד־מייסטער גלייכט ניט קיין שטורם, קיין טאראראם, קיין פויק און טאנצען, און וויל קיינעמ'ס גליק ניט פערשטערען, קיינעמ'ס רוהע ניט צו שטערען. און ער זוכט אליין אב אזעלכע קאמפאזיציעס אין וועלכע דער גאנצער ארקעסטער שפיעלט שטיל, זיס, אויף די עדעלסטע סטרונעס. און אלעס הארמאנירט. איינער שפיעלט ניט דעם צווייטען אויף צור־להכעיס.

דאן ווייסט מען אז מען לעבט,
מען האט פון לעבען הנאה.

מען פערברענגט ניט אין טרויער,
קיין איינציגע שעה.
ס'איז גוט פאר זיך אליין,
עס איז אויך גוט פאר דער וועלט.
ס'איז א סך בעסער ווי
פערמאגען אוצרות געלד.

פריהלינג געדאנקען

פאר פסח האט יעדער אויפגעראמט זיין הויז, אוועקגעשטעלט און אוועקגעלייגט יעדע זאך אויף זיין ארט, מען זאל וויסען וואו עפעס געפינט זיך. ווען מען דארף עפעס האבען, זאל מען צוגעהן און נעהמען, אהן קאפ דרעהעניש.

יעצט ווען עס איז געקומען דער ליעבער, זיסער מאי, וועט עס אייך זעהר פיעל גוטעס טהאן ווען איהר וועט אויפראמען און אויסריינעגען דאס צימער, וואו עס געפינט זיך אייער מארך. עס איז אזא צימער ווי יעדעס, מען מוז עס לופטערען און רייניגען פון צייט צו צייט און אלעס דארט אין ארדנונג ברענגען.

עס איז זעהר ניט גוט אז דאס צימער, וואו דער מארך גע־פינט זיך, קוקט אויס ווי א טיש נאך א באנקעט. אדער ווי א פלאר נאך א מאססמיטינג. נעהמט דעם בעזים, קעהרט אויס און שטעלט אוועק יעדע זאך וואו עס בעלאנגט.

זאל די רום, וואו איירע מארך געפינט זיך ניט זיין קיין וועיסט־בעסקעט, אדער אן אויבערשטער שופלאד פון א ביורא.

איהר קענט האבען די בעסטע, די פיינסטע אידעען, וועט פון זיי גאר ניט ווערען, ווען איהר ווייסט ניט וואו זיי אוועקצולייגען. איך וויים, איך בין זיכער, אז יעדער איינער פון אייך בעזיצט אן

אוצר פון אינטערעסאנטע געדאנקען צו העלפען מאכען די וועלט זיסער, אבער דער טראבעל איז וואס די געדאנקען ליגען ביי אייך אנגעווארפען איינס אויפ'ן אנדערען, אהן א טאלק, אהן ארדנונג, אזוי אז וואס איהר זוכט, קענט איהר אליין ניט געפינען.

איהר דענקט, אבער איהר דענקט גארניט אויס. אייער ווייץ איז צוזאמענגעמישט מיט בוריאן, מיט ווילדע גראזען, וואס זיי־נען ניט צום געברויכען.

פיעלייכט וועל איך אייך עפעס קענען העלפען, אויב איהר וועט מיר בארגען אייער אויער אויף א פאר מינוטען.

מיט געדאנקען איז אזוי ווי מיט עסען, פונקט ווי עס איז ניט גוט אנצושטאפען די קישקע צופיעל, אזוי איז ניט גוט אנצושטאפען דעם מח צופיעל.

נעהמט איין געדאנק אויף אמאל און בעארבייט איהם ריכטיג. זעהט וואס איהר קענט פון איהם ארויסקריגען פאר אייער אייגע־נעם בענעפיט און פאר'ן בענעפיט פון אנדערע.

ווען איהר ווערט פארטיג מיט איין געדאנק, מיט איין אידעע, קענט איהר נעהמען א צווייטע, און אזוי ווייטער.

נעהמט, צום ביישפיעל, דעם פריהלינג אלס א טהעמא און זעהט וואס איהר קענט וועגען דעם דענקען, און וואס איהר קענט דערפון לערנען, עס זאל ברענגען נוצען אייך און אנדערע.

איך לערען פון דעם פריהלינג זעהר פיעל.

מיר זעהען ווי אלטע, פערטריקענטע בוימער, ווען עס קומט דער מאנאט מאי, ווען די ווארימע זוננענשטראהלען פון פריהלינג פאנגען אן איבער זיי צו שיינען, קריגען זיי נייעם לעבען, זיי הויי־בען אן בליען און פערשאפען פערגעניגען זיך און יעדען איינעם וואס קומט מיט זיי אין בעריהרונג.

אויב איהר האט א גארטען, און איהר האט אמאל פערפלאנצט בלומען פון אויסגעטריקענטע קליינע קערנדלעך, האט איהר וואהר־שיינליך בעמערקט. ווי די גאנץ דעליקאטע ווייכע שפראצונגען שפאלטען דורך די הארטע ערד און די שטיינדלאך וואס דעקען זיי צו און קומען ארויס מיט זייערע ערהאבענע קאלירען אין פולען

פּראַכט און גלאַנץ און מיט אַן אַראָמאַט, וואָס דערקוויקט יעדען איינעם וואָס חבר'ט זיך מיט זיי.

איהר קענט פאַר זיך זעהן אַ שטיק לאַנד וואָס איז דעם גאַנ־צען ווינטער געווען בעדעקט מיט אַלטע, צוטראָטענע, פערפוילטע גראָז, ווען עס קומט דער ליעבער פריהלינג, ווערען די פערעלטערטע גראָזען פערוואַנדעלט אין אַ קאַרפּעט פון פרישע, לעבעדיגע, יונגע גרינע גראָז, און איהר פיהלט, אַז יעדע גרעזעלע ווינקט צו אייך מיט ליעבע און לעבען.

פון די אַלע זאַכען לערען איך, אַז דער מענש קען אויך שפּאַל־טען די האַרטע, קאַלטע ערד, און די שטיינדלעך וואָס ליעגען איהם אין וועג, און בליהען און שפּראָצען און אימער פרישעס לעבען בעקומען דורך די וואַרימע זונענשטראַהלען פון פריהלינג, וואָס איז דער סימבאָל פון ליעבע און לעבען.

עס זיינען דאָ מענשען וואָס זאָגען: "פאַרפאַלען, איך קען שוין ניט לעבען, איך קען שוין ניט שפּראָצען און קען שוין ניט בליהען ווי אַמאָל, פערשיעדענע אומשטענדען האָבען אין מיר גע־טויטעט יעדען געפיהל פון לעבען".

צו דיעזע מענשען רעדען די בוימער פון די וועלדער און פעל־דער, און צייגען זיי אַז טראָץ דעם, וואָס דער ווינטער האָט זייער לעבען צושטערט, און שנעע און אייז האָבען ביז צו דער ערד זייערע דעליקאַטע צווייגען אַרונטערגעבויגען, דאָך ביי זייער ערשטע בע־געגעניש מיט די וואַרימע זונענשטראַהלען פון פריהלינג פאַנגען זיי ווידער אַן אויפצולעבען. זיי פאַנגען אַן בליהען, און באַלד ווערען זיי מיט פּרעכטיגע גרינע בלעטער בעדעקט, אַזוי אַז קיינער דערקענט גאָר ניט אַז דאָס זיינען דיעזעלבע איינגעהויקערטע פער־פינסטערטע בוימער, וואָס האָבען מיט אַ פּאָר מאָנאַטען צוריק גע־שמעקט מיט טויט און קיינעמס אויפמערקזאַמקייט ניט געצויגען דורך זייער מרה שחורה'דיגען אויסזעהן.

עס זיינען ווידער דאָ אַזעלכע מענשען, איבערהויפּט פרויען, וואָס דענקען, אַז זיי זיינען צו שוואַך אַנצופיהרען זייער קאַמפּף

פאר׳ן לעבען. זיי דענקען, אז זיי מוזען אימער האלטען דעם קאפ ארונטערגעבויגען, און לעבעדיגערהייד זיין בעגראבענע אהן איר־גענד וועלכע האפנונג פאר א בעסערע צוקונפט.

צו זיי רעדען די קליינע פארטריקענטע בלומען־קערענדלעך. וואס ווערען פערוואנדעלט אין דינע, עדעלע ריטעלעך. וועלכע זיי־נען אזוי דעליקאט, אז א פליעג קען זיי איינבויגען, דאך מערקט די גרויסע וואונדער פון נאטור — דיעזע דינע דעליקאטנע ריטע־לאך שפאלטען די ערד ארום זיך, בעזייטיגען אלע שטיינדלאך ארום. און שפראצען ארויס, פאנגען אן בליהען, און מיט פערשיע־דענע קאלירען בעצויבערען זיי יעדען. וואס קומט מיט זיי אין בע־ריהרונג, אזוי שנעל ווי די ליכטיגע, ווארימע, גאלדענע זוננ־שטראהלען פון פריהלינג פאנגען אויף זיי אן צו שיינען.

די געדאנקען פון פריהלינג זיינען ערהאבען. פריהלינג איז דער סימבאל פון ליעבע, ליכט און לעבען. קיין פערצווייפלונג, קיין שטערונג, קיין יאוש, יעדער בארג האט פון איין זייט ליכט און פון דער צווייטער זייט שאטען. ווער עס איז אין שאטען קען אריבערמופען אויף דער צווייטער זייט. וואו די זון שיינט. מעג־ליך אז עס איז זעהר א ווייטער מהלך צו דער צווייטער זייט פון בארג, אבער דאס איז זיכער, די ליכט איז דארט דא, מופט!

דארט וואו עס שיינט די זון, בליהט אלעס פריהער, און וואו דער שאטען איז פערשפרייט איז די ערד קאלט און אומעדיג.

דאס דענק איך ווען איך זיץ מיך אליין,
און וואויל וואלט געוועזען פאר יעדען,
דעם פריהלינג אזוי צו פערשטעהן....

דער איד מיט׳ן לאנטערן

איך וועל אייך מיינע פריינד, יעצט א קליינע מעשה׳לע דער־צעהלען.

איהר וועט עס קענען לייענען פשוט, געוועהנליך, וויא מען לייענט אלע מעשה׳לאך, און עס איבערדערצעהלען צו אנדערע, ריכ־טיג וויא איך דערצעהל עס צו אייך.

און אז איהר וועט וועלען, וועט איהר שנעל קענען פערשטעהן, אז די מעשה איז ניט בלויז א געשיכטע גלאט אזוי אין דער וועלט אריין, נור אז עס איז א משל, וואס האט צו זיך א נמשל, ס׳איז א געשיכטע ריכטיג להבדיל וויא דיא מאדערנע שטעקענס וואס מענער טראגען יעצט, וויל מען איז עס א שטעקען, וויא אלע שטע־קענס פון א גאנץ יאהר, און אז מען וויל ווערט פון דעם זעלבען שטעקען אן אמברעלא.

דאס איז געוועזען דיא הקדמה, יעצט קומט דיא געשיכטע אליין.

אין א קליינע שטעדטעלע מיט׳ן נאמען "פינסטעריוועקע" האט געוואהנט א איד. אן איינפאכער איד, א פשוט׳ער איד, אבער זעהר אן עהרליכער מענש.

און איינמאל איז איהם ארויפגעקומען אויף זיינע געדאנקען, אז דערמיט וואס ער געהט דריי מאל אין טאג דאווענען, וואס ער וואשט זיך צום עסען, און וואס ער מאכט המוציא בקול רם, טהוט ער קיינעם קיין טובות ניט. "מהיכי תיתי, האט ער זיך געטראכט, שאדען קען עס ניט, אז מען וויל קען מען עס טהון, אבער וואס האט בערעל און שמערעל און זרח און ברוך דערפון, וואס איך דאווען, און וואס איך וואש זיך און מאך המוציא ?

און איהם איז אריין א געדאנק אין קאפ, אז כדי צו זיין א ריכ־טיגער עהרליכער איד, מוז מען מקיים זיין דעם "ואהבת לרעך כמוך" און עפעס טהון זאכען, וואס זאלען זיין א טובה פאר אנדערע מענשען.

און ער האט גענומען טראכטען מיט וואס אשטייגער וואלט ער געקענט העלפען אנדערע ? וואלט ער געהאט א סך געלד, וואלט ער שויז געקענט געפינען הונדערטע פערשידענע וועגען זיין אי־דעאל דורכצופיהרען; אבער ער איז געוועזען א ביטערער ארעמאן, און וואס קען אזא עני ואביון וויא ער טהון פאר דער מענשהייט ?

טעג, וואכען און מאנאטען זיינען פאריבער און דער איד האט

ניט געקענט אויסקלעהרען קיין איינציגע זאך, מיט וועלכער ער זאל זיך מאכען ניצליך פאר דער וועלט.

ער האט דערפון געהאט שרעקליכע יסורים און גרויס עגמת־נפש.

אויב דער מענש זאל לעבען נור פאר זיך אליין, וואס'זשע איז ווידער דער חילוק פון א מענש ביז א בהמה און ביז א חיה?

דאס האט פאסירט מיט יאהרען און יאהרען צוריק, ווען עס איז נאך קיין עלעקטרי און קיין געז בעלייכטונג אין ערגעץ ניט געווען.

דאס שטעדטעלע פינסטעריווקע איז געווען א קליינע ארימע שטעדטעלע. געלד האט עס פערמאגט זעהר ווייניג, דערפאר האט עס פערמאגט א סך בלאטע, וואס האט זיך קיינמאל ניט אויסגע־טריקענט. דיא גרעסטע אבקומעניש אין דער וועלט איז געווען צו געהן אין פינסטעריווקע ביינאכט. מען פלעגט אריינפאלען אין בלאטע איבער'ן האלדז, און אפט מאל פלעגט מען אויך ברעכען האלדז און נאקען. ס'איז געווען געפעהרליך.

דעם עהרליכען אידען האט עס שרעקליך געקרענקט און גע־ערגערט. אזוי פיעל מענשען פאלען אין בלאטע און קענען זיך ניט העלפען, נור דערפאר וואס ס'איז פינסטער און זיי זעהן ניט דעם וועג. און קלעהרענדיג וועגען זיין אידעע צו קענען עטוואס בעהילפיג זיין דער מענשהייט, איז איהם מיט אמאל אריין א גע־דאנק, אז ער האט עס דערטאפט. ס'איז דא!

ער וועט זיך לאזען מאכען א גרויסען לאנטערן און ביינאכט וועט ער ארומגעהן אין דיא גאסען און וועט בעלייכטען דעם וועג, לייטע זאלען זעהן וואו זיי געהען, וועלען זיי ניט פאלען אין בלאטע, און ניט ווערען קיין קאליקעס.

און האט אזוי געטהון. ער האט ערפילט זיין מענשענפריינד־ליכע פליכט מיט דער גרעסטער פרייהייט און איבערגעבענהייט. עס האט געמעגט זיין א שלאקס רעגען, דונערען און בליצען, ער האט זיין ארבייט געטהון. און איז אימער געווען מיט זיין לאנטערן אם פלאץ.

אזוי האָט דער אָרימער איד מיט זיין לאַנטערן הונדערטע און הונדערטע מענשען פערהיט פון פאַלען אין בלאָטע, און ער האָט זיך אמת מחיה געווען וואָס דער אויבערשטער האָט איהם אריינ־געשיקט אַזאַ גוטע מחשבה אין קאָפּ, צו קענען טהון אזוי פיעל גוטעס צו אַנדערע מענשען, טראָטץ דעם וואָס ער איז אַן אָרימאַן.

איין מאָל אין אַ פינסטערע, שטורמדיגע נאַכט, ווען עס איז געווען אַ רחמנות אפילו אַ הונד אין גאַס ארויסצולאָזען, האָט זיך דער איד געטראַכט, אַז גראָדע יעצט איז זיין לאַנטערן וויכטיג צו פערהיטען מענשען פון פאַלען, און אזוי וויא ער איז ארומגעגאַנגען מיט זיין לאַנטערן האָט ער דערזעהן פון ווייטען עטליכע מענשען געהן און ער איז מיט אמת׳ע סכנות נפשות געלאָפען שנעלער צו זיי, אום זיי דעם וועג צו באַלייכטען, זיי זאָלען זעהן וואו זיי געהן.

אבער אזוי שנעל וויא ער איז צו זיי צוגעקומען, זיינען זיי אויף איהם ארויפגעפאַלען וויא דיא וועלף, האָבען איהם געהרג׳עט גע׳ממית׳ט, און האָבען איהם זיין לאַנטערן אין שטיקער צובראָכען, אזוי אַז ער האָט זיך קוים אַ לעבעדיגער נאָכהער אַ היים דערשלעפּט

ווען ער איז נאָכהער צו זיך געקומען און האָט זיך אביסעל ערהאָלט פון דיא קלעפּ וואָס ער האָט געקראָגען, האָט ער בשום אופן ניט געקענט פערשטעהן, וואָס האָבען יענע שלעכטע מענשען געהאַט צו איהם? פאַר וואָס האָבען זיי איהם געשלאָגען? ער האָט דאָך געמיינט זייער טובה, ער האָט דאָך געטרייעט צו מאַכען ליכ־טיג פאַר זיי, זיי זאָלען זעהן דעם וועג וואו צו געהן, פאַר וואָס קומט איהם שלאָגען? און וואָס האָבען זיי געהאַט צו זיין לאַנ־טערן?.....

און אויפ׳ן דריטען טאָג, ווען ער איז אַרונטער פון בעט און איז געגאַנגען אין שול דאַווענען, אַ צוקאַליטשעטער און אַ צובייל־טער, האָט ער געפרעגט ביים רב:

— זאָגט מיר איך בעט אייך, רבי, וואָס זיינען דאָס פאַר ברואים, וואָס האָבען מיך געקענט אזוי הרג׳ענען שלאָגען דערפאַר וואָס איך בין זיי אַנטקעגען געקומען מיט ליכט? עס איז דאָך גע־ווען אזוי פינסטער, און זיי האָבען דאָך געדאַרפט האָבען די ליכט?

— ניין, מיין ליעבער איד, האט איהם דער רב געענטפערט, זיי האבען ניט געדארפט אייער ליכט, דיא ליכט האט זיי געשאדט צו זייער ביזנעס. זיי האבען ניט געדארפט ניט אייער ליכט און ניט אייך. דאס זיינען געווען גנבים, רויבערס, זיי קענען נור טהון זייער ארבייט ווען עס איז פינסטער, און ווען קיינער זעהט ניט ליכט שטערט זיי....

דאס איז דיא מעשה, וואס איך האב אייך געהאט צו דער־צעהלען.

דעם נמשל טראכט אליין, און האט אין זינען דיא גרויסע אי־דישע מיסיאן אויף דער וועלט, און די בעלויכטונג וואס זיי קריגען דערפאר אין דער פארמע פון רדיפות, שחיטות, הריגות און פאג־ראמען....

דיא מעלה פון פערגעסען

איך געה יעצט פערפיהרען א מחלוקת מיט דער גאנצער וועלט איך וועל זאגען פונקט דעם היפך וואס אלע זאגען, און געהט טהוט מיר עפעס !

אבער איין זאך מוזט איהר צוגעבען. איך, אז איך זאג — זאג איך. און בלייב שטענדיג גערעכט, אם ווייניגסטען ביי זיך אליין.

דיא גאנצע וועלט גלויבט, אז עס איז זעהר ניט גוט ווען מען האט א שלעכטען זכרון, און מען האט א טבע אלעס צו פערגעסען. און איך זאג, אז פערגעסען איז דיא בעסטע מעלה אין דער וועלט. עס איז גאר ניטא אזא גרויסע ברכה פאר דער מענשהייט וויא די טהייערע מתנה פון "שכחה".

צור ילדך תשי — דער גרויסער ארכיטעקט וואס האט דעם מענשען געשאפען, האט איהם לכתחילה אזוי געשאפען, אז ער זאל

בעזיצען דיא מעלה פון פערגעסען, צום סוף נעהמט עס דיא וועלט אן פאר א חסרון, און מאסען מענשען צאהלען אב שווערע געלד צו דאקטוירים מען זאל זיי קורירען דעם זכרון. זיי זאלען אימער געדענקען און ניעמאלס פערגעסען.

איך אבער זאג פערקעהרט:

פערגעס, ברודער, וואס ס'איז געווען איז פערפאלען. פערגעס!

איהר זאלט קיינמאל ניט קלעהרען און טראכטען און דענקען, סטייטש, פאר וואס האט איהר פאר א יאהרען, אדער פאר אכטאגען, ניט געטהאן אזוי אדער אנדערש? פערגעסט!

וואס עס איז שוין אבגעטהון געווארען איז פערפאלען, עס איז שוין בעגראבען געווארען אין טיעפען קבר פון פערגאנגענהייט. זאל עס דארט ליעגען און רוהען בשלום. פערגעסט!

קוקט בעסער אויף ווייטער, ניט אויף צוריק. דענקט וועגען מארגען ניט וועגען נעכטען.

פון דעם מארגען קענט איהר נאך עטוואס מאכען און פון דעם נעכטען גאר ניט.

דער נעכטען איז טויט וויא אלע טויטע. איהר קענט איהם גאר ניט געבען און פון איהם גאר ניט נעהמען. געווען און ניטא מעהר, דאטס אלל, געהט אוועק פון איהם. פערגעסט!

דער מארגען לעבט. ארומגערינגעלט מיט פראכט און גלאנץ. איהר קענט פון איהם מאכען די פיינסטע געברויכען. איהר קענט איהם געבען פיינע זאכען, איהר קענט פון איהם נעהמען פיינע זאכען. צו איהם זאלט איהר געהן. פון איהם זאלט איהר דענקען. אבער אין דעם נעכטען — פערגעסט, אויב איהר ווילט לעבען אויף דער וועלט, און עפעס אויפטהאן פאר זיך און פאר א צווייטען!

פערגעסען אלעס וואס איז הינטער אונז און גרייכען ווייטער צו זאכען וואס זיינען בעפאר אונז, דאס דארף זיין די שטעלונג פון יעדען מענשען אין לעבען.—

ווייל דיא פערגאנגענהייט איז א טויטע זאך, און דיא צוקונפט לעבט.

טויטע דארף מען פערגעסען, און מען מוז פערגעסען.

ערגערנים איבער זאכען וואס מען האט יא געטהאן אדער ניט געטהון, פיהרט צו פערצווייפלונג, צו אונגליק. עס מאכט אז מען זאל זיך אליין פיינד האבען וויא דעם טויט. עס מאכט מען זאל פיינד האבען אנדערע. עס נעהמט אוועק דעם מוטה און דיא ענערגיע פון ווייטערע ארבייט. עס פערוואלקענט דעם שטערען פון אייער גליק. עס מאכט פון אייך א תל עולם און ברענגט אבסאלוט קיינעם קיין נוצען.

פערגעסט, יונגע לייט, פערגעסט! איהר האט געזינדיגט, געטהאן זאכען וואס איהר האט ניט געדארפט טהאן; זאכען וואס האבען אייך געבראכט שמערצען; זאכען וואס האבען אייך געבראכט שאנדע אבער פערפאלען! איהר האט עס שוין געטהאן און מען קען דעם נעכטען צוריק ניט כאפען. פערגעסט! קוקט ניט אויף צוריק. קוקט אויפ'ן מארגען, וואס ווערט יעדען טאג ניי געבארען. און פאנגט אן פון דאס ניי א נייעם לעבען.

נעכטען זיינט איהר געוועז א שלעכטער זוהן צו אייערע עלטערען, א שלעכטער מאן צו אייער פרוי, א בייזער טאטע צו אייערע קינדער. איהר האט געבראכט ביטערע טרערען איך דיא אויגען פון דיא וואס ליעבען אייך אם בעסטען. איהר האט ניט געוואוסט וויא צו שעצען טאטע־מאמע, וויא צו ליעבען א פרוי, וויא צו אמוזירען אייערע קינדער און וויא צו טהייער האלטען אייער היים. פערגעסט! וואס איז געוועז איז פערפאלען. קומט צוריק צו זיי מיט ברכות אין הארצען און מיט ליעבע אין אייער נשמה, און זיי וועלען אויך פערגעסען דעם נעכטען. פאנגט אן מיט'ן מארגען — א נייער טאג, א נייעם לעבען. קוקט ניט צוריק, קוקט אויף ווייטער דיא ליעבע פון פאמיליע איז וויא דער טיעפער ים, וואו אלע זינד ווערען דערטרונקען, פערצייהט און פערגעסען.

פערגעסט! אויב איהר האט עגמת נפש, זארג, יסורים, צרות, וויא קליין, אדער וויא גרויס זיי זאלען ניט זיין. וויא ערנסט זיי

זאלען ניט אנגרייפען אייער נשמה, זאלט איהר אימער געדענקען דיא ברילאנטענע מעלה פון פערגעסען. פערגעסט ! יעדעס מאל וואס די זון געהט אויף ברענגט עס א נייע געלעגענהייט פון ענדע־רען אייערע אומשטענדען. אפילו ווען אייך ווייזט זיך שוין גאר אויס, אז צו אייער מכה איז קיין שום רפואה ניטא, איז עס נאך אלץ קיין סימן ניט, אז עס מוז זיך גראדע אויסלאזען שלעכט וויא איהר דענקט. עס קען זיך גראדע אויסלאזען גוט.

צור ילדך תשי, ותשכח אל מחוללך.

ניט בלויז איך דענק אז פערגעסען איז א טהייערע זאך, נאר אפילו משה רבינו האט אזוי געדענקט. און ווען ער האט דיא אידען געזאגט אביסעל מוסר האט ער זיי אויפמערקזאם געמאכט, אז זייערע הויפט צרות קומען דערפון וואס אלע זאכען וואס מען דארף יא פערגעסען, פערגעסען זיי ניט, און גראדע איין זאך איז דא וואס מען דארף ניט פערגעסען, דאס פערגעסען זיי יא.

דאס מיינט ער מיט דיא ווערטער צור ילדך תשי, גאט האט אייך בעשאפען מיט אזא טהייערע אייגענשאפט וויא פערגעסען, צום סוף געהט איהר און פערגעסט אין גאט אליין — ותשכח אל מחוללך.

עס איז דא נאך א זאך וואס מען טאר ניט פערגעסען, און דאס איז דעם אם אשכחך ירושלים.

דיא צוקונפט

נאך אלעמען, ווי שלעכט דער מענש זאל ניט זיין, איז ער דאך ניט קיין חיה. און עס קומט אמאל א צייט ווען ער טהוט א טראכט וועגען דער צוקונפט.

איך ווייס ניט וויא איהר טראכט וועגען דער צוקונפט, ווייל יעדער מענש האט זיך זיינע ברילען דורך וועלכע ער קוקט אויף זאכען, אבער איך שטעל מיר פאר אין מיינע געדאנקען, אז אין דער צוקונפט וועט זיין א פערגעניגען צו לעבען.

מיט'ן ווארט צוקונפט פערשטעה איך אין הונדערט יאהר ארום. מיר אלע וועלען שוין יעדענפאלס זיין לאנג טויט, דאריבער לוינט זיך אונז ניט צו קריגען, און יעדער איינער קען זיך טרוימען וועגען יענער צייט ווי ער וויל. וועמען ארט עס? קוים נור מיינען מיר ניט אונזער אייגענעם בענעפיט, איז דאך עס שוין א גוטע זאך.

און פאר'דענקען וואס 'דאמאלס וועט זיין, גלויב איך, אז אפילו דער דעפארטמענט אוו דזשאסטיס קען קיינעם ניט ארעטירען, און די אסעמבלי קען דערפאר קיינעם ניט ארויסווארפען, און ס'איז מותר לכל הדעות, אפילו אין צייט פון מלחמה, ווען מען מוז האל־טען ניט בלויז די מויל, נאר אויך דעם מארך פערשלאסען, לויט די אלטע אינטערנאציאנאלע געזעצע נאך פון די צייטען פון אלכסנדר מוקדון און פון טיטוס "דעם גרויסען".

וועלל, איך שטעל מיר פאר אין מיין פאנטאזיע, אז פון יעצט אין הונדערט יאהר ארום, וועט דער באזיס פון געלד ניט זיין גאלד אדער זילבער, וואס האט אין דער ווירקליכקייט קיין שום ווערטה ניט פאר קיינעם. דער באזיס פון געלד וועט זיין לאנד, ערד, וואס איז אן עביגקייט אזוי לאנג ווי די וועלט וועט עקזיסטירען.

אלע ניצליכע זאכען וואס מענשען מוזען געברויכען און יעדע ביזנעס וואס איז אזוי ארגאניזירט און מאנאפאליזירט אז ס'איז אריין צו עטליכע מענשען אין די הענד און די גאנצע וועלט איז ביי זיי כחומר ביד היוצר — דיזע אלע זאכען בעלאנגען צו דער רעגירונג און וועלען געמענעדזשט ווערען פון דער רעגירונג.

פאליטיק וועט דאן זיין עהרליך, און עס וועט זיין א שטאלץ צו זיין א פאליטיקער. עס וועט זיין א וויסענשאפט פון פאלקס זעלבסט רעגירונג וואס וועט פערנעהמען דעם ערשטען און דעם לעצטען פלאץ אין פאבליק סקול, און יעדער קינד וועט זיין א גע־לערנטער פאליטיקער.

יעדער איינער וועט געהען אין סקול ביז איין־און־צוואנציג יאהר, און עס וועט ניט זיין קיין איינציגער אונגעבילדעטער בירגער איז גאנצען לאנד.

עס וועלען ניט זיין קיין פרומע. עס וועלען ניט זיין קיין אפקורסים. עס וועלען ניט זיין קיין רעוואלוציאנערען.

אלע וויכטיגע פראגען וועלען בעהאנדעלט ווערען און קומען צו א פערשטענדניס אין די סקולס.

די גרעסטע מענשען אין יעדער געמיינדע וועלען זיין די לעהרערס. זיי וועלען קריגען דעם גרעסטען כבוד פון יונג און אלט. זיי וועלען אנערקענט ווערען אלס די ריכטיגע פאלקס ערציהער און זיי וועלען קריגען די גרעסטע געהאלט.

קעניגע, פרינצען, לארדען, מיליאנערען, וועלען דאן אויף דער וועלט ניט זיין. אנשטאט זיי וועט דאס פאלק אויסהאלטען פערשיעדענע גרויסע קינסטלער און ארטיסטען צו בעלעהרען און אמוזירען אלעמען.

דאקטוירים און האספיטעלער וועלען אויסגעהאלטען ווערען פון דער רעגירונג, אנשטאט פאלים סטיישאנס וועלען זיין האספיטעלער, טהעאטערע און לייברעריס.

פרויען וועלען פערנעהמען די וויכטיגסטע רעגירונגס שטעלען, ווייל זיי זיינען פון נאטור געשאפען געווארען צו פיהרען ווירטשאפט מיט מעהר פעהיגקייט און מעהר עקאנאמי ווי מענער.

וועגען מלחמות וועט מען דאן דענקען פונקט ווי מען דענקט יעצט וועגען שקלאפעריי. מען וועט עס דערמאנען מיט דער גרעסטער פעראכטונג און מען וועט גאר ניט קענען בעגרייפען ווי אזוי מענשען האבען געקענט זיין אזוי בארבאריש צו מארדען און שלאכטען איינער דעם צווייטען, אהן אירגענד וועלכע אורזאכע, ניט קענענדיג איינער דעם צווייטען און ניט וויסענדיג פאר וואס און פאר ווען.

פון פאגראמען וועט מען ניט וויסען, ווייל אלע וועלען אטענדען די זעלבע סקולס. וועלען געניסען די זעלבע בילדונג, און עס

וועט ניט זיין קיין אורזאכע ווארום איינער דעם צווייטען זאל האַ־סען און איהם ניט פערגינען דאס לעבען.

אַלע מענער וועלען ארבייטען פינף—זעקס שטונדען אין טאג און עס וועט קיינעם קיין זאך ניט פעהלען.

אַלע משוגענע מאַדעס, די פינף הונדערט דאָלארדיגע העטס און פינף טויזענד דאָלארדיגע מאַנטלען וועלען ניט זיין מעהר. מען וועט עס בעטראַכטען פאר א ריכטיגע משוגעת. די פרויען וועלען אַלע טראָגען איינפאַכע, אבער שעהנע און ריינע דרעסעס וואס זיי־נען גוט צום געזונד. די הויכע סקייסקרייפּער הילס, די קארסעט נשמה קוועטשערס, וועלען בעטראַכט ווערען ריכטיג ווי מיר בע־טראַכטען יעצט די פעדערען וואס די אינדיאַנער טהוען אַן אויף זייערע קעפּ.

די גרויסע שטעדט וועלען ווערען אביסעל שיטערער. מענשען וועלען זיך פערשפּרייטען מעהר איבער די קליינע קאַנטרי שטעדט־לעך, וואו מען קען זיין נעהענטער צו נאַטור און האבען מעהר בע־קוועהמליכקייט.

פערשיעדענע ערפינדונגען וועלען מאַכען נאהענט די ווייט־סטע מקומות. מען וועט קענען פאָהרען לייכט איבעראַל, זעהן אַלע אינטערעסאַנטע נאַטור וואונדער, זאכען וואס יעצט קען נור אוים־פיהרען דער וואס איז רייך.

ארמוט וועט אפּגעשאפט ווערען. יתומים וועלען ערצויגען ווע־רען אויף'ן רעכנונג פון 'דער שטאָדט. אַלמנות וואס וועלען ניט קע־נען פערנעהמען קיין רעגירונג עמטער, וועלען קריעגען פּענסיע. קראַנקע וועלען געהאַלטען און קורירט ווערען אין רעגירונגס אַנ־שטאַלטען, און דאס איז געווג אבצושאפען ארמוט.

דער זאַגענאַנטער זיידע יחוס וועט אבגעשאפט ווערען. דער יחוס וועט זיך אנפאַנגען און אויסלאָזען מיט יעדען איינצעלנעם מענשען. דער אינדיווידואליזם וועט פארגרעסערט ווערען. יעדער איינער וועט וועלען צייגען, אז ער איז אַן עפּעס אין לעבען און וועט טרייען עטוואס אויפטהון פאר 'דער מענשהייט. און אַלס

געבילדעטע מענשען וועט יעדער איינער האבען דערצו די בעסטע געלעגענהייט.

והיה ביום ההוא, אין יענער צייט, וועט זיין א פערגעניגען צו שרייבען א פעליעטאן. מען וועט אימער קענען שרייבען וואס מען וויל און וואס מען פיהלט: מען וועט דעם אמת קיינמאל ניט דאר־פען פערדרעהען און פערקריפלען. ביזנעס מיט ליטעראטור וועלען ניט זיין קיין מחותנים. און דענקער וועלען דענקען און טראכטען און זאגען דעם אמת. שקר וועט קיין פלאץ ניט האבען אין ערגעץ, אפילו ביי דיפלאמאטען, און עס וועט זיין א ריינע, א שעהנע, אן עהרליכע וועלט, און א ריינע, א שעהנע, עהרליכע ליטעראטור. עס וועט זיין א פלעזשור דאמאלס צו שרייבען א פעליעטאן. מען וועט בלויז האבען עטוואס עגמת נפש, וואס עס וועט ניט זיין וועמען צו רייבען די זייטען....

טראבעל

זאל אייך דער אויבערשטער היטען פון אזא מענשען וואס היט זיך פון טראבעל.

טראבעל איז א טהייל פון לעבען. אדער בעסער געזאגט, עס איז די נשמה פון לעבען.

אהן טראבעל וואלט די וועלט קיין וועלט ניט געווען. עס מוז זיין טראבעל, און ווען איינער איז א חכם און טרייעט אימער זיך אויסצוהיטען פון טראבעל, הייסט עס איינפאך, אז ער וויל נעהמען זיין פעקעל טראבעל און ארויפלעגען אויף אנדערע.

עס איז א טראבעל צו לערנען, צו שטודירען, צו ארבייטען, צו זיין א מאן צו א פרוי, א טאטע צו קינדער.

עס איז א גרויסער טראבעל צו זיין א איד. און עס איז נאך א גרעסערער טראבעל צו זיין א פיינער איד.

עס איז כמעט ניטא איין גוטע זאך אין דער וועלט, וואס דער מענש דארף טהאן, און טהוט עס ריכטיג, עס זאל ניט זיין פערוויקעלט מיט טראבעל.

קיין גרויסע זאך קען ניט אויפגעטהאן ווערען אהן טראבעל.

נעהמט אונזער גאנצע תורה איז זיא פול מיט טראבעל פון אנפאנג ביז ענדע.

צו ערשט דער טראבעל מיט אדם הראשון. א מענש ווערט בעשאפען פון גאט אליין, און האט פאר זיך די גאנצע וועלט. איז דאך גוט, אז אמת'ער ראקעפעלער, קומט ער און מאכט טראבעל, עס איז איהם אומעדיג עס איז איהם סקוטשנע צו זיין אליין נעהמט דער אויבערשטער און גיט איהם א פרוי, פאנגט זיך באלד אן א נייער טראבעל מיט'ן עץ הדעת און מיט'ן שלאנג.

ענדליך ווערט דער טראבעל וויא עס איז געסעטעלט. אדם און חוה בעטען זיך איבער, און הויבען אן לעבען בשלום וויא גאט האט געבאטען, און ברענגען קינדער אויף דער וועלט. איז דאך שוין ווידער גוט, הא? אבער עס הויבט זיך גאר ניט אן! א נייער טראבעל. צוויי ברידער האבען פאר זיך א גאנצע וועלט און אלעם איז זיי קארג. עס ווערט א מחלוקת, א קריגעריי, א ווארט פאר א ווארט, ביז עס קומט צו קלעפ און איין ברודער דעם אנדערען דער־הרג'עט אויף טויט.

אבער דאס איז נאך אלץ גאר ניט. דער רעכטער טראבעל קומט ערשט שפעטער. די וועלט ווערט אביסעלע גרעסער. מענשען ווערען מעהר, קיין פראהיבישאן איז ניטא, מען מאכט א לחיים, מען שיכורט אויף וואס די וועלט שטעהט, און וואו מען טהוט א קוק איז גנב און גזלן און זנות. נאטירליך פערדריסט עס דעם רבונו של עולם, און ער מאכט אב זיין מיינונג, אז איידער דיא מענשען זאלען זיין וועלט פערטרונקען אין וויין, וועט ער בעסער דיא מענשען דערטרינקען אין וואסער. און עס קומט דער מבול. א טראבעל פון וועלכען בלויז איינער האט זיך קוים מיט'ן לעבען ארויסגעדרעהט. אום ווייטער אנצוהאלטען דעם טראבעל אויף דער וועלט.

דער נעקסטער טראבעל איז געווען מיט'ן דור הפלגה. קומט

צוגעהן א געוויסער מיסטער פלג, א שארפער פאליטישען מיט א פלאן צו מאכען דיא וועלט "זיכער פיר דעמאקראסי", צו בויען א טורם וואס זאל דערגרייכען דעם הימעל. מענשען זאלען זיך פיה־רען דאון סטעירז, אזוי וויא דיא מלאכים פיהרען זיך אפסטעירז, און נאראנים האבען איהם געפאלגט און זיינען געגאנגען מלחמה האלטען מיט גאט. איהם צייגען, אז ער פיהרט דיא וועלט ניט ריכטיג, פלג ווייסט בעסער וויא צו פיהרען דיא וועלט. דער סוף איז געווען טראבעל אהן א שיעור. מאסען מענשען זיינען אויסגע־הרג'ט געווארען, און ערשט נאכדעם זיינען דיא מענשען פערטהיילט געווארען אין פערשיעדענע קליינע גרופען מיט צומישטע שפראכען, אזוי אז איינער דעם אנדערען האט ניט געקענט און ניט געוואלט פערשטעהען, א שרעקליכע שנאה האט זיך ענטוויקעלט צווישען איין גרופע און דער אנדערער, עס האט זיך אנגעפאנגען פאגראמען, שריפות, הריגות און רציחות און דיא וועלט איז געווען פול מיט טראבעל, ביז עס איז געקומען א נייער שטאאטסמאן מיט'ן נאמען אברהם און האט ערקלעהרט אז אום צו עטאבלירען שלום און פריעדען אויף דער וועלט איינער דעם צווייטען זאל ניט האסען און ניט רודפ'ן איז וויכטיג צו וויסען קודם, אז דיא וועלט בעלאנגט צו אלעמען גלייך, עס איז בלויז דא איין גאט אויף דער וועלט, ער איז דער פאטער פון אלע, אלע זיינען זיינע קינדער, דע־ריבער דארף ביי יעדען זיין דיא טהירען אפען, אום יעדער הונ־געריגער און ליידענדער זאל קענען אריינקומען וויא צו זיך אליין, און עסען טרינקען און זיך ערפרישען. דאס וועט ברענגען די אמת'ע ברודערשאפט אויף דער וועלט.

נאטירליך האט אברהם'ען אויך קיין טראבעל ניט געפעהלט, ער האט געהאט צו קעמפפען מיט ווילדע, עבודה זרה'ניקעס. דערצו האט איהם נאך גאט געבענשט מיט א שעהנע ווייב, אויף וועלכער דיא גמרא זאגט עדות, אז זיא איז געווען דיא שעהנסטע פרוי אין דער וועלט, ער האט זיא געמוזט האלטען פערשלאסען אין א קאס־טען, אום דיא דאמאלסדיגע ווילדע קעניגע זאלען זיא פון איהם ניט אוועקנעהמען.

אויך יצחק און יעקב האבען געהאט זייערע פעקלאך טראבעל. יצחק איז צו דיא עלטערע יאהרען בלינד געווארען. יעקב האט אימער געהאט טראבעל מיט עשיו'ען. דאן האט ער געהאט טראַבעל מיט זיין טאכטער דינה און צו ענדע האט ער געהאט טראבעל מיט יוסף'ען. הכלל, אזוי איז דיא גאנצע תורה, און דיא גאנצע וועלט און דאס לעבען פול מיט טראבעל.

מיט טראבעל מוז מען אבער וויסען וויא זיך צו בעגעהן. ווען מר. טראבעל קומט טראכט ניט פיעל דערלאנגט איהם איין צורה און טרייבט איהם ארויס. עס וועלען טאקע דערנאך קומען אנדערע טראבעלס, ווייל אהן טראבעלס געהט עס ניט, אבער זיי קומען דאך במילא, און דער פאקט אז איהר האט איינעם אנגעפאטשט און ארויסגעטריעבען וועט אייך העלפען אויפ'ן זעלבען וועג צו פטר'ען יעדען טראבעל אזוי שנעל וויא ער וועט צו אייך קומען.

איין כלל זאל מען אימער האבען, זאגט דער תנא חיים, אז ניט פערגעניגען און ניט לוקסוס מאכען דעם מענשען פאר א מענשען נאר דיא טראבעלס.

דער יונגער באי וואס קריעגט א גרייטע רייכע ירושה פון זיין פאטער וועט זיין א גאר ניט און שטארבען א גאר ניט, אויב ער וועט זיך ניט נעהמען דעם טראבעל צו טהאן עטוואס, און צו נעהמען דיא טראבעלס ווען זיי קומען, וויא אנדערע מענשען, ווייל נור זיינע טראבעלס ענטוויקלען איהם און מאכען איהם פאר א לייטישען מענשען און פאר א ניצליכען בירגער.

זאגט, אדרבה, האב איך רעכט, צו ניין ?

פאלשע תירוצים

יעדער מענש ווייסט, אז ס'איז זעהר א גוטע זאך צו זיין עהרליך און פיין. ניט נאר ווייסט מען עס, נאר מען פיהלט עס, וואו

מען טהוט זיך א קעהר; א סימן האבען מיר, דאס, וואס אלע זוכען תירוצים פאר ניט זיין פיין — זיי ווילען יוצא זיין אם וועניגסטען פאר זיך אליין, און זיי טרייען דעריבער ווי ווייט מעגליך ארויפ־צוואווארפען זייער שולד אויף אנדערע.

וואס זאל מען טהון, זאגען פיעלע מענשען וואס פיהלען זיך זינדיג, וואס קען מען זיך העלפען? אז מען לעבט אין א וועלט פון שווינדעל, מוז מען אויך זיין א שווינדלער, אז מען לעבט צווי־שען שלעכטע, מוז מען אויך זיין שלעכט. מאנכע זוכען דעם וועג, זיי טאפען אין דער פינסטער, און וואלטען וועלען געפינען דעם מארשרוט וואס פיהרט צו א שטילען, רוהיגען, גליקליכען און עהר־ליכען לעבען, נאר זיי קענען ניט. זיי ווייסען ניט, וואו דיזער וועג פאנגט זיך אן און וואו ער ענדיגט זיך.

און אט פאר דיזע זוכער פון אמת, האט דער תנא חיים גע־פינען דעם מארשרוט. דער וועג איז זעהר א לייכטער, נור הערט זיך צו מיט קאפ.

יעדע איינער איז זיין אייגענער בעל הבית איבער זיך אליין. איהר ווייסט, אז אין יעדער זאך איז די ברירה ביי אייך. איהר קענט טהאן ווי איהר ווילט. דאס מיינט, אז איהר זיינט אליין פעראנטווארטליך פאר אלעס וואס איהר טהוט, און קיין אנדערער האט מיט אייערע טהאטען וואס צו טהאן. דעריבער דארפט איהר זיין א מאן און די פעראנטווארטליכקייט נעהמען אויף זיך. אלע תירוצים וואס איהר זוכט און געפינט, זיינען פאלש. וואס איז די יוז צו מאכען שולדיג אנדערע, אז איהר ווייסט גאנץ גוט, דאס איהר קענט האנדלען ווי איהר ווילט, קיינער זאגט אייך קיין דעות ניט, איבער אייך זיינט איהר פאלשטענדיג בעל הבית.

איהר דענקט, אז אנדערע זיינען שלעכט. פון וואנען ווייסט איהר עס? איהר קענט קיינמאל אין יענעמ'ס נשמה ניט ארייַנקרי־כען. דעריבער דארפט איהר גאר ניט טראכטען וועגען אנדערע קיין שלעכטעס — איבער א זאך וואס איהר קענט ניט וויסען אויף זיכער, איז דאך גלייכער יענעם צו דן זיין לכף זכות.

איהר ווייסט, אַז קיין אונטערשיעד וויפיעל גוטעס איהר טהוט איז עס נאָך אַלץ ווענִיג. עס זיינען דאַ פיעלע אין אייער שטאַנד, וואָס טהוען מעהר ווי איהר. לערנט זיך פון זיי.

גוטעס איז די איינציגע זאַך וואָס מען דאַרף זיך אימער לאַ־זען לערנען פון אַנדערע.

איהר ווייסט, אַז וואָס עס איז געווען איז פערפאַלען, די פער־גאַנגענהייט קענט איהר ניט ענדערען, און די צוקונפט קענט איהר ניט קאָנטראָלירען. היינט וואָס וועט אייך העלפען ווען איהר וועט זיך זאָרגען און אָכצען און קרעכצען דאַרויף וואָס ס'איז פער־פאַלען, און דערויף וואָס איהר קענט גאָר ניט העלפען?

איהר ווייסט, אַז גליק האָט מעהר צו טהאָן מיט אייערע גע־דאַנקען ווי מיט די זאַכען וואָס פּאַסירען מיט אייך. וואָס איז אַ גליק פאַר איינעם, איז עס פאַר אַן אַנדערען גאָר ניט, אַלעס ווענ־דעט זיך מיט וואָס פאַר אַ אויגען מען קוקט דערויף, דעריבער איז דער בעסטער וועג זיך צוצופּאַסען צו די אומשטענדען, אַנ־שטאָט אימער צו בעקלאָגען זיך אויף די אומשטענדען.

איהר ווייסט, אַז די וועלט ווערט געפיהרט און קאָנטראָלירט פון אַ מעכטיגער קראַפט און ווילען, וואָס האָט מיט אייך גאָר ניט צו טהאָן, און וואָס איז אַ סך גרעסער פון אייך. דעריבער זוכט ניט קיין קריטיק אויף דער פיהרונג. עס ווערט אייך קיין גוטעס ניט טהאָן, און איהר וועט זיך נור אומזיסט ערגערען. אַ מוראַשקע קען ניט פערררייסען די אויגען אַרויף און זוכען קריטיק אויף דער וואָלוואָירטה בילדינג און זאָגען, אַז לויט איהר בעגריעף איז דער סקאַיסקרעיפּער ניט ריכטיג געבויט.

איהר ווייסט, אַז איהר קענט ניט אָבנאַרען די נאַטור און קענט ניט אויסמיידען די געזעצע פון נאַטור. דעריבער איז גע־זונדטער און בעסער פאַר אייך אויסגעפינען וואָס די געזעצע פון נאַטור זיינען, און לעבען אין איינקלאַנג מיט זיי. צו שטעלען זיך נעגען דער נאַטור וועט אימער זיין אַרויסגעוואָרפענע אַרבייט.

איהר ווייסט וואָס ליעבע איז. איהר ווייסט אָבער ניט אי־מער וואָס רעכט און אונרעכט איז. דעריבער איז עס די בעסטע

לאגישע זאך אין דער וועלט. איהר זאלט ליעב האבען און זיין פריינדליך צו יעדען און ניט זוכען קיין חסרונות אויף קיינעם.

איהר ווייסט, אז פערדאכט איז א קראנקהייט צו טויטען אין מענשען זיין אמונה. אייפערזוכט איז א קראנקהייט וואס קומט פון קליינע נאטורען. טרייעט די אלע זאכען אויסצומיידען פון אייער אייגענע טובה וועגען.

איהר ווייסט, אז איהר קענט צוגעוואוינען אייער געשמאק צו גוטע אזוי גוט ווי צו שלעכטע זאכען. איהר קענט קאנטראלירען אייערע פערלאנגען ווי איהר ווילט. איהר קענט האבען מיליאנען און מיינען אז ס'איז אייך ווייניג, און קענט מאכען בלויז א לעבען און זיך פיהלען אלס א גליקליכער מענש. דעריבער געוואוינט זיך איין, אז איהר זאלט קאנטראלירען אייערע פערלאנגען, ניט זיי זאלען אייך קאנטראלירען.

איהר ווייסט, אז וועלען טהאן גוטע זאכען מיינט גאר ניט אין לעבען. דער עיקר איז צו טהאן. דעריבער זאלט איהר אימער ווייניגער רעדען און מעהר טהאן. איהר דארפט שטענדיג וויסען, אז דאס לעבען האט די בעסטע בוכהאלטעריע אין דער וועלט. און קיינער קריגט פון דיעזער וועלט ניט ארויס מעהר ווי ער איינגעוועס־טעט איז איהר.

איהר ווייסט, אז איהר הויבט ניט אן צו בעגרייפען וואס גאט איז אזאלכעס. אבער וואס ער זאל ניט זיין, איז דורך יאהרען און יאהרען לערנען און פארשען אנגענומען געווארען ביי דער גאנצער וועלט, אז א שטענדיגעס שטרעבען צו טהאן גוטעס איז דער איינציגער וועג וואס איהם געפעלט. און קיין אונטערשיעד וויפיעל שלעכטעס איהר האט געטהאן, אין דעם מאמענט נור וואס איהר פערלאזט דאס שלעכטע און פאנגט אן טהאן גוטעס, ווערט ער מיט אייך באלד א גוטער פריינד.

איהר ווייסט, אז דאס לעבען איז קורץ, און אז איהר אליין זיינט דער ארכיטעקט פון אייער לעבען. איהר אליין בויט עס פאר זיך מיט אייערע אייגענע הענד. איהר קענט דערפון מאכען א פינסטערע שענטי, אהן פענסטער, אהן ליכט און אהן לופט, קיין

לעבעדיגער מענש זאל צו אייך ניט װעלען אריינקומען, און װער עס װעט פארביי גײען, זאל דערױף שפײען, און אין פונקט אזױ פיעל צײט קענט איהר דערפון מאכען א פראכטפאלען טעמפעל פון ליעבע און בעגײסטערונג. װער עס װעט פארביי גײען זאל זיך אבשטעלען און אױסרופען: געבענשט זאלען זיין די הענד װאס האבען דא װאס אױפגעבױט אין אזא קורצער צייט.

אבער װען איז דאס אלעס געװעדט געװארען, אז איהר װײסט אז איהר אלײן זײנט די פעראנטװארטליכע פערזאן פאר אייערע טהאטען, און איהר זוכט ניט קײן פאלשע תירוצים אבי צו קענען זײן שלעכט, און ארויפצװארפען די שולד אױף אנדערע. איהר זײנט די גאנצע װעלט. אױסער אייך איז קײנער ניטא. װי איהר בעט זיך אױס אזױ שלאפט איהר. די פאלשע תירוצים מאכען אייך ניט לײכטער אױפ'ן הארצען, און דאס איז אין אלגעמײן זעהר א שלעכטע פערטהײדיגונג צו זאגען "הלמאי יענער? איהר זײנט פעראנטװארטליך פאר זיך. אױב שױן יא לערנען פון יענעם פאר װאס זאלט איהר ניט לערנען פונ'ם פײנעם מאן? װאס קומט אייך גראדע אױס צו לערנען פון שלעכטען?

דעריבער זאג איך הײנט צו אייך,
פאלגט נור אױס מײן פלאן,
לײגט אױף קײנעם אײער שולד,
זײט א פײנער מאן.
איהר זײנט מײסטער איבער זיך,
װאס קוקט איהר אױף די שלעכטע?
אױב שױן קוקען אױף אנדערע,
קוקט אױף די גערעכטע.

די ביזנעס פון לעבען

ווען דאס לעבען זאל זיין א מענש, ווי איך און ווי איהר, וואלט עס זיך געפונען שטארק בעליידיגט פון די אלע פערשיעדענע נעמען וואס מען רופט עס. יעדער איינער גיט דעם לעבען אן אנדער צו־נאמען.

איינער רופט עס א חלום. עס מיינט, אז דאס לעבען איז מעהר ניט ווי א חלום. גארניט מיט גארניט, הבל הבלים.

א צווייטער רופט עס א געמבעל, א לאטריע, הונדערט טויזענד פערליערען און איינער געווינט. עס איז ניט קיין חכמה, ניט קיין קונסט, נור א צופאל־זאך. וועמען עס טרעפט דער איז "זכה בגורל", דער איז אללראיט, דער ווערט א "פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן", אגאנצער מאכער — און וועמען עס פאלט אריין דער לעדיגער צעטעל, דער בלייבט א גארניט א דתן־ואבירם.

אנדערע רופען דאס לעבען א שיסעל הייסע ווארעניקעס — ווער עס כאפט דער האט, און ווער עס פערלאזט זיך אויף יושר און ווארט, דער בלייבט מיט'ן גאפעל אין האנד. און אלע קוקען אויף איהם ווי אויף א שלומיאל, א לא יצלח.

אנדערע ווידער רופען דאס לעבען א פרוזדור, א קארידאר, וואו מען דארף זיך ארומבערשטלען און אבטרייסלען פון זיך דעם שטויב, איידער מיר וועלען קענען אריינקומען אין ריכטיגען פאלאסט.

מיט איין ווארט, עס איז ניטא קיין שיעור און קיין גרענעץ צו די פערשיעדענע נעמען וואס דאס לעבען האט ביי פערשיעדענע מענשען — און דאס לעבען שווייגט און קימערט זיך ניט, "א דאגה, רופט מיך וואס איהר ווילט, — טראכט זיך דאס לעבען — איהר דארפט אנקומען צו מיר, ניט איך צו אייך, היינט וועמען אארט עס ווי איהר רופט מיך?

קלעהרענדיג וועגען דעם איז מיר איינגעפאלען א אידעע, אז איך זאל אויך זוכען און געפינען א פאסענדען נאמען פאר'ן לעבען, אז אלע טהוען עס פאר וואס זאל איך עס ניט טהאן?

און יגעתי — מצאתי! אז מען זוכט, געפינט מען.

— איך האב געפונען, אז דער פאסענדסטער נאמען פאר לעבען איז — ביזנעס.

נאך מיין מיינונג, איז דאס לעבען א ביזנעס פראפאזישאן, ניט מעהר און ניט ווענינער.

און אזוי ווי עס איז א ביזנעס, דארפען מיר עס בעטראכטען מיט'ן פראקטישען וועג פון פראפיטען און פערלוסטען, און זעהען, וואס מיר קענען אין די ביזנעס מרויח זיין, וואס מיר קענען פון די ביזנעס ארויסקריגען.

דאס זעהען מיר פליין, אז מיר אלע ארבייטען פאר ווייזשעס. אין די ביזנעס פון לעבען זיינען ניטא קיין מיוחסים. מיר זיינען אלע פראסטע טאג־ארבייטער. ווייל יעדער איינער, אזוי שנעל ווי ער האט אפגעארבייט, מוז ער איבערלאזען אלעס וואס ער האט פערדיענט, און געהן צוריק צו דער זעלבער "גארנישטקייט" פון וועלכער ער איז געקומען, און פונקט אזוי נאקעט און בארוועס און ארים ווי ער איז געקומען.

דער רייכסטער באנקיער, דער גרעסטער מיליאנער, ציהט ניט ארויס פון די ביזנעס מעהר ווי דער פליינער ארימער בריקלייער — זיין בארד און לאזשי, זיינע קליידער און זיינע פערגעניגען, דאס אלעס.

דער ספר החיים, דער בוך פון לעבען, ווי דער בוך פון יעדע אנדערע ביזנעס, ווערט געפיהרט מיט איינגאהמען און אויסגאבען, מיט זעהר א גוטע סיסטעמע פון בוקקיפינג, וואו עס קען קיינמאל קיין מיסטייק ניט זיין.

די ווייזשעס וואס דאס לעבען צאלט, איז — גליק, צופריע־דענהייט.

אין דעם בוך פון לעבען איז גליק קרעדיט, און אונגליק איז דעביט.

מיר אַלע שטרעבען צו איין זאַך, מיר ווילען זיין גליקליך. די מיינונגען וועגען גליק זיינען ניט אַלע גלייך. ביי איינעם איז גליק אַ זאַטער מאַלצייט מיט אַ גלאַז ביער און אַ פּאָר גוטע אַוועראַלס. ביי אַ צווייטען איז גליק אַ טוקסידאָ סוט מיט אַ סילק העמד און אַ סטאָוו־פּייפּ. אַ דריטער געפינט גליק אין אַ געמבלינג, אַ פערטער אין פּאָליטיק, אַ פינפטער אין שול, אַ זעקסטער אין טשאַריטי אַר־ בייט. יעדער האָט אַן אַנדער השגה אין גליק און פערגעניגען.

ווי אין יעדע ביזנעס, ווען איהר וועט טרייען צו נאַרען דיא פּירמע און זיך אַליין וועט איהר ניט קריגען קיין גוטע ווייִדזשעס אייערע פערגעניגען, וואָס זיינען די ווייִדזשעס פאַר אייער אַרבייט, און קומען אייך אַן זעהר שווער, טאָרען ניט פערספּענט ווערען אויף אַזאַ אַרט און ווייזע, אַז איהר זאָלט נאָכהער דאַרפען חרטה האָבען אויף דער גוטער שטונדע וואָס איהר האָט פערבראַכט. געלד דורך שווינדעל, רויב, גניבה, גזילה, איז ווי שיכרות, אין דעם מאָ־ מענט וואָס איהר זיינט שיכור זיינט איהר לוסטיג און פרעהלאַך, נאָכהער אָבער ליידעט איהר שטונדען לאַנג קאָפּ־וועהטאָג.

אין די ביזנעס פון לעבען איז גוט צו קריגען די ווייִדזשעס יעדען טאָג, ניט צו וואַרטען אום אַלעס נאָכהער אָפּצונעהמען מיט אַמאָל. אויב איהר קריגט ניט יעדען טאָג אייער פּריז, אייער צו־ פריעדענהייט, אייער ריינעם געוויסען, אַז איהר האָט אייער אַר־ בייט עהרליך געטהאָן, נאַרט איהר זיך אַליין אָפּ.

די גרעסטע ווייִדזשעס און דעם העכסטען באָנוס קריגט דער, וואָס ווען ער קומט אַ היים נאָכ׳ן טאָג אַרבייט, אַז ער האָט קיינעם ניט גענאַרט, אַז ער האָט געהאַנדעלט גערעכט, געהאָלפען יעמאַנ־ דען, גערעדט העפליך צו זיינע מיט־מענשען, קיינעם ניט בעליי־ דיגט, קיינעם ניט בערעדט, ביי קיינעם ניט פערנומען גאָרניט, די מנוחת הנפש פון אַ ריינעם געוויסען איז די גרעסטע פּלעזשור, און פאַלגליך די העכסטע ווייִדזשעס וואָס מען קען פון די לעבענם אַרויסקריגען.

די גראָבע ענוועלאָפּס, וואָס מאַנכע בעקומען פון שווינדעל, פון באַנקראָט, פון פייער און וואַסער — זיינען גאָרניט ווערטה,

דאס זיינען אלץ אזעלכע גליק פראפיטען, וואס זיינען נור אויפ'ן פאפיער.

מיר ארבייטען אלע אין איין פעקטארי, די פעקטארי פון לע־בען, מיר זיינען אלע טאג ארבייטער, ווען מיר ארבייטען אפ און געהען אוועק אהיים, אין יענער אייביגער היים, וואס איז איינגע־הילט אין סודות, דורך וועלכע אונזערע קליינע מחות קענען ניט דורכדרינגען, נעהמען מיר קיינער ניט אהין מיט מעהר איינס פון אנדערען. היינט ווארום זאלען מיר איינרייסען די וועלט, און גנב'ענען און גזל'ענען ביי אנדערע, און פערשאפען שמערצען צו אונזערע מיט־מענשען, ווערהענד דאס קען אונז קיינמאל ניט ברענ־גען אזוי פיעל גליק ווי א ריינער געוויסען ?

דארום זאג איך אימער:\
ווער עס וויל די וועלט געניסען,\
דארף נור היטען זיין געוויסען.\
אבי איהר האט נור פלענטי כח,\
און אביסעל מארך אין מח.\
און איהר ווייסט ביי זיך געטוי\
אז איהר האט א פיינע פרוי.\
פיינע זיהן און פיינע טעכטער,\
ניט צו לייטישע געלעכטער —\
זיינט איהר גליקליך ווי די וועלט,\
ווען איהר האט אפילו ווייניג געלד.

א קניפ אין בעקעל

ווען עס וועט קומען צו אייך א איד און וועט אייך זאגען, אז ער האט פיינד אז מען לויבט איהם, ער קען עס ניט הערען, זאלט

איהר זיך גאר ניט שעהמען און זאלט איהם זאגען: פעטער, איהר זיינט א ליגנער!

עס איז דאס פיינסטע פערגעניגען אין לעבען ווען מען קען טהון עטוואס, און מען טהוט עס, און מען ווערט דערפאר געלויבט.

א שרייבער האט א סך מעהר פערגעניגען דערפון וואס מענ־שען לויבען איהם, וויא פון דעם געלד וואס ער בעקומט פאר זיין שרייבען.

עס איז ניטא נאך אזא מאכל, אדער משקה אין דער וועלט, וואס זאל אזוי גוט שמעקען דעם מענשען, ווי צו הערען, אז מען לויבט איהם.

עס מאכט גאר ניט אויס, וואס עס איז פיעלייכט קליינליך און עגאאיסטיש, און מען קען דארויף מאכען טויזענדער פרושים, צו צייגען, אז עס טויג ניט, אבער דער פאקט בלייבט א פאקט, וואס קיינער קען ניט אבלייקענען, אז עס שמעקט גוט.

עס איז בעסער וויא דער בעסטער סיגאר, וויא דער פיינסטער וויין, און איז כמעט אזוי גוט וויא א קוש פון א געליעבטער.

עס איז זעהר גוט און העלדיש אויפצוטהון עפעס א גרויסע זאך, א נאבעלע טהאט, און קיינעם ניט לאזען וויסען וועגען דעם, אבער דער זעלבער מענש איז א סך מעהר צופריעדען ווען מען כאפט איהם אין מיטען, און מען דערצעהלט עס אלעמען.

דאריבער זאגט דער תנא חיים: אויב איהר האט מיך ליעב, זאגט עס מיר. און אויב איהר גלייבט מיר ניט, פליעז, געהט אייך אוועק ערגעץ אנדערש. דיא וועלט איז גרויס. און אפילו אויף יענער וועלט, אין גן עדן וויל איך ניט, אז מיר זאלען זיצעןביידע צו־זאמען.

נאטירליך, מיינט עס ניט, אז מען זאל איינעם לויבען און א קניפ טהון אין בעקעל פאר גאר ניט. ווען איינער טהוט גאר ניט, אדער ער טהוט א זאך שלעכט, און ער קריעגט דערפאר געלויבט, האט דאס קיין טעם, און עס שמעקט זעהר שלעכט. א געזונדטער מענש קען עס ניט פערדייהען.

עס האט זעהר ניט גוט געשמעקט דער וועלט, ווען מען האט

אימער געדאַרפט רופען אַ קעניג "אייער מאַיעסטעט", וויסענדיג, אַז ער בעזיצט גאַר ניט קיין מאַיעסטעטישעס אין זיך. אַז ער איז אַ דומקאָפּ, און אַז איהם וואָלט גיכער געפּאַסט צו פּאַשען חזירים וויא צו זיין אַ הערשער און אַ פיהרער פון מיליאָנען מענשען, צווי־שען וועלכע עס געפינען זיך אַ סך אַזעלכע וואָס האָבען מעהר פער־שטאַנד אין דיא פּיאַטעס וויא ער אין קאָפּ.

אָבער דער וואָס טהוט עטוואָס, און טהוט עס גוט, ווער עס בויט אויף אַ גרויסע פיינע ביזנעס; ווער עס מאַכט עפּעס אַ גוטען אינסטרומענט; ווער עס האַלט אַ פיינע רעדע וואָס בעוועגט מענ־שען צו ווערען קליגער און בעסער; ווער עס שרייבט פיינע זאַכען צו בעלעהרנען, אָדער צו אַמוזירען מענשען; ווער עס שרייבט אַז אַ שטיק מוזיק וואָס בעגייסטערט דעם מענשען'ס נשמה; ווער עס מאָלט אַ פיינעם בילד וואָס פערשאַפט פערגעניגען דעם מענשען'ס אויג, ווער עס שטעלט פאַר אַ ריכטיגען טיפּ אויף דער ביהנע. און פיהלט אַז ער טהוט עס גוט — דיא אַלע דאַרפען געלויבט ווערען. דאָס לויבען איז ביי זיי טהייערער ווי דאָס געלד וואָס זיי קריגען פאַר זייער אַרבייט, און קיין זאַך וועט זיי אַזוי ניט דערקוויקען ווי צו הערען, אַז מען לויבט זיי.

דער גרויסער אַקטיאָר אויף דער ביהנע, ווען ער קריעגט ניט קיין אַפּלאָוז, פערליערט ער זיין גאַנצע בעגייסטערונג, און ער ליידט דערפון שרעקליך. עס איז זעהר ליעב און טהייער צו זעהן דיא אנערקענונג פון דיא פאַר וועלכע מען אַרבייט, און דער אַפּלאָוז, די בלומען, וואָס מען וואַרפט אויפ'ן סטיידש בלאָזען אריין אַ נייע נשמה, פרישען גייסט, אין דעם קינסטלער, ער זאָל קענען שאַפען מעהר און מעהר און ניט מיעד ווערען.

מיט אַ יאָהר צוריק, געדענק איך, האָב איך געהאַט אַ גע־שפּרעך מיט דזשייקאָב פּ. אַדלער וועגען דער פראַגע פון אַפּלאָדי־רען און לויבען אַקטיאָרען. און ער האָט מיר דאַן געזאָגט אונגע־פעהר אַזוי:

— ביים גוטען אַקטיאָר, וועלכער איז פון נאַטור אַ קינסטלער, איז דער אַפּלאָוז דאָס גאַנצע לעבען. ער אַרבייט נור דערפאַר. ער

זעהט אין דעם די מענשליכע אנערקענונג, זיין שכר אויף דער וועלט — דיא ליעב וואס מען גיט איהם, איז אלעס וואס ער ערוואַרטעט. נעמהט דאס פון איהם אוועק, נעהמט איהר פון איהם אוועק דיא גאנצע פאעזיע פון זיין נשמה, און עס בלייבט ניט אין איהם דער מאגנעט וואס זאל איהם ציהען צו זיין ארבייט. דער אפלאוז איז די מעטש וואס צינדט אין איהם אן דאס פייער, זאנסט ווערט די קונסט אין איהם פערפרוירען.

דאס זעלבע איז אויך מיט א שרייבער און מיט אנדערע מייסטערס וואס שאפען זאכען, דיא אנערקענונג, דיא ליעב, טרייבט זיי וויא מיט סטיעם, אליץ העכער און העכער, און עס גיבט ניט קיין שטארקערע קראפט, און קיין זיסערע זאך, וויא ווען איהר ליעבט און אנערקענט יענעמ'ס ארבייט.

ווייל נאך אלעמען זיינען מיר מעהר ניט ווי מענשען קיינער פון אונז איז קיין מלאך ניט, צו זאגען, אז מיר ארבייטען אליץ פון גאט'ס וועגען, אדער פאר דער ציוויליזאציע — גאט איז גאט, ציוויליזאציע איז ציוויליזאציע, און מיר מענשען האבען א געוויסע מאס אייגענליעבע, וואס איז א טהייל פון אונזער גליק, און עס ווילט זיך זעהר שטארק, אז ווען מיר שאפען עטוואס וואס האט א ווערטה, זאל עס אנערקענט ווערען, און מיר זאלען דערפאר קריגען א קניפ אין בעקעל.

מען דערצעהלט וועגען נאפאלעאן, אז ער האט איין מאל פערלארען א שלאכט און איז ארומגעגאנגען זעהר ניעדערגעשלאגען איבער'ן שלאכטפעלד. מיט אמאל האט ער דערהערט וויא א באראבאנטשיק האט געשפיעלט אויפ'ן באראבאן אזוי פיין, אז עס איז געווען א פערגעניגען צו הערען, און דער גרויסער נאפאלעאן איז צוגעגאנגען צום באראבאנשטשיק, האט איהם דערלאנגט א קלאפ אין פלייצע, און האט אויסגערופען:

— דו האסט מיך אביסעל ערמונטערט, באראבאנשטשיק, דו ווערסט דערפאר א גענעראל!

אנערקענונג איז א גרויסע זאך. אויב איינער טהוט א גוטע זאך דארף מען איהם ליעבען. נאטירליך מוז דאס ליעבען האבען

א וואָג און אַ מאָס. מען טאָר דערמיט ניט געהן צו ווייט. אָבער צו וואָס פאַר אַ גוטע זאַך דאַרף מען דען ניט האָבען קיין מאָס און קיין וואָג? פיעל מענשען עסען צופיעל, אָבער דאָס מיינט ניט, אַז מען זאָל דאריבער אין גאַנצען אָפּשאָפען דאָס עסען און טרינקען.

אויף אַזוי פיעל איז די מידה פון אנערקענונג און לויב גע־שטאַנען הויך אין אַלע צייטען, אַז אַלע אונזערע אַלטע ספרים זאָ־גען אונז, אַז גאָט אַליין, דער גרויסער בעשאַפער פון אַלע וועלטען, וועלכער דאַרף קיינעם'ס לאָסקע ניט האָבען, אפילו ער גלייבט אויך מען זאָל איהם דאַנקען און לויבען, און יעדער פרומער איד טהוט עס געמן דריי מאָל אין טאָג.

דאריבער זאָג איך, אַז יעדער איינער וואָס טהוט עפּעס, און טהוט עס גוט, גלייבט דערפאַר אַ קניפּ אין בעקעל, און ווען איינער וועט צו איהם קומען און וועט איהם זאָגען אַז ער גלייבט ניט צו הערען וויא מען לויבט איהם, איז ענטוועדער ער זאָגט אַ ליגען, אָדער ער פיהלט, אַז ער האָט גאָר ניט געטהון, און אַז מען לויבט איהם אומזיסט.

ווען גאָט אַליין פרעגט פיר בענשען —
וואָס קען מען פאָדערן פון'ם מענשען?
און דער פיהלט זיך זעהר גוט,
אין יענער גליקליכער מינוט,
ווען איהר זאָגט: געבענשט זאָל זיין,
ער וואָס טהוט זיין אַרבייט פיין.

דרך ארץ לויט די דינים פון שלחן ערוך

דער אַמעריקאַנער שפּריכוואָרט "ביזנעס איז ביזנעס", וואָס מיינט געוועהנליך, אַז אין ביזנעס איז אַלעס ערלויבט, גילט ניט און איז נאָך ניט איינשטימיג מיט'ן אידישען שלחן ערוך, וואָס

פּאָדערט שטרענגע עהרליכקייט פונ'ם סוחר אזוי גוט וויא פון דעם קונה.

דער ערשטער דין אין "הלכות משא ומתן" איז, אז מען זאָל זיין שטאַרק געהיט ניט צו נאַרען דעם צווייטען. סאַי דער וואָס פערקויפט סחורה, סאַי דער וואָס קויפט זיינעןביידע גלייך געוואָרענט ניט צו נאַרען איינער דעם אַנדערען.

מען טאָר ניט אויספּוצען אַ זאַך עס זאָל אויסזעהן שעהנער אדער בעסער וויא עס איז אין דער ווירקליכקייט, אום עס זאָל דעם קונה פערבלענדען דיא אויגען מען זאָל ביי איהם קענען רייסען אַ גרעסערען פּרייז.

דער שלחן ערוך ברענגט אַ ביישפּיעל, אז מען וויל איינעם פערקויפען אַ בהמה טאָר מען איהר ניט געבען טרינקען קיין קלייען וואַסער כדי זיא זאָל ווערען אַנגעבלאָזען און דיא האָר זאָלען זיך אויפשטעלען זיא זאָל אויסעזהן פעט, אויך טאָר מען ניט פאַרבען און פּאָלישען אַלטע כלים זיי זאָלען אויסזעהן וויא ניי. מיט איין וואָרט מען טאָר אין ביזנעס ניט טאָהן קיין שום שווינדעל, אַלעס מוז געהן ראַיעל, דער קונה זאָל ווייסען וואָס ער קויפט.

מען טאָר ניט מעסטען אַ פאַלשע מאָס אָדער וועגען אַ פאַלשע וואָג, סאַי צו אַ איד, סאַי צו אַ קריסט.

לויט דעם אידישען דין דאַרף מען זעהן, אַז דיא וואָג און די מאָס זאָלען זיין גערעכטע, דאָס מיינט, אַז מען זאָל דעם קונה געבען נאָך עטוואָס מעהר פון דער מאָס אָדער פון דער וואָג.

מען מוז ארומווישען אָפט דיא מאָס און דיא וואָגשאָל כדי דאָס וואָס קלעבט זיך אַן זאָל ניט ווערען צוגערעכענט.

מען טאָר ניט האַלטען אין דיא ביזנעס אַ פאַלשע מאָס, אָדער אַ פאַלשע וואָג אפילו מען געברויכט זיי ניט.

ווען איינער וויל קויפען, אָדער דינגען ביי איינעם אַ זאַך, אָדער אַ סטאָר, אָדער אַ הויז, און האָט זיך שוין מיט יענעם אויסגעגלייכט מיט'ן פּרייז און מיט דיא קאָנדישאָנס, טאָר ניט קומען אַן אַנדערער דאָס אויסדינגען, אָדער אויסקויפען ביי יענעם.

א מענש מוז האלטען ווארט, ווען ער וויל עפעס קויפען, אדער פערקויפען, כאטש מען האט נאך אפילו קיין געלד ניט געגעבען, נור מען האט בלויז אבגערעדט און זיך אויסגעגליכען מיט'ן פרייז, טאר מען שוין ניט חרטה האבען. א ווארט מוז ביי יעדען זיין הייליג אין ביזנעס.

יעדע זאך וואס עס שטעהט אין דער תורה, אז א איד טאר עס ניט עסען, טאר א איד ניט האנדלען אויך.

דער שלחן ערוך איז אזוי שטרענג אין אלעס וואס האט צו טהאן מיט האלטען ווארט און מיט זאגען אמת, אז ס'איז דא א בעזאנדער דין, אז ווען איינער דערצעהלט דעם צווייטען וואס ער האט געהערט, טאר ער ניט זאגען א טהייל ווערטער אנדערש וויא ער האט געהערט. כאטש עס ברענגט קיינעם קיין שאדען ניט.

אז מען זאגט צו אן ארעמאן געבען א נדבה, סאי א גרויסע סאי א קליינע, טאר מען ניט חרטה האבען, א ווארט איז א ווארט, וויא א נדר.

ווען אפילו מען רעדט ניט ארויס מיט'ן מויל, נור מען טראכט ביי זיך אין הארצען צו געבען פאר צדקה א געוויסע סומע געלד, מוז מען עס מקיים זיין.

מען טאר אויך ניט באדערען א סוחר אומזיסט, איהם פרעגען פרייזען און זיך הייסען צייגען וואארע, ווענהרענד מען וויל גאר ניט קויפען.

ווען איינער פערקויפט דעם צווייטען א זאך וואס האט א חסרון אין זיך, קיין אונטערשיעד אויב עס איז ווערט דאס געלד אזוי אויך אפילו מיט'ן חסרון, מוז ער זאגען דעם קונה, אז עס האט

א חסרון און וואס דער חסרון איז. סאי ער פערקויפט עס צו א איי־דען סאי צו א קריסט.

דיא מיינונג פון שלחן ערוך איז, אז גנב'ענען מיינט ניט דוקא געלד, נור אויך יענעם'ס דעה.

ווען מען אנטלייהט איינעם געלד טאר מען ביי איהם קיין פראצענט ניט נעהמען. מען טאר על פי דין זאגאר ניט זאגען יע־נעם, אז דערפאר וואס דוא בארגסט מיר יעצט, וועל איך דיר באר־גען אן אנדערעס מאל.

ווען דוא בארגסט ביי איינעם געלד טארסט דוא איהם ניט דאנקען און לויבען דערפאר און טארסט איהם ניט חנפ'ענען, דאס איז פונקט וויא פראצענט. דוא טארסט ניט צאהלען און יענער טאר ניט נעהמען קיין פראצענט. קיין אונטערשיעד אויב דאס איז מיט חנופה, אדער מיט געלד.

אויב דוא ביסט ניט געוואהנט צו זאגען יענעם גוט מארגען, טארסט דוא עס איהם ניט אנפאנגען זאגען דאן, ווען ער האט דיר געבארגט געלד.

ווען מען בארגט איינעם געלד, זאגאר ווען דוא האסט יענעם ביים לעבען דערהאלטען, טארסט דוא זיך דערפאר מיט איהם ניט שאפען. ער זאל פאר דיר טהאן פערשיעדענע שליחות, אויב דוא האסט עס ניט געטהאן פריהער איידער דוא האסט איהם געבארגט געלד.

סאי אין מסחר, סאי אין פריוואט אנגעלעגענהייטען, טאר דער מענש ניט שווערען. עס מעג זאגאר זיין אמת. מען מוז איינ־מאל פאר אלע מאל וויסען, אז יעדערווארט וואס מען לאזט ארויס פון מויל מוז זיין אמת, און שווערען קען ניט מאכען דעם אמת מעהר אמת וויא דאס ווארט אליין.

יעדען אבענד איידער א מענש געהט שלאפען זאל ער איבער־דענקען וואס ער האט דורכ'ן טאג געטהאן. און אויב ער וועט פיהלען, אז ער האט אין אירגענד וועלכען וועג געהאנדעלט ניט פיין, אדער אונגערעכט געגען יעמאנדען, זאל ער פעסט אפמאכען זיין מיינונג, אז מעהר זאל ער אזאלכע זאכען ניט טהאן.

יעדער פאטער איז מחויב אכטונג צו געבען, אז זיין קינד זאל קריגען א גוטע עהרליכע ערציהונג. איבערהויפט מוז מען א קינד צוגעוואהנען ער זאל ניט זאגען קיין ליעגען און ניט שווערען אויף קיין זאך.

מען דארף זיין שטארק געווארענט צו רעספעקטירען טאטע־מאמע. זיי בעדיענען מיט אלעס. ווען זיי זיינען ארים און דער זוהן איז פערמעגליך מוז ער זיי מפרנס זיין מיט כבוד און מיט'ן גאנצען הארצען.

מען טאר ניט שטעהן און ניט זיצען אויפ'ן פאטער'ס ארט אין שול, אדער אין הויז, דאס זעלבע טאר מען אויך ניט זיצען אויף דער מוטער'ס ארט.

מען טאר ניט אויפוועקען עלטערען פון שלאף. אפילו עס שמעקט מיט געלד פערלוסט.

ווען דער פאטער אדער דיא מוטער קומט אריין אין הויז דארף מען זיך פון זייער כבוד וועגען אויפשטעלען.

עלטערען, וויעדער, טארען ניט שווער מאכען דעם עול אויף זייערע קינדער, זיי טארען אויף דיא קינדער ניט ווארפען צופיעל מורא, אנשטאט מורא דארפען זיי זעהן איינצופלאנצען ליעבע אין זייערע הערצער.

מען איז מחויב צו רעספעקטירען א שטיף־מוטער. א שטיף־פאטער, אן עלטערען ברודער, א זיידען, שווער און שוויגער, און יעדען עלטערען מענשען אין דער משפחה.

מען דארף שטארק עהרליך האלטען און האבען גרויס דרך־ארץ פאר'ן רבי'ן ביי וועמען מען האט געלערנט און אויך פאר יע־דען גרויסען געלערענטען מענשען.

מען איז מחויב זיך אויפשטעלען פאר אן אלטען מאן, וועלכער איז מעהר וויא זעכציג יאהר אלט, אפילו ער איז א גאנץ פראסטער מענש.

עס איז שטרענג פערבאטען לויט דעם אידישען דין צו בע־לײדיגען תלמידי חכמים. עס זיינען דא מענשען, ערקלעהרט אונז דער שלחן ערוך אין סימן צ"ג, וואס האבען א טבע אבצושפעטען און אבצולאכען פון רבנים. דאס איז א גרויס פערברעכען. גראדע די וואס זיינען אליין פול מיט מיאוס'ע מדות זיינען די ערשטע צו ווארפען שמוץ אויף א רב וועלכער טהוט א זאך, וואס דאכט זיך זיי אויס, אז ס'איז ניט ריכטיג. מען טאר עס אבער ניט. אויף א רב און אויף יעדען אנדערען געבילדעטען מענשען דארף מען אימער זוכען א זכות.

יעדער איד איז מחויב צו נעהמען א ווייב און צו האבען קינ־דער. דאס איז דער מענש מחויב צו טהון ווען ער ווערט אלט אכט־צעהן יאהר. דער וואס איז אלט צוואנציג יאהר און האט ניט חתונה, בעגעהט דערמיט לויט דעם אידישען דין א גרויסע עבירה.

מען דארף נעהמען אן ארענטליכע ווייב, פון א שעהנער משפחה. דיא גוטע ערציהונג וואס מען קריגט ביי אנשטענדיגע על־טערען האט זעהר פיעל צו זאגען אין דעם צוקונפטיגען לעבען פון א פאמיליע.

דיא גמרא זאגט, אז א מענש זאל דיא לעצטע העמד פערקוי־פען און נעהמען א וויב וועלכע איז א טאכטער פון א תלמיד חכם.

א מענש דארף חתונה מאכען זיינע קינדער ווען זיי זיינען נאך יונג. זיי זאלען קיין צייט ניט האבען אראבגעפיהרט צו ווערען פון דרך הישר. מען דארף אין אלגעמיין קוקען מיט הונדערט אויגען, אז קינדער זאלען זיך פיין אויפפיהרען און זאלען געהן אויף אן אנשטענדיגען וועג.

א מאן מוז זעהר שטארק עהרליך האלטען זיין פרוי, טאר צו איהר ניט רעדען מיט בייזקייט, דארף זיך מיט איהר בעראטהען אין אלעס. דארט וואו עס הערשט שלום בית איז דא מזל ברכה אין הויז.

א פרוי וואס וויל האבען א גליקליך לעבען מוז אבמאכען איהר מיינונג צו פאלגען איהר מאן און דעם "לײדים פוירסט" אביסעל פערזעהן.

א איד וואס וויל דורכפיהרען עהרליך דיא וועלט דארף זעהן וויא ווייט מעגליך ניט צו זיין אליין אין פרויען־געזעלשאפט, ניט צו טשיפען און ניט צו לאכען און ניט צו וויצלען זיך צווישען פרעמדע ווייבער.

מען טאר ניט גלויבען אין נארישקייטען וואס זעהען אויס ווי כשוף, אין קיצור שלחן ערוך סימן קי"ב, ווערען געצייגט פאלגענדע ביישפיעלע וואס מען מיינט דערמיט:

עס זיינען דא מענשען וואס זאגען, אז דאס ברויט איז זיי ארויסגעפאלען פון מויל, אדער דער שטעקען איז זיי ארויסגעפאלען פון האנד, על כן איז עס א שלעכטער סימן, און זיי געהען ניט דאן וואוהין זיי האבען געדענקט צו געהן, אדער זיי טהוען ניט דאס וואס זיי האבען געדענקט צו טהון — דאס איז לויט דעם אידישען דין א נארישקייט וואס איז עהנליך צו כישוף.

אנדערע מענשען האבען א נארישע איינבילדונג, אז גאנץ פריה אדער אויף א פולע וואך איז ניט גוט אבצוגעבען א חוב איי־נעם וואס מען איז שולדיג. דאס איז אויך פערקערט פון שלחן ערוך אלס א נארישקייט עהנליך צו כישוף און מען טאר עס ניט טהון.

לויט דעם אידישען דין (קש"ע קי"ד) איז א גרויסע מצוה צו אנטלייהען געלד ארימע לייט, און ווען א רייכער דארף געלד איז אויך א מצוה איהם צו בארגען.

ווען מען ווייסט אבער, אז דער מאן איז א שלעכטער אבגע־בער און מען וועט נאכהער האבען באדער און טראבעל דאס געלד צוריק ארויסצוקריגען איז גלייכער, אז מען פאנגט גאר מיט איהם ניט אן.

מען טאר ביי קיינעם ניט גנב'ענען. סאי ביי א אידען, סאי ביי א ניט אידען. סאי א גרויסע סאי א קליינע — גניבה איז גניבה, און ווער עס טהוט עס איז א גנב.

שווינדעל אין מסחר איז גלייך וויא גניבה.

אזוי וויא עס איז א פערברעכען צו גנב'ענען, אזוי איז א פערברעכען צו קויפען גע'גנב'עטע זאכען.

ווען איינער וויל פערקויפען א זאך וואס ווייזט אויס, אז ס'איז גע'גנב'עט — טאר מען ביי איהם ניט קויפען.

מען טאר ניט גנב'ענען, אדער גזל'ענען, אדער שווינדלען, אין ביזנעס און זאגען, אז מען וועט דערפאר געבען צדקה. צדקה קען נור געטהון ווערען מיט עהרליך־פערדיענטע געלד.

מען טאר אויף קיינעם קיין האנד ניט הויבען, מען טאר קיין

מנעשען ניט שלאגען, ווער עס הויבט נור אויף זיין האנד צו ווע־לען שלאגען יעמאנדען הייסט ער שוין א רשע.

ווען איינער אבער שלאגט דיך און דו מוזט זיך פון איהם רעטען מעגסט דו איהם שלאגען צוריק.

אפילו א משרת וואס פאלגט ניט טאר מען אויך ניט שלאגען. אבער אייגענע קליינע קינדער ווען עס האנדעלט זיך אום זיי צו לערנען דעם גראדען עהרליכען וועג מעג מען יא שלאגען.

מען טאר ניט ווארפען קיין גלאז, שטיינער, מיסט, אדער אנדערע זאכען אויף אן ארט וואו מענשען קענען געהן און זיך פערשטעכען, אדער אויסגליטשען און פאלען.

ווען מען טהוט איינעם א שאדען דארף מען איהם בעצאהלען, אדער געהן מיט יענעם צו א דין תורה.

ווען מען נעהמט צו אן ארבייטער טאר מען מיט איהם צו שווער ניט ארבייטען און מען דארף איהם בעצאהלען זיינע וויי־דזשעס אין דער צייט, ווען ניט האט מען א גרויסע עבירה.

ווען מען מאכט זיך ביי א בעל מלאכה א קלייד, אדער א פאר שיך, דארף מען איהם בעצאהלען באלד ווי ער ברענגט אב דיא ארבייט צו אייך אין הויז. דאס שפעטעסטע וואס מען מעג א בעל מלאכה אבלייגען איז א מעת לעת.

דער מענש וואס פערדינגט זיך צו יענעם ארבייטען, איז מחויב צו ארבייטען עהרליך, ניט באלאקען און ניט פארבאדערען די צייט מיט גאר ניט.

ווען איינער איז קראַנק איז אַ גרויסע מצוה צו גיין יענעם מבקר חולה זיין. אַבער מיט'ן גיין בלויז איז מען נאָך נישט יוצא, מען מוז זעהן פּיעלייכט פעהלט עפעס דעם קראַנקען און מען דאַרף איהם העלפען מיט אַלעס וואָס איז נור מעגליך. מיט אַ קרעכץ אַליין קומט מען נאָך נישט אָב די גרויסע מצוה פון ביקור חולים.

ווען איינער איז קראַנק אויף אַזאַ קראַנקהייט וואָס פאָדערט איינזאַמקייט און רוהע, דאַרף מען נישט אַריינגעהן אין צימער וואו ער ליעגט, מען דאַרף אַריינגעהן אין אַ צווייטען צימער, נאָכפרעגען וועגען אַלעס וואָס ער דאַרף, אַלעס באַרגען און מען מוז נישט דוקא זעהן דעם קראַנקען.

מען זאָל נישט עסען אַזאַלכע זאַכען וואָס זיינען גוט אויפ'ן טעם, ווען זיי זיינען שעדליך צום מאַגען.

אפילו מאכלים וואָס זיינען נישט שעדליך זאָל מען נישט עסען צו פיעל. עס איז גוט צו סטאָפּען עסען ווען מען פיהלט, אַז מען וואָלט נאָך עטוואָס געקענט עסען. און וואָס דער מענש עסט זאָל ער עסען מיט דרך ארץ. אפילו אין זיין הויז און ביי זיין טיש. דער טיש זאָל זיין פערשפּרייט מיט אַ ריינעם ווייסען טישטוך, די טעלער און די לעפעל, גאָפּעל און מעסער זאָלען זיין ריין און איבערהויפּט זאָלען זיין ריין די הענד ווען מען געהט צום טיש עסען.

מען זאָל נישט עסען שטעהענדיג, געהענדיג און נישט אויפעסען אין גאַנצען פון טעלער. מען דאַרף אימער עטוואָס איבערלאָזען, זאָנסט קוקט מען אויס וויא אַ "פרעסער".

אַ פרוי, אין די לעצטע מאָנאַטען בעפאָר זיא ערוואַרטעט צו ווערען מוטער, זאָל זיא נישט עסען אַזעלכע זאַכען וואָס שאַדען דעם קינד צום זכרון, וויא הארץ און לעבער. (עץ חיים, אות ד").

אַ פרוי דאַרף אימער אַכטונג געבען אויף איהר הויז, אַכטונג געבען די באַלעבאַטעשקייט זאָל שטענדיג זיין אין אָרדנונג. עס

זאל צו קיין שאדען ניט קומען, דיא קאץ זאל ניט אויפעסען דיא שמאליץ, און דער הונד זאל ניט אויפעסען דאס פלייש. קיין זאך זאל ניט פערשימעלט אדער געשפאילט ווערען.

ווען זיא קאכט דארף זיא אכטונג געבען דאס עסען זאל האבען א טעם, עס זאל ניט צוגעברענט ווערען און עס זאל ניט זיין צופיעל געזאלצען. ווען זיא דערלאנגט עסען דעם מאן, זאל עס זיין שעהן. ריין און זאל עס טהון מיט א ליעבליכען שמייכעל, וועט עס זיין דיא בעסטע סגולה צו שלום בית.

ווען דער מאן קומט אהיים פון דער ארבייט, אדער פון דיא ביזנעס, פערזארגט און מרה'שחורה'דיג, זאל איהם די פרוי טרייסטען וויא ווייט מעגליך. און קיינפאלס איהם מעהר ניט מצער זיין, דער כלל איז — זאגט דער של"ה הקדוש — אז דיא פרוי דארף תמיד מיט מעהר שכל מאכען זיא זאל שלום האבען מיט איהר מאן, וויל דורך שלום קומט מזל ברכה און דיא שכינה רוהט דארט וואו שלום הערשט.

א פרוי דארף זיך אין אלגעמיין פיהרען לויט דעם אידישען דין אזוי, אז ווען ער איז אין כעס זאל זיא דעם כעס פערוואנדלען אין מילדקייט; ווען ער איז אין א עת צרה זאל זיא איהם טרייסטען; ווען זיא האט עפעס עגמת נפש זאל זיא עס פאר'ן מאן ניט ווייזען, טאמער וועט ער אויך טרויעריג ווערען: זיא זאל אימער צייגען א פרעהליך פנים, און זאל זיך תמיד ציערען פאר איהר מאן מיט שמחה, מיט חן און מיט צניעות.

מיר געפינען אין דער גמרא פאלגענדע אינטערעסאנטע געשיכטע וואס האט צו טהון מיט מענשליכע אויפפיהרונג:

רבי זכאי איז געווען א איד א זקן, איבער הונדערט יאהר אלט, און איז נאך געווען געזונד און שטארק אויף אלע חושים. איינמאל האבען ביי איהם זיינע תלמידים א פרעג געטהון:

— רבי, זאגט אונז, מיט וואס האט איהר זוכה געווען צו לאנ־גע יאר?

רבי זכאי, וועלכער האט נאך גאר ניט אנגעהויבען צו דענקען אפילו, אז ער איז שוין צו־אלט, האט זיך געפונען בעליידיגט מיט דער פראגע, און ער האט זיי געענטפערט:

— וואס האט איהר קיין צייט ניט מיר אזעלכע פראגען צו שטעלען, איהר מיינט, אז איך שטארב שוין?

— ניין, ליעבער רבי, האבען איהם דיא תלמידים געענט־פערט, דאס איז אויך תורה און דרך ארץ, און מיר ווילען עס לער־נען פון אייך, אזוי וויא מיר לערנען פון אייך אלע אנדערע לימודים.

— אויב אזוי וועל איך אייך זאגען, און איהר נעהמט און שרייבט ביי זיך אלעס אויף, אויף א צעטעל:

"איך בין אויף מיין לעבען קיינמאל ניט בייז געווען.

"איך האב קיינמאל אויף קיין מענשען ניט אנגעשריען.

"איך האב תמיד געטראכט, אז יענער איז בעסער פון מיר.

"ווען יענער איז געווען עלטער. האב איך געטראכט, אז יענער האט געטהאן מעהר גוטע זאכען פון מיר.

"ווען יענער איז געווען יונגער האב איך געדענקט, אז ער האט געטהאן וועניגער שלעכטע זאכען וויא איך

"ווען איך האב געזעהען, אז איינער האט יסורים האט עס מיך שרעקליך געערגערט. און דאס איז קיין רעדע ניט, אז איך האב מיך קיינמאל ניט געפריידט ווען אן אנדערען איז געגאנגען שלעכט.

"איך האב קיינמאל ניט גערופען א מענשען מיט אזא נאמען, אז יענער זאל זיך דארפען שעהמען".

עס זיינען יעצט דא טויזענדע ביכער, וואס שרייבען וועגען עטיקעטע און מענשליכע אויפפיהרונג, און עס איז א גרויסער ספק אויב מען קען פון זייא ארויסנעהמען מעהר וויא דיעזע זיעבען קורצע כללים, וואס זיינען גענוג צו שאפען א בעסערע מענש־הייט וויא אירגענד וועלכע נייע רעפארם.

זעהר פיעל ווערט אין מדרשים גערעדט וועגן עהרליך האל־טען טאטע־מאמע.

דיא גמרא דערצעהלט אונז, אז רבי טרפון האט געהאט אן אלטע מאמע, ווען זיא פלעגט וועלען ארויפגעהן אויפ'ן בעט, האט ער זיך איינגעבויגען און זיא פלעגט זיך שטעלען אויף איהם און ארויפגעהן. אמאל האט זיך איבערגעריסען איהר שוך, האט ער איהר אונטערגעלייגט זיין האנד און זיא איז אזוי געגאנגען ביז צו איהר בעט.

ווען רבי טרפון איז אמאל קראנק געווארען און דיא חכמים זיינען געקומען איהם מבקר חולה זיין, האט זיין אלטע מוטער צו זיי געזאגט:

— טהוט תפלה פאר מיין זוהן, ווייל ער גיט מיר אב זעהר פיעל כבוד, מעהר וויא ער איז מחויב.

— וואס טהוט ער דען פאר אייך? האבען ביי איהר דיא חכמים געפרעגט.

און זיא האט גענומען אויסרעכענען אלעס, און זיי האבען אלעם אויסגעהערט, און ערשט דאן האבען איהר דיא חכמים גע־זאגט, אז ער טהוט נאך ניט אפילו האלב, וואס מען דארף טהון פאר א מאמע.

א צווייטע אינטערעסאנטע געשיכטע ווערט דערצעהלט אין תלמוד פון רבי ישמעאל כהן גדול'ס מוטער, וויא זיא איז אמאל געקומען אין בית המדרש און האט איהם צוגעקלאגט פאר דיא חכמים, אז ער גיט איהר ניט אב קיין כיבוד אם. דיא חכמים האבען זיך שטארק געוואונדערט און האבען איהר געהייסען דער־צעהלען מיט וואס ער האט געגען איהר ניט יוצא געווען.

— נעכטען, האט זיא אנגעפאנגען דערצעהלען איהר זוהן'ס חטא, נעכטען, ווען ער איז אהיים געקומען פון בית המדרש, האב איך גענומען און האב איהם געוואלט אבוואשען זיינע פיס, האט ער מיך ניט געוואלט לאזען.

— אויף ווייטער האבען איהם דיא חכמים געזאגט, זאלסט דו טהון איהר ווילען.

רבי יוסף, אז ער האט געהערט זיין מאמע קומט, פלעגט ער זאגען: "איך וועל אויפשטעהן פאר דער שכינה".

רבי אבוהו האט אמאל דערצעהלט דיא מעלות פון זיין זוהן אבימי:

"מיין אבימי, זאל לעבען, איז רעכט מקיים דיא מצוה פון כבוד אב ואם. ער האט פינף זיהן, און ווען איך אדער דיא מוטער קומען צו איהם, לאזט ער ניט קיין שום זוהן געהן עפענען פאר אונז דיא טיר. נור ער **אליין עפענט אונז.**

דיא גמרא זאגט, אז אפילו אן ארעמאן וואס געהט איבער דיא הייזער איז מחויב צו מפרנס זיין זיינע אלטע טאטע־מאמע.

אין לב טוב, הלכות כיבוד אב ואם, ווערט געשילדערט א שרעקליכעם בילד, פון קינדער, וועלכע האלטען שוין כלומר'שט יא ביי זיך אן אלטען טאטען, נור זיי גיבען איהם אנצוהערען אויף יעדען שריט און טריט, אז ער איז אן אומגעבעטענער גאסט.

ווען דער זוהן זעהט דעם טאטען עסען גאנץ פריה, (ווייל ביי אן אלטען מאן קלעמט דאס הארץ געוועהנליך פריהער וויא ביי א יונגען מאן, וועלכער איז געזונד אויף אלע אברים) פרעגט ער איהם: וויא קענסט דוא עסען אזוי פריה, ביסט דאך ערשט אויפגעשטא־נען? ער וויל גאר ניט וויסען, דער טכשיט, טאמער איז דער אל־טער טאטע דיא גאנצע נאכט ניט געשלאפען.

ווען דער טאטע האט איינמאל אין א יובל א גוטען אפעטיט און עסט עטוואס מעהר, זאגט איהם דער זוהן: וואס האסט דוא זיך אזוי צוגעכאפט צום עסען, גלייך וויא דוא קומסט פון **הונגער־לאנד? טאמער הייסט זיך דער טאטע עפעס געבען, זאגט**

ער איהם: וואס פאר א מאדנע טבע האסט דוא, וואס רק נור עס גליסט זיך דיר אלעם?

און אזוי אויף יעדען שריט און טריט, גיט איהם דער זוהן אנצוהערען, אז ער איז שטארק ניט צופריעדען, וואס דער מלאך המות שפעטיגט זיך און קומט שוין ניט גיכער אוועקנעהמען דעם טאטען?

אזא זוהן, זאגט דער לב טוב, מעג זיין וויא פרום. פערליערט ער זיין עולם הבא.

דער לב טוב מיינט דערמיט צו זאגען, אז אזא זוהן איז גאר קיין מענש נים. ער איז ניט ווערט וואס ער לעבט אויף דער וועלט.

אין מסכת יבמות, רעדענדיג וועגען פאמיליען לעבען, ווערט אנגעגעבען פאלגענדער כלל: ווער עס האט ליעב זיין ווייב און האלט זיא עהרליך, אבער אין פולען זינן פוןווארט, אזוי אז זיא זאל בייא איהם זיין טהייערער וויא זיין אייגענער איך, און ער איז מדריך זיינע זיהן און טעכטער אויף'ן גראדען וועג, אויף'ן דרך הישר זיי זאלען זיין אנשטענדיגע מענשען, און מאכט חתונה זיינע קינדער ווען זיי זיינען נאך יונג, זאגט אויף איהם דער פסוק: "וידעת כי שלום אהלך", דו זאלסט וויסען, אז עס וועט זיין שלום אין דיין געצעלט.

לויט דעם אידישען דין דארף א מאן ספענדען פאר זיך אויף קליידער ווענינער ווי לויט זיין פערמעגען. אבער זיין ווייב און קינדער דארף ער קליידען לויט זיין פערמעגען.

עלטערן דארפען ליעב האבען זייערע קינדער מיט ליעב און לעבען. אבער מען דארף דיא גאנצע ליעבשאפט ניט ארויסצייגען, אום דיא קינדער זאלען ניט פערליערען זייער רעספעקט צו דיא עלטערען.

רעדענדיג וועגען דער אויפפיהרונג פון א פרוי אין בעצוג צו

איהר מאן, דערצעהלט אונז דער "לב טוב", אז א מוטער האט אמאל חתונה געמאכט א טאכטער, און בעגלייטענדיג זיא צו איהר מאן, האט איהר דיא מוטער געגעבען פאלגענדע כללים, וויא זיך אויפצופיהרען אום צו האבען א גליקליכען פאמיליען לעבען:

זאלסט דיין מאן קיינמאל ניט אריינברענגען אין כעס.

ווען דיין מאן וועט זיין פרעהליך, זאלסט דו ניט זיין טרויעריג, און ווען ער וועט זיין טרויעריג זאלסט דו ניט זיין פרעהליך.

זאלסט אכטונג געבען אויפ'ן עסען וואס דיא גרייטסט צו פאר דיין מאן, זאלסט איהם געבען אזעלכע מאכלים וואס ער גלייכט, און דאס עסען זאל זיין אין דער צייט.

זאלסט דיך היטען ניט אויפצואוועקען דיין מאן פונ'ם שלאף.

זאלסט זשאלעווען דיין מאן'ס געלד.

זאלסט זיך קיינמאל ניט יאגען צו וויסען דיין מאן'ס סודות.

זאלסט פון איהם ניט פאדערען זאכען וואס זיינען פאר איהם צו שווער.

זאלסט איהם האלטען פאר א קעניג, וועט ער דיך האלטען פאר א קעניגען.

מענשליכקייט לויט תלמוד ומדרשים

דיא וואס זיינען ניט בעקאנט מיט אונזערע אלטע אידישע שריפטען, אידען און ניט אידען, האבען א גרויסען טעות און מיינען, אז דער תלמוד און אלע מדרשים אונזערע, זיינען נור בעשעפטיגט מיט עולם הבא. גראף טאלסטאי האט עס זאגאר אמאל געשריעבען אפען, אז אויף אזוי וויט וויא ער איז בעקאנט מיט אידישע אלטע רעליגיעזע שריפטען, דענקט ער, אז דיא מעהרסטע אידישע רעליגיעזע פיהרער, אין ווארט און שריפט, האבען זיך נור

אבגעגעבען מיט זאכען וואס האבען צו טהאן מיט עולם הבא. קיי־נער, זאגט ער, האט ניט אין זינען געהאט, צו רעפארמירען דעם מענשען'ס גייסט.

קיינער, זאגט טאלסטאי האט ביי אידען אין זינען געהאט, אז דער מענש איז פון נאטור א חיה, און אז עס איז דיא פליכט פון יעדען דענקער אויסצושעלען דיא כאראקטערע פון מענשען, זיי מאכען, אדער אם וויניגסטען זיי טרייען צו מאכען בעסער. פיינער. עדעלער אין זייערע האנדלונגען צווישען מענש און מענש.

גראף טאלסטאי ברענגט געוויסע ביישפיעלע פון כעס און חנופה, וויפיעל שלעכטעס דאס ברענגט אויף דער וועלט. ווען איי־נער ריהרט אן דעם צווייטען'ס א פעני, אדער ער ריהרט אן זיין כבוד, ווערט דער אנגעגריפענער אין כעס און עס איז רעכט ביי איהם דעם אנגרייפער צו רואינרען אויף אייביג מיט זיין פרוי און קינדער. און ווען דער אנגרייפער איז א הערשער, א קעניג, איז ביי איהם רעכט אין א מאמענט פון כעס גאנצע פעלקער אומצו־ברייננגען און פערפלייצען דיא וועלט מיט בלוט און הרוגים. דאס זעלבע איז מיט חנופה, ווען מען חנפה'ט, זאגט ער, שלעכטע מענ־שען, מיינען זיי, אז ס'איז גוט צו זיין א שלעכטער, און זיי ווערען נאך וואס ווייטער אלץ ערגער און ערגער. און ער האט ניט בע־געגענט, בעהויפטעט ער, אין קיינע פון דיא אלטע אידישע שריפ־טען, אז עס זאל עטוואס גערעדט ווערען וועגען דיא צוויי העסליכע מדות פון כעס און חנופה.

אלס אידען, דארפען מיר נאטירליך אין כעס ניט זיין אויף טאלסטאי פאר זיין מיינונג. אלס ניט איד איז געווען פאר איהם גענוג וויפיעל און וואס ער האט געלערנט אידיש. אבער אידען וואס האבען געלערנט ווייסען, אז אין אונזערע אלטע שריפטען איז זעהר פיעל גערעדט געווארען וועגען דיזע צוויי העסליכע מדות.

אין מסכת עירובין, ס"ה, ווערט דייטליך ערקלעהרט וואס פאר א העסליכע זאך כעס איז. אדם ניכר בכעסו, דער מענש ווערט דערקענט אין זיין כעס, זאגען דיא חכמים, דאס מיינט, אז אין

דעם מענשען׳ס כעס, קען מען זעהן און מעסטען וויפיעל אין איהם איז דא מענש און וויפיעל חיה.

אין אבות, ווידער, געפינען מיר, אז דיא גרעסטע מדה פון א מענשען איז, ווען ער איז קשה לכעוס ונוח לרצות, דאס הייסט, ווען עס איז שווער איהם צו מאכען אין כעס און לייכט איהם צו איבערבעטען. און ווער הייסט לויט דער מיינונג פון אונזערע חכמים א העלד, דער וואס קען איינהאלטען זיין כעס.

אין "לקב טוב", שמות ג׳, ווערט דער כעסן פארגעשטעלט אלס א משוגענער וועמען מען דארף איינשפארען אין א דול־הויז, ווייל ער איז געפעהרליך פאר דער מענשהייט.

אין מסכת פסחים, ס"ו, געפינען מיר, אז א כעסן ווען ער איז אפילו דער גרעסטער תלמיד חכם, האט ער קיין ווערדע ניט, ער פערגעסט זיין לערנען און טהוט מעהר שלעכטעס וויא גוטעס.

איז מסכת נדרים, כ"ב, שעהמען זיך ניט אונזערע חכמים צו זאגען, אז ווער עס איז אין כעס, געוועלטיגען אין איהם אלע מיני גיהנם׳ס, דאס מיינט, אז מען זאל פון אזא מענשען אנטלויפען ווי פון א פייער.

אין מסכת שבת, ק׳ה, ווערט פארגעשטעלט א ווילדער כעסן, וואס רייסט זיינע קליידער און ברעכט זיינע כלים ווען ער ווערט בייז, אבוואהל ער טהוטדערמיט קיינעם קיין שלעכטעס ניט, נור זיך אליין, פון דעסטוועגען זאגט אויף איהם דיא גמרא, אז ער איז כאילו עובד כוכבים, גלייך וויא ער דיענט עבודה זרה.

דאס זיינען בלויז איניגע ביישפיעלע פון דיא הונדערטע און הונדערטע מאמרים וואס זיינען צוזייהט און צושפרייט איבער דיא גרויסע ימים פון תלמוד ומדרשים וועגען דער העסליכער מדה פון כעס, און אלס א בעוויז וויא פיין און וויא הויך עס ווערט גע־שעצט דער מענש וואס היט זיך ער זאל ניט זיין קיין מאל אין כעס, פיהרט אונז דיא גמרא דעם סך הכל, און זאגט: מי שאינו כועס הקב"ה אוהבו. ווער עס איז ניט קיין כעסן, האט איהם גאט אליין ליעב. (פסחים, קי"ג).

וואס אנבעלאנגט צו דער העסליכער מדה פון חנופה איז אויך

דאס זעלבע. אונזערע חכמים האבען ביי יעדער געלעגענהייט גע־וואָרענט מענשען מען זאָל ניט רעדען אחד בפה ואחד בלב, מען זאָל ניט זיין מיט איינעם "קוטשעניו־מוטשעניו" און אין הארצען טראַכטען דער רוח זאָל איהם נעהמען.

אין מדרש משלי, ד׳, געפינען מיר, אז "אדם שיש בו חנופה מביא קללה לעולם", א מענש וואס האט אין זיך חנופה איז א קללה פאר דער גאַנצער וועלט. דאס איז ניט קיין זעהר פיינע רעקאָמענ־דיישאַן פאר א חונף.

און דיא גמרא זאָגט אין סוטה, מ"א, אז גאָט הערט ניט צו דיא תפלה פון איינעם וואס איז א בעל חנופה. זיין תפלה איז "אונווירדיג" און גאָט האט איהם פיינד.

דיא חכמים זאָגען אונז אַז, אז אפילו א גביר פון וועלכען מען ערוואַרטעט פערשיעדענע טובות, אפילו איהם טאָר מען ניט חנפ׳ענען. מען דאַרף יעדען געבען כבוד וויא איהם קומט, אבער חנפ׳ענען טאָר מען קיינעם נים.

אזוי שטאַרק וויא אונזערע חכמים האסען חנופה און כעס, אזוי האסען זיי נאָך טויזענד מאָל מעהר דיא שלעכטע מידה פון רכילות און לשון רע. מיר געפינען אין ויק"ר א מערקווירדיגע ריהרענדע געשיכטע, וואס אילוסטרירט אויסגעצייכענט צו וואס רכילות און לשון הרע קענען פיהרען.

איינער האט געהאט א שנור, וועלכע האט ליעב געהאט נור לשון הרע צו פיהרען און רכילות צו טרייבען.

דעם שווער האט עס זעהר געקרענקט, ער האט דערפון געהאט גרוים עגמת נפש, ווייל דער זוהן איז געוועזן א בן יחיד, און ער האט איהם געליעבט מיט זיין גאַנצער נשמה. דענקענדיג, אז זיא איז נאָך יונג, און ער וועט קענען מיט ווערטער אויף איהר ווירקען זיא זאָל ווערען בעסער, האט ער זיא אַלע טאָג געשטראָפט זיא זאָל דיא שלעכטע מדות אוועקוואַרפען און האט זיך ביי איהר גע־בעטען, ער האט פאר איהר געוויינט, זיא זאָל אויפהערען רכילות צו טרייבען און לשון הרע צו רעדען.

אבער וואס דער שווער האט אין איהר מעהר אריינגערעדט, אלץ ערגער איז זיא געווארען, כאטש רעדט צו דער וואנד.

צו דער זעלבער צייט איז איהר נמאס געווארען צו הערען אלע טאג דעם זעלבען מוסר פון דעם שווער, און זיא האט געזוכט פער־שיעדענע וועגען וויא פון איהם פטור צו ווערען.

איין מאל רופט זיא אריין דעם מאן און זאגט איהם:

— מיין טהייערער מאן, איך בעט דיך גיב מיר אן עצה, וואס זאל איך טהאן, דיין פאטער רעדט מיך צו, צו אן עבירה.... ש

— וו—א—ס !? ! האט דער מאן אויסגעשריען א פערציטער־טער, ס'איז אונמעגליך ס'איז ניט אמת! עס קען ניט זיין!

אויב דוא גלויבסט עס מיר ניט, האט די מרשעת גאנץ געלא־סען געזאגט, וועל איך דיר עס איבערצייגען מיט אותות ומופתים, בעהאלט זיך אין אונזער צימער הינטער דער טיהר, וועסט דוא זעהן וויא ער וועט צו מיר קומען און וועט מיר פאלען צו די פיס און וועט וויינען פאר מיר, און וועסט אויך זעהן וויא איך טרייב איהם ארויס וויא מען טרייבט ארויס א הונד . . .

כד הוה, אזוי איז געווען. דער זוהן האט זיך בעהאלטען הינ־טער דער טיהר, און איהר קענט זיך פארשטעלען, וויא ער האט געפיהלט, ווען ער האט ווירקליך געהערט וויא זיין פאטער קומט אריין און הויבט אן בעטען ביי זיין יונגע פרוי, זיא זאל אויף איהם מיטלייד האבען, ער האט זיא זעהר ליעב, און זיא מוז איהם צוליעב טהאן . . .

מעהר האט דער זוהן ניט געדארפט ווארטען, ער האט גלייך געכאפט דעם מעסער, וואס ער האט געהאלטען אנגעגרייט און דעם פאטער אויף טויט דערשטאכען.

שפעטער איז פארגעקומען א טראיל און עס האט זיך ארויס־געצייגט, אז דער ערמארדעטער איז געווען א גאנץ אנשטענדיגער מענש, אז ער האט ביי דער שנור געבעטען, זיא זאל אויף איהם רחמנות האבען און אויפהערען טרייבען רכילות און לשון הרע, זיא זאל זיך שוין אנפאנגען פיהרען אנשטענדיג, און דיא ענדע איז גע־ווען, אז אויך זיא מיט'ן מאן זיינען פעראורטהיילט געווארען צום

טויט, און דער מדרש ברענגט עס אלס אביישפיעל ווי לשון הרע הרג'עט א גאנצע פאמיליע.

רעדענדיג וועגען אמת און שקר, דערצעהלט אונז דיא גמרא, (שבת ק"ד) אז שקר איז צוזאמענגעשטעלט פון דריי בוכשטאבען, וואס שטעהען אין אלף בית איינס נעבען אנדערען, וועהרענד "אמת" איז צוזאמענגעשטעלט פון דריי בוכשטאבען, וואס שטעהען אין אלף בית גאנץ ווייט איינער פון אנדערען. דאס קומט דערפון וואס שקר קריגט באלד א סך חברים, וואס ווערען באהעפט איינער מיט'ן אנדערען, אבער דעם אמת קומט עס ניט אן אזוי לייכט צו געפינען חברים . . .

אויף וויא ווייט אונזערע חכמים האבען געהאסט מענשען מיט פאלשע צינגער קען מען זעהן פון פאלגענדע סאטירישען מאמר אין מסכת ערכין, ט"ו. :

"מה יתן לך ומה יוסיף לך לשון רמיה?" גאט זאגט צו דער צונג: וואס קען מען דיר נאך טהאן, דוא פאלשע צונג? אלע גליעדער, פון מענשען זיינען אויסוועניג, דוא ביזט אינוועניג. דאצו האב איך דיך ארומגערינגעלט מיט צוויי פעסטונגען. איין פעסטונג פון פלייש און איין פעסטונג פון ביין, און דאך ביסט דוא פאלש. וואס נאך קען מען דיר טהאן?....

די ארבייטער פראגע אין תלמוד און מדרשים

ווען מיר בלעטערען דורך אונזערע אלטע ספרים זעהען מיר, אז ארבייט און ארבייטער זיינען געשטאנען זעהר הויך אין דיא אויגען פון אונזערע חכמים.

עס איז ווירקליך אונמעגליך צו פערשטעהען ווארום אין דיא שפעטערע צייטען האט מען אנגעפאנגען גרינג שעצען דעם כבוד פון בעלי־מלאכות, וועהרענד דיא תנאים האבען געהאלטען פון אר־בייט א סך בעסער וויא פון רבנות.

מעגליך, אז דאס קומט דערפון, וואס מיט דער צייט זיינען געווארען בעלי מלאכות נור אזעלכע, וואס האבען ניט געוואלט געהן אין חדר, און האבען ניט געוואלט לערנען, און אזוי וויא אידען אלם אן עם הספר האבען זעהר פיינד עמי הארצים, האט זיך דערפון ענטוויקעלט א שנאה צו בעלי מלאכות, וועלכעס האט גע־פיהרט אזוי וויט, אז ס'איז ענדליך געווארען א שאנדע צו האבען אין דער משפחה א בעל מלאכה, איך געדענק נאך וויא דיא ווייבער פלעגען זיך אין דער היים בעריהמען, אז גאט צו דאנקען אין זייער משפחה איז ניטא קיין בעל מלאכה.

נאטירליך האט דיעזער צושטאנד פון גרינג־שעצען דעם כבוד פון ארבייט און ארבייטער זיך שנעל געענדערט. אזוי שנעל וויא מען האט אנגעפאנגען זעהען ארבייטער וועלכע זיינען געבילדעט און קענען רעדען מיט א מענשען, האט מען זיך ווידער אויפגע־הערט שעהמען מיט בעלי מלאכות, און יעצט איז שוין כמעט קיין אונטערשיעד ניט צווישען בעל מלאכה און דעם סוחר, אלע זיינען צוריק גלייכע מיוחסים געווארען, און קיינער וועט זיך שוין יעצט מעהר ניט בעריהמען דערמיט, אז גאט צו דאנקען אין זיין משפחה איז ניטא קיין איינציגער בעל מלאכה.

פאלגענדע אויסציגע פון תלמוד ומדרשים ציגען וויא הויך מען האט אמאל געשעצט ארבייט און ארבייטער:

גאט האט ניט געמאכט רוהען זיין שכינה אויף אידען ביז זיי האבען א מלאכה. (אדר"נ ל"א).

א מלאכה איז א סך טהייערער פון זכות אבות. (ב"ר פ' ע"ד).

לערנען תורה און ניט קענען קיין מלאכה איז ניט גוט, מען מוז קענען ביידע זאכען. (קה"ר פ"ט).

תורה וואס געהט ניט צוזאמען מיט מלאכה, מוז אם ענדע בטל ווערען און ברענגען צו זינד. (אדר"נ פי"א).

יעדער איד זאל ליעב האבען ארבייט, ווייל אויף ארבייט שטעהט דיא גאנצע וועלט. (אדר"נ פי"א).

זאלסט ליעב האבען א מלאכה און פיינד האבען רבנות. (אבות פ"א מ"י).

אפילו אדם הראשון האט קיין זאך נים טועם טעם געווען ביז ער האט געטהאן א מלאכה. (אדר"נ פי"א).

אזוי גרויס איז דיא קראפט פון מלאכה, אז זיא מאכט דעם מענשען זיכער מיט זיין חיונה און שטעלט איהם דאריבער אוועק אויף אן עהרענהאפטע מדריגה. (ב"ק ע"ט, גטין ס"ח, נדרים מ"ט).

א מענש קען נור געבענשט ווערען, ווען ער טהוט עפעס א מלאכה. דער וואס טהוט גאר ניט, קען קיינמאל קיין ברכה ניט ערווארטען. (ילקוט כתובים, רמז תר"צ).

אז ארעמאן וואס מאכט קיין לעבען ניט, זאל זיך אויסלער־נען א מלאכה, וועט איהם גאט מפרנס זיין, און ער וועט דאן ווי־סען פון א לעבען. (קה"ר ו').

ביזנעס איז ניט אזוי זיכער וויא מלאכה. דער גרעסטער ביז־נעס מאן קען ווערען ארים און אנקומען צו קצבה, ווערענד אר־בייט קען פיעלייכט קיין עשירות ניט געבען, אבער ברויט מיט וואַ־סער שאפט עס צו יעדערער צייט, מען זאל ניט מוזען שטארבען פון הונגער. (סנהדרין, כ"ט).

קיינער זאל ניט זאגען: איך וועל זיצען מיט צונויפגעלעגטע הענד, און ניט טהאן קיין האנד אין קאלטע וואסער, און גאט וועט מיר העלפען. מען מוז ארבייטען און נור דאן וועט גאט זיין ברכה שיקען. (תנחומא ויצא).

דיא בעסטע ארבייט אין וועלכער אונזערע אלטע האבען גע־גלויבט איז געווען ערד־ארבייט, זיי זיינען געווען מיט דער מיי־נונג, אז ערד ארבייט איז דיא איינציגע זאך וואס האלט מענשען געזונד אין קערפער און אין גייסט, און זיי זיינען אין דעם געווען אזוי איבערצייגט, אז זיי האבען געזאגט גאנץ אפען, אז דער וואס האט נים קיין ערד, קיין אייגענע שטיקעל פארם צו בעארבייטען, דער איז גאר קיין מענש נים. (יבמות ס"ג).

אויב דוא האסט א פארם זאלסט דוא זיא בעארבייטען מיט דיין גאנצען כח, דאן וועסט דוא האבען ברויט מיט הרחבה, זאלסט

זיך ניט פערלאזען אנדערע זאלען פאר דיר ארבייטען. (סנהדרין נ"ח).

אויב איהר זיינט אן ארבייטער און ארבייט ביי יענעם, זאלט איהר טהאן אייער ארבייט געטריי. (הדבא"ר פט"ו.)

דער ארבייטער וואס ארבייט פיר א באס מוז וויסען, אז דיא צייט אין וועלכער דארף ארבייטען בעלאנגט צום בעל הבית, ניט צו איהם, ער קריגט פאר דער צייט בעצאהלט, און ווען ער פערבאדערט דיא צייט מיט גאר ניט, איז ער א גזלן, פונקט וויא ער וואלט גנב־ענען קעש געלד ביי איינעם. ב"מ ע"ח).

ווער עס ארבייט עהרליך פאר יענעם וועט אליין אויך ווערען רייך, וויא מיר זעהען מיט יעקב אבינו, וועלכער האט געזאגט: "בכל כחי עבדתי את אביכן" דער נאך שטעהט "ויפרוץ האיש מאד מאד. (רמב"ם הלכות שכירות).

פונקט וויא דער באס טאר ניט גזל'ענען פון ארבייטער זיינע ווייזשעס און דארף איהם גוט בעצאהלען פון זיין ארבייט, אזוי טאר דער ארבייטער ניט גזל'ענען פון באס דיא ארבייט און זיך ארומדרעהען אבי צו פטר'ען דעם טאג. (רמב"ם סוף הלכות שכירות)

ווען איינער נעהמט צו אן ארבייטער אויפ'ן טאג, מעג דער ארבייטער חרטה האבען אפילו אין מיטען טאג, און סטאפען דיא ארבייט, אדער ארויסגעהן אין סטרייק פאר העכערע ווייזשעס. (פסחים ע"ו).

דיא חכמים, טראטץ דעם וואס זיי זיינען ניט געווען קיין פראפעסיאנעלע ארבייטער לידערס, האבען זיי אבער שטארק אגיטירט, אז ארבייטער זאלען קריגען גרויסע ווייזשעס, זיי זאלען קענען מאכען א לעבען בכבוד. אויפ'ן פסוק "גלתה יהודה מעוני", זאגט דער מדרש, אז דער בית המקדש איז חרוב געווארען דערפאר וואס מען האט דיא ארבייטער בערויבט פון זייערע ווייזשעס, מען האט זיי ניט געצאהלט גענוג פאר זייער ארבייט. (איכה רבה א').

דער ארבייטער וועלכער מוז זיך פערדינגען צו ארבייטען פאר אנדערע, דארף מען איהם אם ווענינגסטען מאכען פיהלען, אז ער

קריגט פולע ווערדע פון זיין ארבייט, און ווער עס בערויבט איהם און צאהלט איהם ווענינער, איז גלייך וויא ער רויבט פון איהם אוועק זיין נשמה. (ב"מ קי"ב).

ווער עס בעשעפטיגט ארבייטער מוז זיי צאהלען זייערע וויי־דזשעס אין צייט, און מען טאר זיי ניט צאהלען מיט טשעקס, נור מיט קעש, זיי זאלען עס גלייך קענען נעהמען און ברענגען דער פרוי אויף דער הוצאה. אהן באדער און אהן טראבעל. (סנהדרין צ').

דער באס דארף עהרליך האלטען און רעספעקטירען דעם אר־בייטער וויא זיך אליין. שאול האט זוכה געווען צו זיין מלכות, נור דערפאר וואס דער כבוד פון זיין קנעכט איז ביי איהם געווען טהייער וויא זיין אייגענער כבוד. (פסיקתא רבתא ט"ו).

אויב אז ארבייטער ווערט פערוואונדעט ביי דער ארבייט מוז איהם דער בעל הבית צאהלען ווייזדזשעס ביז ער ווערט צוריק גע־זונד. (ירושלמי ב"ק פ"ה).

מען טאר ניט מבזה זיין אן ארבייטער, מען טאר אויף אן אר־בייטער ניט שרייען און ניט רעדען צו איהם מיט שטאלץ, מען מוז אימער געדענקען, אז ער איז ריכטיג אזא מענש מיט אזא נשמה וויא דער בעל הבית. און רייכקייט גיט נאך קיינעם ניט דאס רעכט צו הערשעווען איבער יענעם. (רמב"ם הלכות עבדים פ"ט הלכה ח').

משה אין דער מדבר

משה האט געפאשעט דיא שאף פון זיין שווער יתרו אין דער מדבר.

אמאל האט פאסירט, אז א שעפסעלע איז פערבלאנדזשעט געווארען פון דער סטאדע און משה האט זיך דערפון זעהר געער־גערט. ער איז ארומגעגאנגען אין דער היץ דעם גאנצען טאג און

האט דאס פערלארענע שעפסעלע געזוכט, ביז ער האט עס געפונען. ער האט דאן דאס שעפסעלע אויף דיא הענד גענומען, האט דאס צוגעטראגען צו א ברונען, האט עס אנגעטרונקען, ארומגעריינינגט פון׳ם שטויב און האט עס נאכהער אוועקגעטראגען צו דער סטאדע.

אין יענעם מאמענט איז ארויס א בת קול פון הימעל און האט אויסגערופען:

— משה! דוא ביסט א גוטער טרייער פאסטוך צו דיין סטאדע, דערפאר וועל איך דיר אויך מאכען פאר א פאסטוך פון מיין סטאדע! איך וועל דיך מאכען אלס לעהרער און פיהרער פון מיין פאלק ישראל. (שמות רבה, ב׳).

דער איד אין געזעלשאפט

קיין פילאזאף אין דער וועלט, סאי פון דיא גאנץ אלטע, סאי פון דיא נייע, האט נאך ניט ערקלעהרט אזוי קורץ און אזוי שארף דיא הויפט פרינציפען פון פאליטישע עקאנאמיע און פון געזעל־שאפטליכען לעבען, וויא דאס האט געטהון דער אלטער אידישער דענקער הילל הנשיא, מיט זיין פעסט געזעצטען כלל:

"אם אין אני לי, מי לי? וכשאני לעצמי, מה אני?" **(אבות).**

דאס מיינט אין אידיש: **אויב איך אליין וועל פאר זיך ניט טהאן, ווער דען וועט פאר מיר טהאן? און אויב איך וועל שוין יא טהאן פאר זיך אליין, ווער בין איך? וואס פאר א ווערטה האט עס?**

הילל הנשיא האט מיט דיא ווערטער געלייגט דעם גאנצען פונדאמענט פון מענשען׳ס געזעלשאפטליכען לעבען. ער האט מיט דיעזע קורצע ווערטער געמיינט צו זאגען, אז יעדער מענש איז בע־שאפען געווארען צו ארבייטען שווער פיר זיין לעבען, אבער ווען ער וועט ארבייטען אלס אן איינצעלנער פערזאן, צו שאפען אלע זיינע בעדירפניסע גאנץ אליין, אהן דיא מיטווירקונג פון זיינע מיט־

מענשען, ווער איז ער, און וואס איז ער? וויא ווער ער עס קענען ערדייכען?

ווערענדן אלע אנדערע בעשעפעניסע געפינען איבעראל זייער שפייז גרייט, און אלעם קומט זיי אן גאנץ לייכט, דארף זיך דער מענש, דיא קרוין פון אלע ברואים, גוט מאטערען איידער ער גע־פינט אלעם וואס ער מוז האבען פיר זיין עקזיסטענץ, און פאר זיך אליין וואלט דער מענש אפילו קיין סעקונדע ניט געקענט עקזיס־טירען.

אלע מוזען ארבייטען פאר איינעם, און איינער פאר אלע.

איינער מאכט שיך, א צווייטער מאהלט מעהל, א דריטער נעהט קליידער, א פיערטער בויט הייזער. א פינפטער באקט ברויט, און אזוי איז דיא גאנצע וועלט ארראנזשירט, אז איינער זאל זיך שאפען מיט׳ן אנדערען, און איינער דעם צווייטען זאל העל־פען אין זיין ארבייט.

דער אקערט און דער זעעט, דער שניידט און דער מאהלט, איינער פערקנעט דאס טייג, דער צווייטער מאכט היים דעם אויווען און א דריטער באקט דאס ברויט. אזוי איז דיא גאנצע וועלט ווי א גרויסע קייט, מיט טויזענדע און טויזענדע רינגעלעך. וואס זיינען באהעפט און האלטען זיך אן איינס אן אנדערען. און אלע מענשען צוזאמען זיינען וויא איין גרויסער ריעזיגער קערפער, וועלכער בע־זיצט מיליאנען גליעדער, וואס העלפען איינער דעם צווייטען און זיינען שותפים אין זייער אלגעמיינע ארבייט. זאנסט וואלט דיא וועלט קיין קיום ניט געהאט.

הילל הנשיא׳ס ווערטער "וכשאני לעצמי מה אני" מיינט אויך, אז אפילו אין גייסטיגען לעבען, קען איין מענש פאר זיך אליין גאר ניט אויפטהאן, און איינער קען ניט אויסקומען אהן דעם אנדערען. עס פאסירט אמאל מיט א מענשען אן אונגליק. ער האט גרוים עגמת נפש פון קראנקהייט, אדער פון טויט אין זיין פאמיליע, אמאל פאסירט א מענש האט מיט זיך אליין א סך טראבעל, ווען עס וואלט זיך ניט געפונען קיינער וואס זאל איהם קומען טרייס־טען מיט א גוט ווארט און ארונטערקאטשען פון זיין הארץ דיא

שווערע זארגשטיינער, וואלט ער עס ניט אויסגעהאלטען און זיין טרויער וואלט איהם צום קבר געטריבען.

דאס זעלבע ווען איינער האט א שמחה, עס איז איהם גוט אויפ'ן הארצען, וואס פאר הנאה קען ער האבען ווען דיא שמחה איז פאר איהם אליין? איבער דעם קומט הילל הנשיא מיט זיין קורצען און שארפען כלל, וואס צייגט, אז דער מענש זאל אימער וויסען און אין זינען האבען דיא אייביגע וואהרהייט. אז ער איז נור איינער, איין גליעד פון דער מענשליכער געזעלשאפט, איין רינגעלע פון דער גרויסער קייט, און אלס אזעלכער דארף ער זיין א מעורב עם הבריות, זיך ניט זוכען צו פערפרעמדען און צו דער־ווייטערען זיך פון אלע, אדער צו טהאן אנדערס וויא אלע טהוען.

דער מענש דארף זיך ניט פרייען צווישען מענשען וואס ווייּ נען, און דארף ניט וויינען צווישען מענשען וואס זיינען פרעהליך. ווייל דיעזע אלע זאכען פיהרען צו קריעג און אונאייניגקייט. ווען מען זעהט, אז דו ווילסט מאכען אן אויסנאהמע, און זיך אבשיידען פון כלל, איז גאנץ נאטירליך, אז אלע וועלען זיך פון דיר דערווייּ טערען, און וועה איז דעם מענשען וואס מוז אין דער גרויסער וועלט בלייבען אבגעזונדערט פאר זיך אליין. כשאני לעצמי מה אני?

דיא גמרא זאגט אין מסכת תענית. "כל המצער עצמו עם הצבור, זוכה ורואה בנחמת צבור". ווער עס נעהמט אנטהייל אין דיא אונגליקען פון א געמיינדע און נעהמט זיך ניט ארויס פונ'ם כלל, דער וועט זוכה זיין צו זעהען וויא דיא געמיינדע וועט געהאל־ פען ווערען, און דער וואס שיידט זיך אב מדרכי צבור, ער מעג זיין וויא פיין, און קיין עבירה ניט בעגעהן, נור ער שיידט זיך אב און האלט זיך אבגעזונדערט פון כלל ישראל. ער נעהמט ניט קיין אנטהייל אין זייערע צרות, און פאסט ניט אין זייערע תעניתים, נור ער געהט זיך זיין אייגענעם וועג, איז, אין לו חלק לעולם הבא. (רמב"ם, הלכות תשובה).

דער וואס וועט אימער האלטען פאר דיא אויגען דעם כלל, "כשאני לעצמי מה אני?" וועט עס איהם אויך פערהיטען פון דער העסליכער מידה פון גאוה, פון גרויס האלטען זיך געגען אנדערע.

דיא מענשליכע געזעלשאפט בעשטעהט פון א זאמלונג פון מענשען וואס זיינען אלע גלייך איינער צום אנדערען, אלע ווערען גלייך געבארען, אלע האבען איינע און דיא זעלבע אינטערעסען ווען זיי לעבען, און אלע שטארבען גלייך, און ליגען נאכדעם אין דער זעלבער ערד. קיינער האט זיך ניט דאריבער מיט וואס צו האל־טען גרעסער און העכער פון אנדערען.

דער זעלבער הילל הנשיא, האט געזאגט, װעגען גדלות און גאוה: "נגיד שמא אבד שמיה". דער וואס יאגט זיך נאך כבוד און וויל נור, אז זיין נאמען זאל קלינגען איבער אלע, דער וועט אם ענדע אין גאנצען זיין נאמען פערליערען, ווייל פון נאטור זיינען אלע מענשען גלייך געשאפען, און א געזעלשאפט פיהלט זיך ער־ניעדעריגט און בעליידיגט ווען איינער קומט און וויל זיך צונעה־מען דעם גאנצען כבוד, אין וועלכען יעדער איינער האט א גלייכען חלק, ווייל איין מענש אליין פאר זיך, וואלט גאר ניט געקענט אויפ־טהאן, און קיין אונטערשיעד וויפיעל גוטע זאכען א מענש טהוט, וואלט ער עס געקענט עררייכען ווען זיינע שותפים, די איבעריגע מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט, זאלען איהם ניט געווען העלפען.

אונזערע אלטע חכמים, וועלכע זיינען געווען דיא אמת'ע גדולים, האבען שרעקליך געהאסט די מידה פון גדלות, זיי זיינען ביי זיך געווען אזוי קליין, אזוי פשוט און איינפאך, אז מען קען זיך ניט העלפען, מען מוז זיי פערגעטערען, עס איז פאר זיי ניט געווען שווער צו טהאן, קיין זאך, אבי יעמאנד זאל נור דערפון הא־בען א טובה, חסד און צדקה האבען זיי געטהאן מיט יעדען און זיי־נען געווען גלייך מיט'ן קלענסטען. זיי האבען געטהאן די שווערסטע און אונאנגענעהמסטע ארבייט, קוים נור האבען זיי געוואוסט, אז מיט דעם וועלען זיי טהאן א טובה א ברודער, און פאר א ברודער האבען זיי גערעכענט יעדען איינעם וואס איז בעשאפען בצלם אלהים.

מיר געפינען אין מסכת נדרים, צום ביישפיעל, אז רבי עקיבא האט בעדיענט זיין תלמיד און האט זיך גאר ניט געשעהמט און ניט געזאגט גברא רבה אנא, איך בין א גרויסער פארנעהמער מענש,

דאס ביסעלע גאוה. (א שמינית שבשמינית) וואס א תלמיד חכם מעג האבען, האבען זיי בענוצט און געברויכט נור אין דער צייט ווען זיי האבען דערמיט געקענט טהאן גוטעס דער מענשהייט. אבער אין דיא ערטער וואו מען האט געדארפט טהאן גוטעס דורך ערניעדריגען זיך, האבען זיי ניט געקעהרט פאר זייער כבוד, און האבען זיך ערניעדריגט.

דיא גמרא דערצעהלט אונז, אז רבי עקיבא'ס א תלמיד איז אמאל קראנק געווארען, און רבי עקיבא איז אוועק צו איהם זעהען וואס ער מאכט אין צימער האט ער דערזעהען, אז דער דלות פייפט אין יעדען ווינקעלע, דער קראנקער איז עלענד און ארים. ער האט ניט ווער עס זאל איהם בעדיענען, ווער עס זאל איהם א טרונק וואסער דערלאנגען, דיא בעט איבערבעטען, דיא רום אויסקערען, דאס מיסט און דעם שמוץ אויסראמען, דיא לופט פאר'ן קראנקען עטוואס ריינער מאכען.

און רבי עקיבא האט לאנג ניט געטראכט. ער האט זיך גלייך אויסגעטהאן זיין ראק, געכאפט א בעזים אין האנד און האט זיך גענומען צו דער ארבייט. און אזוי איז ער געבליבען אלס משרת ביים תלמיד, ביז דער תלמיד איז פאלשטענדיג געזונד געווארען. רבי עקיבא האט אליין געראמט דיא רום, געקאכט און געבאקען אלעס פאר'ן קראנקען, געמאכט זיין געלעגער, וויא ער וואלט זיין ניט א רבי עקיבא, וואס איז דאן געווען איינער פון דיא גרעסטע מענער אין דער וועלט, נור וויא אן איינפאכער משרת, וואס ארבייט אום צו פערדיענען זיין לעבען דערפון.

ווען דער תלמיד איז ארונטער פון בעט א געזונדטער, האט ער נאטירליך זעהר געדאנקט רבי עקיבא'ן פאר זיין טרחה און פאר זיין גוטהערציגקייט און האט איהם געזאגט:

— רבי, איהר האט מיך פון טויט גערעטעט! ווען ניט איהר, מיט אייער גוטען כאראקטער, וואלט איך געווים געווען געשטאר־בען. דער גוטער גאט זאל אייך פאר אייער גוטע הארץ בעלוינען!

דיא גמרא דערצעהלט אונז ווייטער, אז זייט דאן האט רבי עקיבא גענומען דרש'ענען פאר'ן עולם, אז דער וואס געהט ניט

מבקר חולה זיין א קראנקען, איז ריכטיג וויא ער וואלט זיין א מער־דער, א שופך דמים.

עולם הזה און עולם הבא.

דער וואס לערענט משניות, אדער תלמוד, און הערט זיך גוט צו צו וואס ער לערנט, וועט בעמערקען, אז יעדער תנא האט פער־פאלגט א געוויסען ציעל אין זיין לעבען. ער האט געוואלט איינ־פלאנצען א געוויסע לעהרע, און וואס נור ער האט ערגעץ געזאגט עפעס ביי יעדער געלעגענהייט, האט עס רק געפיהרט צו זיין ציעל אדער צו זיין סיסטעם, און קיין תנא האט ניט גערעדט, אדער גע־טהאן א זאך, וואס זאל זיין געגען זיינע אידעען וואס ער האט בע־אבזיכטיגט צו פערשפרייטען צווישען פאלק.

דער וואס שטודירט גוט דאס לעבען און דיא אויפפיהרונג פון אונזערע תנאים וועט אויך בעמערקען, אז טראטץ דעם וואס יעדער איינער האט געהאט א גאנץ אנדער וועג און גאנץ אנדערע איבערצייגונגען אין לעבען, פון דעסטוועגען האט איינער דעם אנ־דערען ניט גע׳רודף׳ט און ניט געזידעלט. קיינער האט קיינמאל ניט אויפגעווארפען דעם צווייטען פאר א בזיון, וואס ער איז אמאל געוועזן א שוסטער, אדער א שמיד, א האלץ העקער, אדער גאר א פאסטוך.

איינער האט בעטראכט דעם אנדערען אלס א קעמפפער פאר יודענטהום און זיי האבען זעהר געשעצט און אבגעגעבען כבוד איי־נער דעם צווייטען, זיי האבען זיך פערהאלטען מיט דער גרעסטער טאלעראנץ צו־יענעם־ס איבערצייגונגען, אבי יענער איז נור געווען אן ארדענטליכער מענש.

אלעס וואס דיא תנאים האבען געזאגט מיט איבער צוויי טוי־זענד יאהר צוריק וועט אימער און אייביג בלייבען וויא געשליפענע

בריליאנטען צוגעקליעבען און צוגעפּאסט איינס צום אנדערען, און אלע זייערע דינים זיינען וואונדערבאר אין הארמאניע מיט זייערע מעטאדען און מיט זייערע צוועקען וואס זיי האבען פערפאלגט.

דיא תנאים און אמוראים האבען געהאט דריי פערשיעדענע לעהר־ססיטעמען :

איין סיסטעם איז בעשטאנען אין ערהויבען דיא אידישע מאַראל — דער איד זאל זיין א פיינער מענש און זאל זיך אויפפיהרען אנשטענדיג.

דיא אנהענגער און פּרעדיגער פון דיעזער ססיטעמע האבען אנגענומען דיא מעטאדע, אז דיא פליכטען וואס איין מענש האט צום אנדערען, אלס מענש צו מענש, קומען פריהער וויא דיא פליכטען וואס דער מענש איז מחויב צו טהאן פאר גאט. אדער וויא עס ווערט אויסגעדרוקט מיט זייערע אייגענע ווערטער. אז צו ערשט קומען דיא "מצות שבין אדם לחבירו". נאכהער ערשט קומען דיא "מצוה שבין אדם למקום".

דיא צווייטע סיסטעמע איז בעשטאנען פונקט אין געגענזאץ פון דער ערשטער. איהרע אנהענגער און פּרעדיגער האבען בעהויפּטעט, אז אויפ'ן ערשטען פּלאץ מוזען שטעהן דיא "מצות שבין אדם למקום", און נאכהער ערשט זאלען קומען דיא "מצות שבין אדם לחבירו", זיי זיינען געווען מיט דער מיינונג, אז דער מענש וואס וועט זיין פרום צו גאט, וועט שוין במילא אויך זיין גוט צו מענשען.

דיא דריטע סיסטעם איז בעשטאנען פון דיא וואס האבען, מאַראל און יראת שמים געשטעלט אויף א גלייכע מדרגה. איינס ניט העכער פון צווייטען.

מיר וועלען נעהמען אלס ביישפּיעל דיא צוויי לעהר־סיסטעמען פון דיא בית שמאי און בית הילל.

זיי ביידע, שמאי און הילל, האבען געלעבט אין איין צייט. זיי האבען געלעבט הונדערט און צוואנציג יאהר פאר'ן חורבן בית שני, זיי זיינען ביידע געווען תלמידים ביי שמעיה און אבטליון, און האבען געשטאמט פון גאנץ פערשיעדענע קלאסען מענשען.

הילל איז געווען אן עני ואביון, א פשוט'ער מענש. א האלץ־העקער, און שמאי איז געווען זעהר רייך. ער האט געשטאמט פון דער העכסטער אריסטאקראטי.

און אבוואהל זיי זיינען ניט געווען גלייך אין בעשטאנד און האבען בעלאנגט צו גאנץ אנדערע און פערשיעדענע לעהר־סיסטע־מען, זיינען זיי דאך געווען דיא בעסטע גוטע פריינד צווישען זיך, אין דיא אידעען האבען זיי אימער געקריעגט, אבער אין זייער פריוואט לעבען האבען זיי געלעבט אין שלום און אחדות און האבען זיך ליעב געהאט וויא אייגענע ברידער.

און צו פערשטעהן ריכטיג וויא וויט דיא בית שמאי און בית הילל זיינען געווען וויט איינער פון אנדערען אין זייערע סיסטע־מען, און אויף וואס פאר אן ארט און ווייזע זייערע דיספיוטען זיינען פארגעקומען, וועלען מיר דא ברענגען איינגע ביישפיעלע :

איז משניות מועד, פרק א', משנה ג', געפינען מיר דיא מחלוקה צווישען בית שמאי און בית הילל איבער פאלגענדען געגענשטאנד: דיא בית שמאי זאגען, אז אויף דער נאכט דארף זיך דער מענש לייגען שלאפען און לייענען קריאת שמע אויפ'ן געלעגער, און אין דער פריה, מוז ער אויפשטעהן לייענען קריאת שמע, ווייל אזוי שטעהט אין פסוק "ובשכבך ובקומך", דאס הייסט, דוא זאלסט לייע־נען קריאת שמע ליעגענדיג און אויפשטעהענדיג.

אזוי זאגען דיא בית שמאי, קומען אבער גלייך צוגעהען דיא בית הילל און זאגען : ניין, דאס איז ניט קיין מוז. יעדער מענש קען זיך לייענען קריאת שמע, וויא און ווען ער וויל, וויא איהם איז בעקוועהמער.

דערמיט ווערט גלייך ביים אנפאנג פון משניות ארויסגעצייגט וויא דיעזע צוויי פארשטעהער, פון צוויי פערשיעדענע לער־סיסטע־מען, האבען פערשיעדענע אנשויאונגען איבער'ן יודענטהום. מיר זעהען, אז דיא קאנסערוואטיווע בית שמאי האלטען זיך שטרענג אין דעם בוכשטעבליכען זינן פון יעדער ווארט אין דער תורה: וועהרענד דיא בית הילל, טראכטען דעם וואס זיי זיינען אויך אזוי פרום וויא דיא בית שמאי, זיינען זיי אבער צוזאמען דערמיט מעהר

פּראָגרעסיוו, און זיי ווילען האָבען, אַז צו דער זעלבער צייט וואָס דער מענש גיט זיך אָב מיט עבודת הבורא, זאָל ער אויך ניט זיין געצוואונגען צו טהון דיא זאַך אָהן איבערלעגונג. און זיי זאָגען, אַז דער איד אַלס פּרייוויליגער מענש קען בעטען גאָט נאָך זיין גע־וועהנליכען שטייגער, און אַז "בשכבך ובקמך" מיינט ניט דוקא אויפ'ן געלעגער, און ניט שטעהענדיג נור אין דער צייט ווען מענ־שען לייגען זיך און שטעהען אויף, דאָס קען הייסען אבענד און אין דער פריה.

ווייטער אין פּרק ח', משנה א', פאַנגט זיך אַן אזוי: "אלו דברים שבין בית שמאי ובית הילל בסעודה", דאָס זיינען דיא זאַ־כען איבער וועלכע דיא בית שמאי און בית הילל דיספּיוטירען אין דער געלעגענהייט פון עסען און טרינקען. "בית שמאי אומרים מברך על היום ואחר כך מברך על היין, ובית הילל אומרים מברך על היין ואחר כך מברך על היום". דאָס הייסט אין אידיש, דיא בית שמאי זאָגען, אַז מען דאַרף שבת ביים קידוש פריהער זאָגען, מקדש השבת, און דער נאָך דיא ברכה בורא פּרי הגפן, אַז קודם כל דאַרף מען דאַנקען גאָט וואָס ער האָט געגעבען דעם שבת. און דער נאָך ערשט דערפאַר וואָס ער האָט בעשאַפען דעם וויין. און דיא בית הילל זאָגען, אַז פריהער דאַרף מען דאַנקען גאָט וואָס ער האָט בעשאַפען דעם וויין, און דערנאָך ערשט דאַרף מען איהם דאַנקען פאַר'ן שבת. דאָס צייגט שוין מעהר בולט, אַז לויט דעם סיסטעם פון דיא בית שמאי איז דער עיקר דיא מצות וואָס "בין אדם למקום", און דיא וואָס בין אדם לחבירו שטעהען ביי זיי אויפ'ן צווייטען פּלאַץ, וויין און עולם הזה איז אַ קלייניגקייט, דער עיקר איז אַ וועלט, און מען דאַרף פריהער דאַנקען גאָט פאַר'ן וויין וואָס איז גוט אויף דער וועלט, דער נאָך ערשט פאַר דיא זאַכען וואָס זיינען מזכה דעם מענשען אויף יענער וועלט.

און טאָיע באַלד קומט דיא מחלוקה וועגען אַ צווייטען דין. "בית שמאי אומרים נוטלין לידים ואחר כך מוזגין את הכוס, ובית הילל אומרים מוזגין את הכוס ואחר כך נוטלין לידים". דאָס הייסט, דיא בית שמאי הייסען פריהער וואַשען דיא הענד, דערנאָך אָנגי־

סען דעם כוס און אויסטרינקען דעם וויין. און דיא בית הילל היי־סען פריהער אנגיסען דעם וויין און אויסטרינקען, און ערט דערנאך וואשען דיא הענד.

דא זעהען מיר ווידער דיא פערשידענע צוויי וועגען אין וועלכע דיזע צוויי גדולים זיינען געגאנגען אין פראקטישען און גייס־טיגען לעבען פון יודענטהום. ביי דיא בית שמאי קומען פריהער דיא פליכטען צו גאט, און ביי דיא בית הילל קומען פריהער דיא פליכטען צום פראקטישען לעבען.

אזוי זעהען מיר אין יעדער זאך, וואו נור עס איז פארגעקו־מען א פראגע וואס האט צו טהון מיט יודענטהום, וויא גרויס אדער וואו קליין דיא פראגע איז געווען, האבען דיא בית שמאי אימער קודם אין זינען געהאט זיך אנצונעהמען גאט'ס קריוודע, און ביי דיא בית הילל איז אימער געקומען פריהער דער מענש:

א ריכטיגען בעוויין דערצו, גיט אונז דער מדרש רבה, גלייך אין אנפאנג בראשית:

"בית שמאי אומרים השמים נבראו תחילה, ואחר כך נבראת הארץ", דיא בית שמאי זאגען, אז פריהער איז בעשאפען געווארען דער הימעל, דערנאך דיא ערד, ובית הילל אומרים, און דיא בית הילל זאגען, אז פריהער איז בעשאפען געווארען דיא ערד, דערנאך דער הימעל. "אלו ואלו מביאין טעם לדבריהן", ביידע ברענגען מאטיווען צו זייערע בעהויפטונגען. לויט דיא בית שמאי וואס זאגען, אז דער הימעל איז פריהער בעשאפען געווארען, דערנאך דיא ערד, איז עס א משל צו א קעניג וואס בויעט א טהראן, מאכט ער פריהער דעם טהראן, דערנאך מאכט ער דאס פיס בענקעלע. און נאך דיא בית הילל וואס זאגען, אז פריהער איז בעשאפען גע־ווארען דיא ערד און נאך דעם דער הימעל, איז עס א משל צו א קעניג וואס בויעט פאר זיך א שלאס, בויעט ער געוועהנליך פריהער דיא אונטערשטע שטאק, נאכהער דיא אויבערשטע.

אין דער אלעגאריע דריקען זיך אוים דייטליך די אנשויאונ־גען פון בית הילל איבער דער וועלט. אז דער עיקר, דער פונדא־מענט, איז דיא ערד. דיא וועלט און אלע דינים וואס עקזיסטירען

אוי דער וועלט, מוזען נור פיהרען צו דער פערברודערונג פון דער מענשהייט, איינער דעם אנדערען זאל ניט איינשלינגען, וויא דיא בייזע חיות פיהרען זיך. און דיא בית שמאי סיסטעם האט אם מעהרסטען נור אין זינען געהאט דעם הימעל און עולם הבא. מעג־ליך, אז איבער זיין רייכקייט, און וויל ער האט קיינמאל פון דחקות ניט געוואוסט, האט ער ניט געפיהלט, אז דיא מענשהייט ליידעט שרעקליך, פיעלייכט האט ער געדענקט, אז דא האבען אלע אלעס, אזוי וויא ער, און אלעס וואס זיי פעהלט איז עולם הבא.

רעדנערס פון אלע וועלט טהיילען.

זאגען עדות, אז דער בעסטער בוך וואס איז געשריעבען געווארען

אין אידיש פיר רעדנערס, איז דער בוך

תורה צו גאט און צו לייט

— פון —

::—:: חיים מאליץ ::—::

צו יעדער פרשה פון וואך קומט א פראכפאלע רעדע פון מיט תורה, חכמה און שארפען וויץ און דורכגעוועבט מיט דיא זיידענע פאדים פון שעהנע קורצע משלים און מעשה׳לעך פון תלמוד ומדרשים.

דער בוך קומט זעהר שעהן געדרוקט און רייך געבונדען.

פרייז 2.00 דאלאר.

עס איז נאָר וואָס ערשיענען

אַ דריטע אויפלאגע פונ׳ם רעדנער בוך

תורה צו גאָט און צו לייט

— פון —

::—:: חיים מאליץ ::—::

דיעזעס בוך — תורה צו גאָט און צו לייט — איז אַ רעפערענס־בוך פאר אידען, וועלכע קומען אָפט רעדען פאַר אַ פובליקום.

ס׳איז אַ בוך, וואָס איז אַן אונערשעפּליכע קוועלע און ברענגט זעהר גרויסע נוצען צו רבנים, וועלכע רעדען אין שוהלען; צו פּרעזידענטען פון לאָדזשעס און סאָסייעטיס, וועלכע דאַרפען פון צייט צו צייט אַדרעסירען זייערע פערזאמלונגען, און צו יעדען אינטעליגענטען מאַן אָדער פרוי, וואָס האָט אָפט פערשיעדענע געזעלשאַפטליכע אַסיפות צו אַטענדען, ביי וועלכע די עטיקעטע פאָדערט צו האַלטען אַ רעדע, און עס זאָל זיין, ווי מ׳זאָגט, וידבר—גערעדט—עס זאָל זיין וואָס צו הערען.

דיעזעס בוך וועט פאַר אייך אויסשניידען אַ וועג, איהר זאָלט קענען האַלטען פערשיעדענע רעדעס ביי יעדער געלעגענהייט פערבונדען מיט יעדער פּרשה פון וואָך, אויף אַזאַ אַרט און ווייזע, אַז אַלעס וואָס איהר וועט זאָגען, וועט זיין דורכגעוועבט מיט די גאָלדענע פּערדים פון תורה, חכמה און וויץ.

פּרייז 2.00 דאָלאַר.

צו בעקומען ביי׳ם פערפאסער

מוכרי ספרים און האָלסיילער זאָלען זיך ווענדען צו

מר. דרוקערמאַנ׳ס בוך האַנדלונג 50 קאַנעל סט., נ. י.

CHAS. MALITZ
285 HEWES ST.
BROOKLYN, N. Y.